STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10552

BAY HEYMISHE SHVELN

Efraim Shreier

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אפרים שרייער

ביי היימישע שוועלן

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון ליטעראַטור־פאָנד
ביים יידישן שרייבער־פאַראיין אין ישׂראל.

אפרים שרייער

ביי היימישע שוועלן

איינדרוקן, עסייען, פּראָפילן

פארלאג
י.ל. פרץ
ישראל

1976 / תשל״ו

EFRAIM SCHREIER
Bay Heimische Schveln

אפרים שרייער / ביי היימישע שוועלן

פאַרלאַג י. ל. פרץ
רח׳ אלנבי 31, תל־אביב,

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby St., Tel-Aviv, Israel

© Copyright by Efraim Schreier

Printed in Israel 1976

נדפס בישראל תשל״ו

סידור: משה חמיאל

הדפסה: ״חבצלת״, הרציליה

דעם אָנדענק פון מיינע עלטערן :

יחזקאל שלמה בן אברהם דוד,
גיציע בת הרב נתן שמואל
און מיין שוועסטער צירל — געהייליקט

אינהאַלט:

9 נעכטיקע טעג (ערב מיין עליה)

א

15 ביים סדר אויף אוראַל
17 פון האַמבורג (סאַן פּאַולי) ביז בערגען-בעלזען (טויטן-לאַגער)
23 טאַמאַס מאַן אין דער קירכע פון סאַן פּאַולוס
28 צום ערשטן מאָל אין פּאַריז
32 סקאַנדינאַוויע
39 האָלאַנד — אַמסטערדאַם
43 שווייץ — פון גענף ביז די אַלפּן
45 רומעניע און טערקיי
53 די צויבער-פּאַנאָראַמע
57 דמיון און וואָר — ירושלים
60 צפת

ב

63 אלה (פון עדינבורג קיין לאָנדאָן)
67 די פרוי אין ווייסן
72 טעססאַ

ג

77 מיין ליבע צום טעאַטער
79 אירענאַ אייכלער (מיין ערשטע באַגעגעניש מיט דער פּוילישער שוישפּילערין)
86 יוסף בולאָוו
88 גרעטאַ גאַרבאָ
90 מאיר מרגלית

ד

97 די אַבסורד-ריכטונג אין טעאַטער
104 אינהאַלט און פאָרעם ווי איין פונקציע
108 ריטם און צייט אין דער שאַפונג

ה

113 י. ל. פּרץ, ש. אַנסקי און ה. לייוויק אין דער דראַמע
123 י. מ. ווייסענבערג (די אינטויטיווע עקספּלאָזיע)
125 א. מ. פוקס
129 ש. בערלינסקי
132 י. ראַפּאַפּאָרט
135 דב בער מאַלקין
137 אברהם ליס
140 מיין רעדאַקטאָר דניאל לייבל (אַלעקסאַנדער)
143 יוליאַן טוּווים

ו

147 חיים ווייצמאַן
150 די מאַמע גאָלדע
152 י. זרובבל
156 זאב אַבראַמאָוויטש
159 סטאַניסלאַוו דיבואַ
162 יוסף ראָזען
165 איוואַן מאַקוך
168 צווישן די לעצטע דער ערשטער

נעכטיקע טעג

(ערב מיין עליה)

ווען מען האַלט ביים עולה זיין, טויכן ווידער אויף אַלע ווייען און פריידן פון פאַרגאַנגענעם. עס טויכן אויף ערגעץ־ווו, פון די טיפסטע טיפע־נישן, פערזענלעכער איינזאַמקייט, די סודות — דער סוד, וועלכער האָט דיך אין דיין אינטימקייט באַגלייט אַלע יאָרן. עס וואַכן אויף דערינערונגען, וועלכע אַ נעפּל פון פאַרגעסנהייט האָט שוין לאַנג פאַרשטעלט, עס אַנט־פּלעקן זיך געפילן, וועלכע האָבן אויסגעוויזן שוין לאַנג פאַרשוווּנדן צו זיין.

ווידער באַהערשט דעם גאַנצן וועזן אַן אָפּשיין פון נעכטן, דער אָפּהילך פון אייערנעכטן. מיט אַ מאָל וואַכט אויף אין אונדז: ליבע, בענקשאַפט צום אַמאָליקן, פאַרגאַנגענעם. מען ליבט דאָס פאַרבייאיקע גוטע און אפשר נאָך מער דאָס ביטערע, דאָס שלעכטע, דאָס דראַמאַטישע פון אונדזער לעבנס־ציקל.

בענקשאַפט נאָך די געזיכטער, וועלכע האָבן קיין מאָל קיין שמייכל צו דיר נישט געטאָן; נאָך די אויגן, וואָס האָבן דיך קיין מאָל נישט באַ־מערקט.

בענקשאַפט אַהינצו, ווו דער גורל האָט די טיר פאַר דער נאָז פאַר־שפּאַרט; בענקשאַפט נאָך דעם, וואָס האָסט קיין מאָל נישט דערגרייכט; בענקשאַפט נאָך די טעג, וועלכע האָסט קיין מאָל נישט באַגערט.

פאַרלאָזנדיק דעם קאָנטינענט באַהערשן באַזונדערע געפילן, דאָס באַ־וווסטזיין זאָגט אונטער: נישט ווייט, אפשר הונדערטער, אפשר טויזנטער קילאָמעטער טיילן דיך אָפּ פון דיין געבורטס־שטאָט, דיין היים. און אויב דו ווילסט, דיין פאָטערלאַנד.

דערמאָנסט דאָס קליינע שטעטל אין גאַליציע, די אַרומיקע אוקראַאינישע גרינע לאַנעס שוואַרצערד, שיטערע וועלדלעך — דאָס איז געווען דיין וועלט; דאָרט געבאָרן, דערצויגן — דאָרט אַ קינד געווען; דאָס ערשטע מאָל אין לעבן געליבט, געוויינט, באַוווּנדערט די שיינקייט, אַנטפּלעקט אין

זיך דיין אייגנאַרט — זיך אַליין דערקענט. אַלץ איז געבליבן אין זכּרון: יעדע איינצלהייט, יעדער עפּיזאָד, וואָס איז פאַרבונדן מיט היים, געסל, ווינקעלע, מיט שכנים, מיט קינדער און דערוואַקסענע. אַלץ לעבט: דער פאַרדאַגהטער אויסדרוק פון טאַטן, די טריבע אויגן און שווייגנדיקע ליפּן פון דער מאַמען. ווייטער: דאָס חדר, די מלמדים — ווי פאַרשידן זענען זיי געווען: גוטע, בייזע, קלוגע, שטאַמלדיקע, שלעפעריקע און אײַליקע. די טונקעלע ווינטערנעכט מיט די לאַמטערנעס, דער פּחד, וואָס האָט גע־הערשט אין דער קריסט־נאַכט — „בלינדע נאַכט".

ערשט נעכטן איז עס געווען, דאַכט זיך, אַז כ׳בין אַ שילער געווען. כ׳געדענק יעדע שול־באַנק, דאָס אָרט, ווו כ׳בין געזעסן, אַלע קלאַסן, יעדן לערער, די שולבאַנק־שכנים, יעדנס געוווינהייט און מידות. כ׳פיל נאָך פריש דעם ברי פון לערערס באַמבוס־שטעקעלע; יעדער לערער, אַ וועלט קאַפּריזן. פעריען, דער סוף פון שול־יאָר. אַלע קינדער האָבן זיך פאַר־זאַמלט אין הויף. ס׳באַהערשט מיך נאָך איצט די מעלאָדיע פון יענעם ליד: „זאַ ראַק, זאַ דזיען, זאַ כווילע, ראַזעם ניע בענדזיע נאַס". ווי טרויעריק דאָן איז געווען, איינזאַם אויף דער קינדישער נשמה.

פאַרסט אָפּ און דערווייטערסט זיך פון שטעטל, פון דיין אַמאָל, ווו האָסט אַלץ איבערגעלאָזט, אַלץ. דאָרט האָבן זיך געפורעמט די געוועבן פון חלומות און פאַרשטעלונגען וועגן דער צוקונפט אין אַ שטורמישן דיאַלאָג מיט זיך. לאַנג האָסטו אַדורכגעווייטיקט אַלע שטערונגען און ספקות. פון דאָרט האָבן מיט אַ מאַגישער קראַפט טויזנטער בענדער געצויגן אַהינ־צו, אין דער גרויסער שטאָט — צו וואַרשע. דאָרט האָסטו טרוימען גע־שפּינט און דאָרט זענען דיינע טרוימען צערונען געוואָרן.

מיר זענען טאַקע „פּאַספּאַרטלאָזע", מיט וויפל ליבשאַפט אָבער, סענטי־מענט און צוגעבונדנקייט, דערמאָנען מיר די פאַרלאָזטע היימלענדער. נישט לייכט וואַרצלט מען פון זיך אויס צוגעבונדנקייט צו היים און סביבה. אַפילו דער ניגון פון פרעמדן, פיינטלעכן אַרום פאַראייביקט זיך און נעמט קיין מאָל פון דיר קיין אָפּשייד נישט. דער אינערלעכער ניגון איז אַלץ. אויפן ניגון פאַרעמסטו די געפילן דיינע, ליידנשאַפטן, דיין לעבנס־נוסח. נאָך ביז היינט ציטערט אין מיר אַלץ אויף ווען כ׳דערהער, כ׳דערפיל דעם ניגון פון דער אוקראַיִנישער מעלאָדישער דומקע, הגם מען וויל דערפון איין מאָל פאַר אַלע מאָל פּטור ווערן, מיט גוואַלד עס פון זיך אַרויסרייסן.

פאַרסט אָפּ און דערוויטערסט זיך פון וועלדל „קאַהאַווע", פון דער „פּאַליאַנקע", ווו האָסט די שענסטע יוגנט־יאָרן פאַרבראַכט. דאָרט אין וועלדל אויף נאַכט־אויספלוגן געגאַנגען, אַ פייער צעפלאַקערט; פון דאָרט האָט זיך געטראָגן דער שיינער ניגון „ירדן, ירדן"...

דערוויטערסט זיך פון דער היימשטאָט, וואָס הייסט טאָלמיטש. וואַרשע, די שטאָט, וואָס האָט געזעטיקט די הייסטע באַגערן און פאַרלאַנגען פון יוגנט־טרוים אין קליינעם שטעטל. די שטאָט, וואָס האָט אָפּט אַנטוישט און צעשטויבט דיינע פּלענער, איז דאָך ביז היינט געבליבן אַזוי נאָענט און אייגן, אָרגאַניש פאַרבונדן מיט די פילבאַרסטע געוועבן פון דער נשמה. פיל, זייער פיל, אַלץ איז פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער שטאָט — וואַרשע.

ווען אין 1939 האָב איך פאַרלאָזט וואַרשע און שפּעטער, אין 1941, מיין מוטער־היים, צום לעצטן מאָל הינטער זיך פאַרקלאַפּט די טיר פון עלטערן־הויז, האָב איך דערפילט: היים איז פאַרגאַנגענהייט.

✶

שפּעטער, אוקראַיִנישער פראָנט, וויטער אוראַל, סווערדלאָווסק — די גרענעץ צווישן אייראָפּע און אַזיע. דאָרט האָט ווידער די גרויסע בענקשאַפט נאָך היים, פּוילן, וואַרשע, צום לעבן גערופן אַזאַ אומגעהויערע קראַפט פון לעבנסווילן, וואָס האָט געהאָלפן אַדורכהאַלטן, אַדורכמאַכן די שווערסטע טעג פון מלחמה־יאָרן. גאַנצע ווינטער־נעכט האָב איך אין דער איינזאַמקייט געחלומט, ממש קרענקלעך געחלומט — וועגן וואַרשע, יעדער גאַס, יעדן ווינקל פון שטאָט.

דאָס גרעסטע גליק, געפיל פון פרייד, האָב איך ביי דער גאַנצער אינערלעכער צעבראָכנקייט געהאַט, ווען כ'בין דאָס ערשטע מאָל נאָך דער מלחמה געקומען קיין וואַרשע. מיט צער און הייליקן ציטער האָב איך אין זיך אַריינגעזאַפּט יעדן טראָט אונטער די פיס אויף די וואַרשעווער גאַסן. יעדער שפּאַן, יעדער שטיין, יעדעס ווינקל, יעדעס הויז האָט דערמאָנט: היים, לעבן, פאַרגאַנגענהייט. כ'האָב דערהערט דעם אָפּהילך פון אינטימען אומרו, וואָס איז גלייך מיט אַלץ צו שטויב געוואָרן.

דאָרט, ווו האָסט איבערגעטראָגן, אויסגעוויטיקט אין דער שטיל, פאַרבאָרגן דעם סוד פון דיין לעבנס־געהיימעניש, וועלכן יעדער מענטש פאַרמאָגט און דערציילט נישט קיינעם; דאָרט איז דיין פאַרגאַנגענהייט, דאָס פאָטערלאַנד פון דיין נשמה.

פיל, פיל ווייטער ווי וואָרשע געפינט זיך סווערדלאָווסק, אוראַל. ס'וואָלט געווען נישט גערעכט ווען ביים אָפּפאָר און געזעגענונג מיט דער פאַרגאַנגענהייט, זאָל איך וועלן יענע צייט, דאָס לאַנד, די מענטשן, פאַר־שווייגן, אַרויסלאָזן פון חשבון. גלייך ווי פון אוראַל האָט געצויגן צו דער אויסגעשפרייטקייט פון פוילישן האָריזאָנט, אַזוי דרימלט איצט אַ בענק־שאַפט אַהינצו, ווו האָסט אין די ביטערע טעג פון מלחמה געפונען אַ טרייסט־וואָרט, אַ וואַרעם געפיל, אַ צאַרטן בליק פון ליבע מענטשן.

אויך ביי די גרענעצן פון יענעם טייל אייראָפּע און אַזיע איז מיין פאַרגאַנגענהייט; אויך דאָרט איז פאַרבליבן דער סוד פון אינטימער לעבנס־ספערע, אַנגעבריט מיט וואַרעמע דערינערונגען.

די בענקשאַפט צום פאַרגאַנגענעם אייערנעכטן איז פאַרביטן געוואָרן מיט דער בענקשאַפט צום נעכטן.

פאַרגאַנגענהייט — דאָס זענען דאָך די אַלע מענטשן, דאָס גאַנצע יידי־שע לעבן אין זיין גרויקייט און פאַרהאָרעוועטקייט, דער גלות־ייד, דער ייד, וועלכן ס'האָט אין זיין טרויער געצייכנט לילִיען, דער יידישער אַרבע־טער, וועלכן ס'האָבן באַזונגען רייזען און ראָזענפעלד, דער טרוימער פון פרצן, דער צעשמייכלטער אין פאַרביטערטקייט ייד פון שלום־עליכם. פאַר־גאַנגענהייט איז דער פלייצע־טרעגער פון באַניפראַטן־גאַס, דער שניידער אָדער שוסטער־יונג, דער בטלן און מקווה־ייד. דאָס איז געווען פאָטערלאַנד; וואָס איז פאַרבליבן? נישט מער ווי אַ כאַאָס פון שטריכן, מאַסקעס, גע־זיכטער, סילועטן, שאָטנס, וואָס קומען אונדז פאַר צו זיין אין בעסטן פאַל ווי אַ וועלט פון וואַרשיינלעכקייט.

נישט איין מאָל האָט מען דאָס געפיל, אַז מיר זענען אָן אייביקייט, אין פאַרהעלטעניש צום פאַרגאַנגענעם, פאַרטיליקטן. עס איז פאַרבליבן אַן אינערלעכער עכאָ, וואָס דערמאָנט, אַז מען קומט דאָך פון ערגעץ־ווו, אַז מען שטאַמט פון עמעצן, אַז מען איז נישט קיין „פּאַספּאַרטלאָזער ממזר!"

ווי לאַנג מען איז נאָך דאָ האָט מען דעם איינדרוק, אַז די מלחמה־צייט דויערט, אַז עפּעס וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין 1939, איז נאָך נישט גע־ענדיקט, אַ געפיל פון צייטווייליקייט, פרעמדקייט, טייל מאָל גנבעט זיך אַפילו אין אונדז אַריין אַ פאַלשער, אָפּנאַרערישער געפיל פון דערוואַרטן ערגעץ־ווו אַ היים, די אַמאָליקע היים. אָפט איז מען צופרידן מיט דעם דאָזיקן אינערלעכן צושטאַנד. עס טליִעט אַן אומרו, חלומות וועגן אַלטן און

נייגיר צום נייעם. אין דער אמתן איז עס נישט מער ווי זעלבסטדערהאַל־טונגס־טריב, אַ שוץ־מיטל פון היימלאָזע קעגן פאַרצווייפלונג, אַ פּאַנצער קעגן רעזיגנאַציע־שטימונגען.

די סביבה, די וועלט, מיט וועלכער מיר זענען געווען פאַרבונדן איז הינטער אונדז; מיר אָטעמען מיט רעזערוון פון דערינערונגען. יעדער אָנ־גענעמער געפיל וועגן מאָרגן פאַרשאַפט נאָר גענוס ווען מען וויל אין אים זען אַן ענלעכקייט צום נעכטן. מיר זענען נישט קיין בירגער פון נעכטן, און וועלן אַזוי שנעל נישט ווערן קיין בירגער פון מאָרגן.

ווידער גייט מען אַנטקעגן אַ נייעם אָנהויב, פאַר דער געשיכטע — אַ המשך, פאַר אונדז — אַ שווערער אָנהויב, הגם עס בינדן אונדז מיט דער נייער היים געשיכטלעכע, אידעיִשע און נאַציאָנאַלע בענד.

לאַנג, זייער לאַנג וועט מוזן דויערן ביז וואַנען מיר וועלן זיך אייג־וואָרצלען אין נייעם פאָטערלאַנד, אָדער היסטאָריש אַלט־נייעם פאָטערלאַנד.

לאַנג וועט דויערן ביז מיר וועלן דערפילן דעם ניגון פון נייעם ליד, ביז וואַנען מיר וועלן אָרגאַניש דערפילן זיך ווי בירגער פון לאַנד.

וועמען געזעגענען אין וועג ביים פאַרלאָזן די פאַרגאַנגענהייט? נישטאָ מער וועמען, אויסער די דערינערונגען און קברים, צעשטויבטע לעבנס, אייגענעם מאַרך אוןביין.

זייט געזעגנט שבתדיקע פרימאָרגנס, ווען ביסט געלעגן אין קליינעם אַלקער אויפן געלעגער און די שטילע שטים פון טאַטן ביים מעביר זיין די סדרה האָט דיך אויפגעוועקט פון שלאָף.

זייט געזעגנט אייגטאָגיקע, אומעטיקע, ווינטער־„ברכי נפשי״, שבתים, טרויעריקע תּשעה־באָבס, ווען די חדר־ייִנגלעך האָבן זיך מיט בערעלעך געוואָרפן.

זייט געזעגנט זומער־פאַרנאַכטן ביים אונטערשטאָטישן טייך, וווּ רויטע זון האָט אין וואַסער געטונקען, פון וואַנען ס׳האָבן אויף דיר פון דער טיף טריבע, פאַרטראַכטע אויגן געקוקט — דער אָפּשיין פון אייגענעם בליק.

גייסט פון זיך צו זיך, פון היים פאַרטריבן, צו אַ היים אויף שטענדיק פאַרבעטענער בירגער.

גייסט אַנטקעגן דער צוקונפט מיט שרעק און נייגיר, מיט בענקשאַפט צום אומבאַשטימטן, צום אַלט־באַקאַנטן און דאָך נישט באַקאַנטן; עס ציט דאָס וווּנדערלעך אומבאַקאַנטע.

מינכען 1950

א

ביים סדר אויף אוראַל

דער אוראַלער פרילינג האָט זיך פאַרפּריט: נישט געווען שוין אין סווערדלאָווסק קיין סימן פון שניי. אַ לייכט ווינטל האָט מיט זיך געטראָגן די דופטן פון די אַרומיקע סאָסנע־וועלדלעך. די זון האָט מילד געוואַרעמט. אירע שטראַלן האָבן אַריינגעברענגט אינעם פאַרטרויערטן געמיט אַ ביסל טרייסט, האָפענונג. אַלע בענקשאַפטן, אָנגעזאַמלטע במשך פינף יאָר שווערן קריג, האָבן זיך פון דאָס ניי צעעפנט. צערודערט געמיט, ליידנשאַפטן פון נאָסטאַלגישן אומרו האָבן נאָך שטאַרקער ווי ווען עס איז אויפגעטויכט. מחשבות האָבן געעקבערט: אפשר פאַרט ווערט מען עפעס טרעפן פון דער אַמאָליקער היים.

דאָס איז געווען ערב פסח פון 1945.

ס׳האָט זיך דערפילט אַ באַדאַרף נאָך אַ סדר מיטן יידן, בציבור: אַ בענקשאַפט נאָך אַ סדר, אויף וועלכן מען האָט פריער, אין דער היים, זעלטן געוואָלט איינזיצן.

אין סווערדלאָווסק, דער הויפּטשטאָט פון אוראַל, האָבן זיך געפונען פיל גוטע פריינד, האַרציקע מיטליידער, פון די אָרטיקע יידן און נישט־יידן.

דער ערשטער וועמען איך האָב באַקענט איז געווען פּראָפ׳ שלמה בילאָוו ז״ל, אַליין עוואַקויִרט פון קיִעוו. ער איז דער מחבר פון אַ בוך וועגן שלום־עליכמען; אַ וויכטיקע אַרבעט וועגן „מאַרקס־ענגעלס און די קולטור־פּראַגע״ א.אַ.וו. אַ האַרציקער ייד געווען, פול מיט גלויבן, אָפּטימיזם, אַן ענטוזיאַסט פון שעקספּירישן הומאַניזם.

בילאָוו האָט מיך באַקענט מיט אַ ריי אַרטיקע איינוווינער. געטראָפן האָבן מיר זיך אָפט ביי פּ. מ. זעלמאַנאָווסקי אין שטוב. דער איינציקער, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ היפּשע יידישע ביבליאָטעק. מיטגעאַרבעט אין מאָסקווער „אייניקייט״. אַליין שטאַמט ער פון בריסק, אַ קרוב פון „אַלטן בריסקער״.

באַקענט אַ דיכטערין בעלאַ דיזשור [1], אַ צאַרטע ליריקערין, וועלכע האָט אויך אָנגעשריבן אַ פּאָעמע וועגן יאַנוש קאָרטשאַק און זיין אומקום. שפּע־טער האָב איך זיך באַקענט מיט פּראָפ׳ ד. ג. שעפער, דעם באַרימטן נעווראָכירורג. אין קריג באַקומען די העכסטע סאָוועטיש־מיליטערישע אויסצייכענונגען. אַ גוטער סאָוועטישער בירגער און טייערער ייד געווען. וויפל שאַרפזין, קלוגשאַפט האָט דער מענטש פאַרמאָגט. יידישקייט איז גע־ווען דער סימן מובהק פון זיין גאַנצן וועזן.

האָט זיך טאַקע פאַרוואָלט מיט די דאָזיקע יידן פאַרברענגען ביים סדר. ווו מאַכט מען דעם סדר, אויב נישט ביי אַ ייד אַ תלמיד־חכם, ביי פּ. מ. זעלמאַנאָווסקין אין שטוב ?

ס׳זענען געקומען אַן ערך 20 מענטשן ; צווישן אַנדערע — אויך אַ רוסישע פרוי, אַן אָפּערע־זינגערין.

ליכטיק, ציכטיק, געדעקטע טישן, מצות און ברויט, ארבע כוסות, אַפילו אַ כוס פאַר אליהו הנביא האָט אויך נישט געפעלט. מרור האָט נישט געפעלט אין יעדנס געמיט. די שטימונג איז געווען אַזוי יום־טובדיק, עפּעס ווי מען וואָלט האָבן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן אַלע זאָרגן און צרות פון די שווערע מלחמה־יאָרן.

מיר האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום דעם לאַנגן טיש, אַריינגעקוקט אין אַ ביסל אַלטע אגדות. אַ קיצור פון קידוש ; קאַפּיטלעך אגדה. דאָס ביסל משקה האָט ביי יעדן געהויבן די שטימונג. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער

---

[1] די מוטער פון באַרימטן סקולפּטאָר און מאָלער ערנסט ניעאיזוויעסני, וועלכער האָט בשעתו, אויף דיינער אַ מאָדערניסטישער אויסשטעלונג, געהאַט אַ צוזאַמענשטויס מיט כרושטשאָוו, און נאָך זיין טויט אויסגע־פירט אויף כרושטשאָווס קבר זיין ביוסט.

אמתער סדר. ניגונים, אָפּגעריסענע סטראָפן פון אַלטע פאָלקס־לידער, ווי וועך ס׳האָט געדענקט פון די אַלטע היימען, פון די קינדער־יאָרן, זכרונות און אַנעקדאָטן — אַזוי האָט מען זיך דערציילט עד קריאת שמע של שחרית.

יענע נאַכט פון סדר האָט צעעפנט פאַרשטאָפּטע קוואַלן, פאַרבאָרגענע געפילן, וועלכע האָבן ביי אַלע שטיל געדרימלט.

דער אינדערפרי איז געווען אַ קאַלטער און פראָסטיקער. די בריק, וועלכע האָט געטיילט די שטאָט אין צווייען, האָט געטונקען אין שטאַרקן נעפּל. די מידע איינוווינער פון אינדוסטריע־צענטער זענען נאָך געשלאָפן. מיר איז אויסגעקומען צו באַגרייטן די רוסישע זינגערין אַהיים.

געפילן פון אומעט און פרייד האָבן זיך געמישט אין בגילופינדיקן מוח. מיין באַגלייטערין האָט אַ זאָג געטאָן: „אַ פיינער אָוונט געווען״. — וואָס האָב איך איר געזאָלט ענטפערן? וואָס ווייסט אַ יונגע רוסישע טאָכ־טער וועגן מיינע געפילן אין יענער סדר־נאַכט מיט יידן.

מאָדנע געפילן, רעפלעקסן, שווימען איצט אויף. איצט, נאָך 15 יאָר. עס טיילט אַזאַ מרחק: תל־אביב ־ סווערדלאָווסק. ווייט — און דאָך אַזוי נאָענט, ווי ס׳וואָלט ערשט געווען. נאָענטע געשטאַלטן פון ווייטן נעכטן. ווער ווייסט, אפשר זענען דאָס געווען די זיבן גוטע מינוטן אין די שווערע יאָרן אין פרעמדן אָרום? מינוטן, וועלכע יעדער מוז האָבן, אָן זיי וואָלט שווער געווען אויסצוהאַלטן.

פון האַמבורג (סאַן־פּאַולי)
ביז בערגען־בעלזען (טויטן־לאַגער)

צום צווייטן מאָל בין איך געווען אין האַמבורג, אין דער גרויסער, רוישיקער פּאָרט־שטאָט, וועלכע פאַרשאַפט פיל קרענקונג צוליב איר גאַנצקייט.

דאָס ערשטע מאָל איז מיר אין האַמבורג אויסגעקומען צו זיין אין די צייטן פון „עקזאָדוס״, נאָך איידער עס איז אַנטשטאַנען דער לייבאָר־אימ־פּערישער לאַגער פאַר יידישע עולים.

נישט געווען קיין צייט און נישט קיין געדולד אין יענע טעג צו באַקענען אַלע טיילן פון דער פּאַרט־שטאָט.

פאַרבייפאָרנדיק דאָן די שטאָט, האָט אויף מיר אַ גאַנץ באַזונדערן איינדרוק געמאַכט, און פיל אַסאָציאַציעס אַרויסגערופן, די ריזיק־גרויסע שטיין־קאַלטע סטאַטוע פון ביסמאַרקן, וועלכער שטייט אַ פאַרגליווערטער, אָנגעשפּאַרט אויף אַ — פון קאָפּ ביז די פיס — לאַנגן שווערד — דער סימבאָל פון אייביק בלוט־דורשטיקן קרייץ־פאָלק.

איצט האָבן מיר, אַ גרופּע חברים, באַזוכט אַנדערע טיילן פון שטאָט; יענע טיילן, וועלכע שאַפן אַ פיל קלאָרערן בילד וועגן דייטשן פאָלק, ווי דער טייל פון ביסמאַרקס גרויזאַמען מיליטאַריזם. דער קוואַרטאַל איז באַקאַנט אונטערן נאָמען: סאַן־פּאַולי.

סאַן־פּאַולי איז אַ גאַנצער קוואַרטאַל, וווּ עס קאָנצענטרירט זיך די אויסגעלאַסנקייט, שכרות און זנות; דאָרט איז אייביק נאַכט, בעסער געזאָגט: אייביק פינצטער, שווער צו אונטערשיידן דאָרט פון טאָג ביז נאַכט. די ווילדע קלאַנגען פון היי־דו דזשאַ־דזשאַ, וועלכע טראָגן זיך פון די נאַכט־לאָקאַלן, הערן נישט אויף צו רופן, לאָקן, שלעפּערן־אײַן די אָרטיקע אייננווינער אין אַראָמאַט פון ביליקער שמינקע און פרעכע אָרעמס פון די גאַסן־פרויען.

אויף וויפל מיר האָט דער ערשטער באַזוך אין האַמבורג פאַרשאַפט יסורים צוליב דער גאַנצקייט פון דער שטאָט, אַזוי האָב איך דאָס מאָל געהאַט פיל געניוס, זעענדיק די אָרישע ראַסע אָן אַנטבלויזטע, שענדלעכע, מאָראַליש־צעשטערטע און צעפוילטע ביז אין מאַרך פון אירע ביינער.

די באַגלייטערס אונדזערע זענען געווען „אָרטיקע״ יידן; יידן פון אַ באַזונדערן „שניט״, ביי וועלכע די ניט־ציוניסטישע „אימוניטעט״ איז שטאַרק. זיי האָבן אונדז געפירט וויזן די „שיינקייט און רייץ״ פון סאַן־פּאַולי.

מיט נייגיר און געפיל פון אומהיימלעכקייט דערנענטערט מען זיך צום קליינעם, גרינעם האַלץ־„פּאַראַוואַן״, וואָס פירט צום באַרימטן „ווינקל־געסל״, וווּ עס נעסטעט דער אַפּשוים פון מענטשלעכער געפאַלנקייט.

פון ביידע זייטן פון געסל גרויסע אויסלאַג־פענצטערס, הינטער די שויבן — אַ גרויסער „אויסוואַל״: צענדליקער גאַנץ־ און פערטל־נאַקעטע פרויען.

זיי רופן מיט ווילדע הוועיות די דורכגייערס, בעטן זיך אַן פּאַרקויפן אויס־געלאַסנקייט.

דאָס דאָזיקע בילד רייצט ניט די זינלעכקייט, וועקט אויך ניט קיין מיטלייד, אַפּילו קיין עקל — גאָרנישט.

אין ערשטן אָנבליק באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז מען געפינט זיך אין אַ משוגעים־הויז — נישט אַנדערש.

דאָס זעט אויס צו זיין די נידעריקסטע מדרגה פון געפאַלנקייט, אַפּילו צווישן גאַסן־פרויען.

מיט פּיעטעט מוז מען דאָן טראַכטן וועגן סאָניע פון דאָסטאָיעווסקיס „פאַרברעכן און שטראָף", וועלכע די נויט האָט געטריבן אין גאַס; יענע, וועלכע רופט, ווינקט פון אַ ווינקל, פאַרמאָגט דאָך נאָך בושה, זי לאָזט זיך אַ וועג אויף צוריק, אפשר פאַרט, טאָמער.

יענע אָבער פון „ווינקל־געסל" האָבן שוין איבערגעריסן מיט אַלץ וואָס איז מענטשלעך. די „הויכע ראַסע" פאַרקויפט לעבן פאַר 10 ד.מ. — גוט אַזוי.

אונטער איינער פון די שויבן געפינט זיך אויך אַ יידיש מיידל, מען זאָגט, אַז פון לאָדזש. עס האָט אַ קלעם געטאָן ביים האַרץ; נאָך זי פעלט אויס צום רומל — אַ יידיש קינד.

ווער ווייס, אפשר אַ טאָכטער פון אַ רב אָדער פון אַן ערלעכן האָרע־פּאָשנעם מענטש, אַ קינד פון אַ פלייצע־טרעגער, פון עלטערן, וועלכע האָבן ביזן לעצטן אָטעם־צוג אין גאַז־קאַמער גערופן דעם נאָמען פון דער אָט אָ, וואָס זיצט אין פענצטער.

דער קרבן צוזאַמען מיט די מערדער־טעכטער — אפשר גאָר זענען זיי אַלע צוזאַמען קרבנות פון איין וואַנזיניקער וועלט?

ווער ווייס — טראַכט איך דערביי — ווער פון זיי איז די זונה: די פון סאַן־פאַולי, אָדער יענע, וואָס שפּאַנט יעדן זונטיק מיט גאָטפאַרכטיקע טריט, מיט תמימות אויפן פנים אין קלויסטער, וואָס טראָגט אַ צלם אויפן האַלדז און היטלער־גיפט אין האַרצן. ווער פון זיי? קען זיין, אַזביידע זענען אַ געבורט פון איין אומזיניקן סיסטעם.

די יידישע באַגלייטערס אונדזערע, אַ ביז גאָר „נאָבעלע" געזעלשאַפט. ס׳ווערט פאַרקילט דער מאַמעס מילך, אַז מען קוקט זיי אָן: אַלע אין זאַמ־

שענע שיך, אָדער גלאַנציקע שטיוועלעך; ניט ווינציקער ווי צו דריי פּאָר סיגנעטן אויף יעדן פינגער.

ווו פאָרן יידן פון האַמבורג — פרעג איך — קיין ישראל, אַמעריקע, צוריק קיין פּוילן? זיי קוקן אויף מיר ווי אויף איינעם פון יענער וועלט: „מיר וועלן דאָ בלייבן — זאָגט איינער אויף פּויליש, ווי לאַנג נאָר עס וועט זיך לאָזן, ׳איין מאָל לעבט מען׳". דאָס מיינט, אַזוי לאַנג ביז די קרע־מאַטאָריעס וועלן נישט אויפפלאַמען. פיל פון זיי האָבן שוין דייטשע פרויען.

מיר שפּאַנען איבער די געסלעך, ס׳פינקלען די פאַרשידנפאַרביקע נעאָן־לעמפּלעך. מיין באַגלייטער שטעלט מיך אָפּ: זייט באַקאַנט. פאַר מיר שטייט אַ מיטלוווּקסיקער פאַרשוין. אַ ברירה האָב איך — כ׳שטרעק אויס אַ האַנט. דאָס איז דער „קעניג" פון סאַן־פּאַולי — „זייער אַנגענעם". ווער איז דאָס דער „קעניג"? אַ ייד? וואָס איז זיין אַרבעט? „נאַכט־אַרבעט". ער דרייט זיך ביי די נאַכט־לאָקאַלן און טוישט וואַלוטע, וואָס די זונות באַקומען געצאָלט פון אויסלענדער און מיליטער־לייט — אַ פיינער באַרוף.

אַלץ פאַרמאָגט אַ פּאַלק: יידן פון „עקזאָדוס", פרייהייטס־קעמפערס, אַזעלכע, וואָס טריקענען זומפּן און, להבדיל, יידן וואָס טוישן וואַלוטע אין סאַן־פּאַולי — אַ פאַלק מיט פעלקער גלייך.

מידע און „אויפגעקלערטע" זענען מיר אַרויס פון די טונקעלע געס־לעך. אויפן וועג צום האָטעל האָב איך נאָך אַ מאָל באַגעגנט דעם שטיי־נערנעם ביסמאַרק. עפּעס האָט ער מיר אויסגעוויזן אַנדערש, אָרעמער צו זיין ווי דאָס ערשטע מאָל; נישט ווי קיין קריגער האָט ער אויסגעזען. זיין געשטאַלט, וואָס האָט זיך געשניטן אין דער טיפער טונקלקייט פון דער נאַכט, האָט גיכער דערמאָנט אַ נאַכט־וועכטער, וואָס היט דעם „פּאַראַוואַן" פון „ווינקל־געסל" אין סאַן־פּאַולי.

✶

גאַנץ פרי האָבן מיר פאַרלאָזט האַמבורג. אויף צוריקוועגס האָב איך מיט די חברים אָפּגעטראָטן אין בערגען־בעלזען. אַ טריבע, פויל רעגנדל — די בעלזענער לאַגער־איינוווינער זענען נאָך געשלאָפן.

מיר זענען צוגעפאָרן צו אַ הויז, ווו עס וווינט אַ געוויסע פרוי, וועלכע האָט אַליין איבערגעלעבט אין בערגען דעם טויט־לאַגער. זי איז אַ קראַנקן־שוועסטער — שוועסטער העלאַ.

מיט איר זענען מיר געפאָרן אין אַמאָליקן טויטן־לאַגער, וועלכער גע־פינט זיך ניט ווייט פון בערגען־בעלזען.

מיר זענען אַריין אין טויער, וועלכער האָט געפירט אין לאַגער. דורך דעם טויער זענען אַדורך הונדערטער טויזנטער און מער פון דאָרט נישט אַרויס.

ווייטער איז דאָס אַ״ג „ענטלויזונגס־הויז״, אַלע אויפשריפטן ווי אַמאָל.

ס׳נעמט אַ שוידער. אַ טויטער, דומפּיקער גערוך פּרעסט די נאָזלעכער. נאָך אַ לאַנגע צייט און מען שפּירט... ס׳קען זיין אַז ס׳איז נאָר אַן איינדרוק. דאָך, עפּעס שטיקט דעם אָטעם.

טויזנטער זענען די קאַמערן אַדורכגעגאַנגען, געוויין האָט אַנגעזאַפּט די ווענט; עס וואַלגערן זיך נאָך שטיקער שיך, שוך־בענדלעך, שמאַטעס פון קאַצעט־קליידער, פאַרזשאַווערטע בלעך־פּושקעס. באַטראַכסט אַלץ מיט נייגיר; אפשר וועט דאָס אַלטע שטיק זויל — קענטיק פון אַ פרויען־שוך — עפּעס דערציילן, פרעגן — דערציילן ווער ס׳איז געווען יענע פרוי, וועמענס פיס זיי, די שיך, האָבן פאַר קעלט געשיצט?

שטום, אַלץ אַרום שווייגט — מיר שווייגן.

שוועסטער העלאַ פירט אונדז איבער די נאַסע גראָזן; גייט אַליין פאָרויס. זי איז דאָך איינע פון יענע, וואָס ליגן דאָ, אַליין אַ געביין — פאַרבליבן ווי אַן עדות.

דאָ זעט איר, — זאָגט זי — אומעטום וווּ מיר טרעטן — איז ביינער. דאָס גאַנצע קילאָמעטער־לאַנגע פעלד איז אָנגעזאַפּט מיט בלוט. הונדער־טער טויזנטער לעבנס האָבן זיך דאָ געראַנגלט, נישט געוואָלט אומקומען; דאָ איז געווען יאָמערלעך געוויין; דייטשן האָבן לײַב געשניטן. פאַר אַ לעפל וואַסער האָבן זיך מוחות צעגאָסן. דאָ האָט די בעסטיע געווילדעוועט, געטרייבערט, לעבנס אין שטיקער געריסן. דאָ האָט אַ מאַמע געפּליסטערט אין דער שטיל. יעדעס שטיינדל איז אַ זיפץ פון אַ צאַנקנדיק קינד; יעדעס גרעזל — אַן אויסגעהויכטע נשמה. יעדעס בערגל אַ הויפן לעבנס — פריידיקע, טייערע יידישע לעבנס.

איצט איז דאָ שטיל, ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געווען.

מיר דערנענטערן זיך צו די מאַסן־קברים. צוויי מעטער הויכע בערג, ביי יעדן קבר אַ ברעטל אַריינגעשטעקט: 1500, אַ שריט ווייטער: 5400, אַן אַ זייט — 3800 און אַזוי אָן אַ סוף.

די פיס האָבן געברענט אונטער די טריט, עס האָט באַהערשט אַן אומ־רויִקייט; דאָס געוויסן האָט געפּייניקט: אַלץ אין שטיקער געריסן. אַן אינערלעכע שטים האָט אומאויפהערלעך געפרעגט: וואָס האָסטו געטאָן, מיט וואָס זיך נוקם געווען? — גאָרנישט געטאָן.

די ערד האָט געצויגן. עס האָט זיך געוואָלט אַנידערוואַרפן, אַלץ אַרום זיך אַרומנעמען, רעדן מיט די ביינער, ווערן אַליין ערד.

דאָ ליגט דאָס פאָלק דיינס, דאָ ליגט דיין שרייבער יהושע פּערלע, דאָ לאָזסטו איבער די טייערסטע.

דער רעגן האָט געוואָשן; רעגן, אויסגעמישט מיט טרערן — כאָטש אַ טרער אויף קבר־העם.

די מאַסן־קברים זענען באַוואַקסן מיט מאָדנע הויכע גראָזן — קרעפּטיק־לאַנגע, זאַפטיק־גרינע גראָזן.

עס וואַקסן שוין קליינע סאָסנע־ביימעלעך. אין יאָרן אַרום וועט דאָרט זיין אַ וואַלד, פאַרשטעלט, באַצירט; יעדער שפּור פון מאָרד וועט פאַרשווינדן. דייטשן ווילן אַהינצו גיין מיט זייערע זונות, שענדן דאָס הייליקע אָרט.

שוין איצט שטייט אַ קליין וויס מצבהלע, אַ נידעריקס געבויגן, און אַרום פאַרשטעלן ביימעלעך. אפשר אַ זונענשטראַל טוט אַ מאָל אַהינצו אַ בליק, אפשר די שיין פון לבנה באַוואַכט דאָס מצבהלע?

זי זאָגט טאַקע, די שוועסטער העלאַ, זי חזרט אַלע מאָל איבער מיט פאַרדרוס: „מיר ווילן דאָ נישט זיין, ווילן זיי, די דייטשן, אַלץ צעאַקערן, יעדער סימן וועט פאַרשווינדן".

כ'האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז זי וואָלט אייביק דאָ ווילן פאַרבלייבן, היטן די קברים, אַכטונג געבן, אָפּהיטן, אַז אַלץ זאָל פאַרבלייבן ווי עס איז.

דאָ ליגן יידן. אַ ביסל ווייטער שטייט אַ הויכער שטיין, אַ דענקמאָל די רוסישע העפּטלינגע, דערנעבן אַ שוואַרצער גרויסער צלם פון האָלץ — עס ליגן אויך פּאָליאַקן.

אַלץ זעט אויס ווי אַ סימבאָל: דאָס פּוילישע יידנטום — טויט. צוזאַ־מען ליגן זיי מיט זייערע נאָנטע שכנים: די רוסן און פּאָליאַקן.

זאָל דער ברודער־קבר מאָנען צו די לעבעדיקע, רופן זיי צו פאַר־ברידערונג און דערנענטערונג.

✶

ווי זינלאָז האָט אין יענע מינוטן אַלץ אויסגעוויזן. אַלע איינדרוקן האָבן זיך אויסגעמישט אין איין פּלאָנטער, געעקבערט דעם מוח. אַ חוזק־שפּיל איבערן מענטש, איבער די געפילן.

זיי — טויט, די מערדער — פרעמירט; אילוזע קאָך — פריי. קען טאַקע אַהערצו קומען אילוזע און טאַנצן אַ וואַנזיניקן טאַנץ. איר וועלט לעבט, אונדזערע — נאָך נישט.

דאָרט אין האַמבורג, אין סאַן־פּאַולי, שטייט די „העכערע אַרישע ראַסע". אַ נאַקעטע, אַ געמיינע, פאַרקויפט פאַר סיגאַרעטן דאָס לײַב. אַ פּאָר הונדערט קילאָמעטער ווייטער איז באַגראָבן די „מינדערווערטיקע ראַסע" פון די נביאים, דאָס פאָלק פון קראָכמאַלנע, סטאַווקי און באַלוט.

דאָ פאַלן טרערן אויף קברים; דאָרט, אין מזרח, גייט אַ ניי לעבן אויף; און אין מיטן, אויפן וועג, אַ ייד — דער „קעניג" פון סאַן־פּאַולי טוישט וואַלוטע די זונות.

שווער אין מאָמענט פון טיפער דערשיטערונג פון אַזוי פיל קאָנטראַסט־פולע איינדרוקן אין אָרדענונג צו ברענגען די אייגענע געדאַנקען. — אפשר בעסער אַזוי.

האַמבורג 1947

טאָמאַס מאַן
אין דער קירכע פון סאַן פּאַולוס

טאָמאַס מאַן, דער גרעסטער שרייבער־קינסטלער פון אונדזער צייט, געהערט אַלס פּערזענלעכקייט צו די נאָבעלסטע הומאַניסטן און פּען־קעמפערס קעגן היטלעריזם. אין די יאָרן פון זיין עמיגראַציע האָבן מאַן און זיין זון געהאָלפן אָרגאַניזירן די עפנטלעכע מיינונג קעגן נאַצי־רעזשימס, אַרויסגעטראָטן אויף שלום־קאָנגרעסן, קעגן מלחמה, ראַסן־העצע א.אַ.וו.

וואַרשיינלעך קען מען מאַנען פאַררעכענען צו די געציילטע אָדער גאָר איינציקן דייטשן שרייבער אין דער וועלט היינט־צו־טאָג, צו וועלכן מיר יידן, די גאַנצע וועלט פון פּראָגרעס קען זיך באַציִען מיט אַכטונג.

עס איז אַ פראַגע: וואָס האָט מאַנען, דעם דענקער־הומאַניסט, באַוויגן צו ענדערן זיין פריִערדיקן פרינציפּ און דעצידירט צו באַזוכן דייטשלאַנד? האָבן אים באַוויגן די געטע־פייערונגען, אָדער זענען די פייערונגען בלויז געווען דער אויסרייד, גליקלעכע סיטואַציע, וועלכע האָט אים דערמעגלעכט צו קומען און אויסדריקן די ליבע און סענטימענט צו זיין פאָלק?

מיר האָבן אויף קיין איין ווילע ניט געצווייפלט, אַז מאַן האָט ניט אויפגעהערט צו זיין אַ דייטש, האָבן אָבער ניט געגלויבט, אַז שוין איצט, נאָך דריי יאָר, וועט ער געפינען ביי זיך דעם מאָראַלישן כּוח, די באַרעכ־טיקונג צו קומען שליסן בורג־פרידן מיט אַ פאָלק, וואָס האָט פעלקער אומגעבראַכט, אַ פאָלק, וואָס האָט זיך ניט נאָר ניט געענדערט, נאָר עס האָבן זיך פילפאַך פאַרטיפט ביי אים די פאַשיסטישע טענדענצן, די פאַרברעכע־רישע אינסטינקטן, דער ראַסיש־אַנטיסעמיטישער האָס.

מיר זאָגן פאַרפילפאַכט, וויל אַמאָל, אין דער היטלער־„ערע", האָט מען נאָך געקענט אויפציילן גרויסע כאַראַקטערן, נאָבעלע געשטאַלטן, ווי קאַרל אָסיעצקי, ערנסט טעלמאַן און אַנדערע קעמפער פאַר מענטשן־רעכט.

נאָך דעם ווי היטלער האָט פאַרטיליקט און אויסגעראָטן יעדן שפּור פון מענטשלעכקייט, צוזאַמען מיטן מענטש, איז פאַרבליבן איין פינצטער געשפּענסטן־פאָלק, וואָס איז גרייט אין יעדן מאָמענט פאַרצוזעצן דעם מאָרד־רויב און פאַרטרינקען די וועלט אין נייע טייכן בלוט.

ס'איז פּסיכאָלאָגיש ניט צו באַגרייפן, ווי קענען הומאַנע גייסטיקע פּערזענלעכקייטן פאַרגעסן, וועלן פאַרגעסן, מוחל זיין אַ פאָלק (אַן אייגן פאָלק), וואָס וועט פאַר דער געשיכטע און פאַר דער אייביקייט פאַרבלייבן אַ פאָלק פון פעלקער־מערדער.

דער ערשטער באַזוך און צונויפטרעף מיטן פאָלק האָט מאַן געהאַט אין פראַנקפורט, אין דער פּאַולוס־קירכע. דאָרט, אין די גאָטספּאַרכטיקע רוימען פון דער קירכע, האָט מאַן גערעדט צו זיי.

מען מוז מודה זיין: מאַן האָט געהאַלטן אַ גלענצנד געבויטע, גייסט־רייכע רעדע, באַזעלט מיט דענקעריש־פילאָזאָפישן שאַרפזין. די אַרויסגע־זאָגטע געדאַנקען און רעמיניסצענצן זענען געווען פון דיכטעריש־עסטע־טישער קראַפט און דערהויבנקייט.

אַלץ איז אין זיין רעדע געווען; זי האָט געקלונגען ווי אַ תּפילה פון אַ קינסטלער צו דער מוזע פון אייביקייט, איינס האָט אָבער געפעלט, דער

עיקר דאָס, וואָס ס׳איז געווען צו האָפן — וואָס מאַן האָט באַדאַרפט זאָגן זיין פאָלק.

ס׳האָט געפעלט דאָס ערדיש־הומאַנע אין זיין אַרויסטריט, דאָס שטראָ־פערישע, די קללה, וועלכע דער דיכטער האָט באַדאַרפט ברענגען זיין פאָלק. זיינע ווערטער האָבן באַדאַרפט אויפטרייסלען די וועלט, ס׳האָט באַדאַרפט זיין די ביז איצט גרעסטע אָנקלאַגע קעגן אייגענעם פאָלק.

אפשר איז דער דיכטער אַריינגעפאַלן אין עקסטאַז פון פאַרגעסן, געגלויבט אויף אַ ווײַלע, אַז ער רעדט דאָס גאָר ניט צו דייטשן, נאָר צו נאָרוועגער, דענער, רוסן, פראַנצויזן אָדער האָלענדער?

פאַראַן אַ באַדינג אין דער שוישפּיל־ און אָראַטאָרישער קונסט: דער מאָמענט פון קאָנטאַקט מיט די צושויער און צוהערער, וואָס שאַפט די אַטמאָספער, אַן וועלכער דער אַקטיאָר און רעדנער זענען נישט בכוח צו ווירקן אין דער פולער מאָס. אָן דער אויפנאַמס־קראַפט, אָן עמאָציאָנעלן איבערלעבן פון פובליקום, ווערט פאַרלאָשן דער פונק פון אַרויסגעזאָגטן וואָרט.

פאַר וועמען, פרעגט זיך, האָט טאָמאַס מאַן גערעדט? צו לעבעדיקע הענקער, וועלכע האָבן אים געהערט, אָדער האָט ער אימפּראָוויזירט אין דער אַבסטראַקטקייט פון אַן אידעען־וועלט?

האָט דען די דיכטערישע עמפּינדלעכקייט נישט דערשפּירט אַרום זיך דעם ריח פון בלוט, האָט ער נישט דערקענט אויף יעדן פון זיי די נאָך פרישע בלוטפלעקן אויף די „ווייסע" הענט, וועלכע ער האָט וואָרעם גע־דריקט.

האָט מאַן נישט געזען די קאָלט־פאַרגלאָצטע בליקן, פאַרברעכערישע געזיכטער, וועלכע קוקן גלייכגילטיק פאַרשטאַרצטע, נישט באַנעמענדיק זיינע רייד? האָט ער דען נישט אַדורכגעבליקט יעדן איינעם פון זיי, נישט דערפילט אין מיטן רעדן, אַז עס שפּאַרט דער אָטעם, אַז ס׳פאַרפעלט לופט, אַז אין פּאַולוס־קירכע איז נישטאָ קיינער, וואָס מעג טראָגן דעם נאָמען מענטש?

ווי איז מעגלעך, אַז ס׳זאָלן האָבן אין גאַנצן פאַרשוווּנדן פון דיכטערס זעונג די שאָטנס פון דער נאָנטער פאַרגאַנגענהייט, האָט דען אַ קראַפט נישט אין שטיקער געריסן זיין געוויסן. נישט דערהערט אין די אייגענע טיפענישן די יאָמערלעכע קולות, דאָס געוויין, די קרעכצן פון מיליאָנען,

וועלכע זענען אומגעקומען דורך די, צו וועלכע ער האָט גערעדט?

טאָמאָס מאַן קען זיין איבערצייגט, אַז זיינע צוהערער וואָלטן בעסער וועלן פֿייערן דעם אָנדענק פֿון האָרסט־ווּעסעל, ביי דער אָנוועזנהייט פֿון אָטאָ שטראַסער.

אָנגענעמער איז זיי צו הערן: „ווען פֿון מעסער שפּריצט דאָס יודן־בלוט", פֿון ווּעסעל ליד, ווי הערן: „אין דער העפלעכקייט שטעקט דער ליגן פֿון דייטש" — געטע.

צו וועמען איז מאַן געקומען? איז ער געקומען באַזוכן די דייטשע אינטעלעקטועלע, וועלכע האָבן וויסנשאַפטלעך „באַגרינדעט" דאָס פֿאַר־ברעכן, די פּראָפֿעסאָרן, וועלכע האָבן יידישע העפטלינגע קאַסטרירט, סטע־ריליזירט, די ביינער פֿון לעבעדיקן גוף אַרויסגענומען און מיט פֿרייד צו־געקוקט ווי דער קרבן קוילערט זיך אין אַן איינגעשרומפּענעם פֿלייש־קנויל.

באַזוכן די כעמיקער און אינזשענירן, וועלכע האָבן פֿאַרגאַזט און קרעמאַטאָריעס געבויט, די פֿילאָזאָפֿן פֿון ראַסן־האַס און פֿאַרניכטונג — אַלע לעבן זיי ביז היינט־צו־טאָג.

האָט מאַן גערעדט צו דער סטודענטשאַפֿט, נעכטיקע היטלער־יוגנט, צו די גייסטלעכע, וועלכע בעטן גנאָד פֿאַר די מערדערס? אפשר גאָר צו דער דייטשער פֿרוי, דער נעכטיקער קאַפּאָ פֿון די טויט־לאַגערן אין אוישוויץ, אָדער צו דער „גנעדיקער" פֿרוי, וואָס איז אָנגעטאָן און באַצירט מיט קליי־דער און צירונג פֿון פֿאַרגאַזטע מיליאָנען, וואָס טראָגן רינגען פֿון אָפּגעה־שניטענע פֿינגער? און אפשר האָט מאַן גערעדט צו די ריכטערס, וועלכע באַפֿרייען די נאַציס און פֿרעמירן מאָרד מיט פֿרייהייט, וועלכע „באַגרינדן" אורטיילן מיט ציניזם און חוזק איבער די קרבנות?

דער דיכטער באַדאַרף וויסן, אַז די ערד, וועלכע ער טרעט, די פֿיינע אויטאָסטראַדעס, אויף וועלכע ער איז געפֿאָרן, זענען אויף בלוט און ביינער פֿון העפטלינגע געבויט.

די גלעקער, וועלכע קלינגען אין קלויסטער־לאַנד, זענען געגאָסן פֿון מעש און קופּער פֿון מנורות און לייכטערס, געראויבטע אין יידישע שולן.

זאָל דאָס דער שרייבער־הומאַניסט וויסן.

אַפֿילו די קינדער זענען פֿאַרסמט מיט האַס. לעבט דאָך נאָך געוויס דאָס קינד פֿון ס.ס.־מאַן, וועלכער האָט אויף די גאַסן פֿון לעמבערג אין לופֿט געוואָרפֿן אַ יידיש קינד, שיסנדיק אין אים, דערביי האָט זיין אייגן

קינד אויסגערופן מיט פרייד: פּאַפּאַ, נאָך איין מאָל! יאָ, עס לעבט, אַלע לעבן זיי, די ממזרים!

האָט דאָס אַלץ דער גרויסער שרייבערישער גייסט נישט דערפילט, האָט ער אַלס מענטש־שרייבער נישט געהערט דאָס געשריי פון די פאַר־טיליקטע?

✶

וואָס קען, וואָס דאַרף טאָן דער שרייבער, פאַרדאַמען זיין אייגן פאָלק?

וואָס זאָל טאָן אַן אייגנטימער פון אַ הויז, ווען מענס ווענט עס זענען דורכגעפרעסן פון גיפטיקן שוואָם? פאַרניכטן דעם שוואָם ביז די נאַקעטע ציגל!

מעג עס אַפילו בלייבן אַן אייביקע ווונד אין שרייבערס האַרצן, זאָל עס זיין זיין טראַגעדיע — אויף דורות שיידן זיך מיט זיין אייגן פאָלק — מוז ער דאָס טאָן!

מיר האָבן ניט בדעה צו געבן עצות טאָמאָס מאַנען — זיין פאָלק, זיין געוויסן, זיין זאַך.

פאַר דער גערעכטיקייט, פאַר דער מענטשן־ליבנדער מענטשהייט, פאַרן גרויסן גייסט, איז פאַראַן נאָר איין וועג: גיין אויף דער זייט פון די גע־רעכטע, קעגן אומרעכט, אַפילו ווען די אומגערעכטע זיינען דאָס אייגענע פאָלק.

מיר האָבן געמיינט, אַז מאַן וועט ביי דער געלעגנהייט פילן אַן אינער־לעכן באַדאַרף, זיך טרעפן מיט אַ רעשטל פון אַ פאָלק, מיט די עדות און קרבנות פון גרויל און מאַסן־מאָרד; געגלויבט, אַז ער וועט וועלן באַגעגע־נען זיך מיט יידן, פרעגן ביי זיי, זאָגן זיי — אויך דאָס ניט.

שווער צו זיין געטלעכער ווי די געטער, אויך זיי צאָרנען ווען אומרעכט געשעט.

מיר געפינען פאַר נייטיק צו זאָגן דעם גרויסן שרייבער, הומאַניסט, דענקער פון אונדזער צייט, אַז אויך זיין גייסטרייכע אימפּראָוויזאַציע איז הענגען געבליבן אין די טויבע ווענט פון דער פּאַולוס־קירכע.

מינכען 1949

צום ערשטן מאָל אין פּאַריז

וועגן פּאַריז איז שוין אַזוי פיל געשריבן געוואָרן, אַז ס׳וואָלט געווען באַנאַל און לעכערלעך, ווען מען זאָל פּרוּוון אין די ראַמען פון אַ קורצער באַשרייבונג עפּעס וואָס מחדש זיין, בפרט ווען איך האָב אין פּאַריז געווילט געציילטע טעג.

ס׳אַנטשפּרעכט אַפילו נישט דער אויסדרוק: אַ בליק אויף פּאַריז — אַ בליק צו טאָן מוז מען אויך האָבן מער צייט.

כ׳וועל פּרוּוון זיך בלויז טיילן מיט אייניקע איינדרוקן און געפילן.

זייט פיל יאָרן האָט מען זיך שוין אָפּגעוווינט פון מענטש; ס׳איז פרעמד געוואָרן דער באַגריף: פרייער, ליבער מענטש. אין די יאָרן פון שוידער־לעכע איבערלעבונגען האָבן מיר אויפגעהערט גלויבן אין דעם, אויב ס׳איז נאָך פאַראַן אַ ווינקל אויף דער וועלט וווּ מען זאָל הערן אַ פריינדלעך וואָרט, דערפילן אַ וואַרעמען בליק.

באַזונדערס די יאָרן אין דייטשלאַנד האָבן פאַרטיפט דעם דאַזיקן אומ־גלויבן, ווייל די גאַנצע פאַרפּעסטעטע אַרומיקייט אָטעמט מיט האַס, גיפט, אומטאָלעראַנץ און רציחה.

דאָס עיקרדיקע און כאַראַקטעריסטישע פאַר פראַנקרייך, פאַר פּאַריז איז, וואָס דער מענטש איז פריי — אפשר נישט באַפרייט אין סאָציאַל־פּאָליטישן זין. עס שטראַלט אויס פרייהייטלעכקייט און פריינדלעכקייט, וועלכע ס׳פילט יעדער נייער באַזוכער.

מען אָבסערווירט די מענטשן, זייער האַלטונג, באַנעמען, מענטאַליטעט, די אוממיטלבאַרקייט זייערע; מען דערפילט ווי עס ווערט פון דאָס ניי צעשטערט דער אינערלעכער אומרו, די דעפּרעסיע, דער אומגלויבן אינעם מענטש.

אין טיפן תּוך פון דער נשמה צעקוואַלט זיך אַ פרייד, ס׳גייט אויף אַ העלקייט, ס׳ווערט לייכט, גוט; מען האָט דאָס געפיל פון ווען אויס־שטרעקן די אָרעמס, אַלץ אַרומנעמען, אויסשרייען הויך אויפן קול: מענטש, דו ביסט נאָך נישט אונטערגעגאַנגען!

דער רושם פון ערשטן בליק אויף פּאַריז נעמט זיך פון דער ווונ־

דערבאַרער אידענטיפיקאַציע צווישן שעפערישן קולטור־גיגאַנט מיטן פריי־הייטלעך־פּראָגרעסיוון מענטש.

די רייכע אַרכיטעקטור, היסטאָרישע דענקמעלער, די קונסט־בנינים, גאַלעריעס, גערטנער, דער ריטם פון פּאַריזער לעבן אונטערשיידט זיך פון אַ ריי אַנדערע הויפּט־שטעט אין איראָפּע מיט דער אייגנאַרטיקער לייכטקייט, שוווּנג, גראַציע, באַהעמישער נאַכלעסיקייט און דינעם הומאָר. אַפילו די פראַנצויזישע אויסגעלאַסנקייט איז פון אַ סובטעלער גאַמע — אַזאַ איינדרוק באַקומט זיך.

קען זיין, אַז דאָס שלאָגט זיך באַזונדערס אָפּ אויף אונדזער פּילבאַר־קייט, לעבנדיק אין אַן אַטמאָספער פון נימאסער, איינטאָניקער, דייטשער „פּינקטלעכקייט״, ענגהאַרציקער אויסגערעכנטקייט, טעמפּער האַמעטנע־קייט, באַלעבאַטישער גראָבקייט, גרילציקער ווולגאַרקייט און פּיליסטע־רישן פּרימיטיוו. מען קומט פון אַ פאָלק, וואָס איז פריי פון וועלכע עס איז עכט מענטשלעכע ליידנשאַפטן, צו אַ פאָלק, וואָס איז צאַרט און עמ־פּינדלעך — ממש אַ סימפּאָניע פון געפילן און ליידנשאַפטן.

כ׳בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז כּדי צו קענען נאָך שטאַרקער האַסן דעם דייטש, מוז מען זיין אין פּאַריז. ערשט דאָרט אַנטפּלעקט זיך דער קאָנטראַסט אין זיין גאַנצער ברייט.

פּאַריז האָט אַ שם פון אויסגעלאַסנקייט און פון היפּער־ראַפינירט־קייט. אמת, פּאַריז האָט עפּעס פון דעם, וואָס מען רופט פּאָפּולער אָפּנויג פון דער קאָנווענציאָנעלער מאָראַל און נאָרמע. נישט ריכטיק איז אָבער די באַצייכענונג: אויסגעלאַסנקייט.

פּאַריז פאַרמאָגט לעבנס־סטיל, וועלכער גרייכט העכער דער נאָרמע, לויט אונדזערע באַגריפן. כ׳האָב דעם איינדרוק, אַז די פראַנצויזן שטייען העכער איבער אונדזערע באַגריפן. וואָס פאַר אַ קולטורפאָלק איז נאָרמאַל, באַדייט פאַר אונדז — אויסגעלאַסנקייט.

ס׳פּילט זיך אומעטום ליבע — ליבעצאַרטע עראָטיק. עס שנירלט זיך אַ דינער פאָדעם דורך זייער גאַנצן לעבנס־שטייגער, „ל׳אַמור״ (ליבע). עס איז דעריבער נאַטירלעך ווען מען זעט אויף די גאַסן פון פּאַריז פּאָרלעך קושן זיך אין מיטן העלן טאָג.

נישטאָ אין פּאַריז קיין טאָג און נאַכט אין זין פון באַוועגונג. פּאַריז וואַכט 24 שעה. אויסער דער באַוועגונג, וועלכע איז פאַראַן אַ גאַנצע נאַכט,

זענען אויך אין אייניקע קוואַרטאַלן אָפּן די געשעפטן. אומעטום העל באַ־לויכטן. נישט עס פינקלען די נעאָן־לעמפּלעך, נאָר עס גיסט זיך אַ ים פון פאַרשידנפאַרביקער ליכט.

נישטאָ נאָך אַ צווייטע שטאָט, ווו מען זאָל באַגעגענען אַזוי פיל ראַסן און פעלקער, הערן אַזוי פיל שפּראַכן. באַזונדערס סימפּאַטיש איז צו זען די נעגער אין פּאַריז: פרויען און מענער; ווי פרייע בירגער; אַלע פילן זיך ווי גלייכבאַרעכטיקטע בירגער אין זייער פראַנקרייך.

אין וועלכן נאָך לאַנד קען מען אַזוי אומגעשטערט דערקלערן: איך בין אַן אויסלענדער. מען קען נישט די שפּראַך, מאַכט מען מיט די הענט. די פראַנצויזן אימפּאָנירט עס; זיי באַמיִען זיך צו פאַרשטיין, זענען העפ־לעך, העלפן מיט וואָס זיי קענען. דאָרט הערט מען נישט דעם דייטשן גרילץ: „זי זינד אַוסלענדער״...

דער פראַנצויז האָט ליב פּאַריז. זיי זעטיקן זיך נישט אָן מיט דער שיינקייט פון דער שטאָט. שטענדיק באַטראַכטן זיי אַלץ מיט נייגיר, ליב־שאַפט — ווי צום ערשטן מאָל.

מיר גייען פאַרביי אַ גאַס, דאָרט שטייט אַ צייכענער און מאָלט קאַריקאַ־טורן. אַרום שטייען מענטשן, קוקן זיך מיט פאַרגעניגן צו. דאָס פאָלק פון קונסט שמייכלט צופרידן, ליבט דאָס שיינע.

מען גייט פאַרביי דעם קבר פון „אומבאַקאַנטן זעלנער״. שטייען דאָרט נישט נאָר אויסלענדער, נאָר אויך פראַנצויזן. זיי שטייען לאַנג, באַטראַכטן די קרענץ, די אויפשריפטן. עס מאַכט דעם איינדרוק ווי יעדער פון זיי וויל אינדיווידועל אָפּגעבן כבוד די געפאַלענע העלדן.

אַזוי אומעטום. שטייען מענטשן ביים זיג־טויער, ביים לוווּר, ביים דענקמאָל פון זשאַן־ד׳אַרק א.אַ.וו. דער דאָזיקער אינטערעס זאָגט פיל וועגן אַ פאָלק.

דעם באַזוכער, וואָס איז צום ערשטן מאָל אין פּאַריז, שאָקירט אַ ביסל, אויסדריקנדיק אויף אונדזער לשון — שנאָרעריי. צאָלט מען אַ טאַקסי לויט דעם ווי עס ווייזט דער טאַקסאָמעטער, מוז מען נאָך דערלייגן דעם שאָפער אַ צוגאָב. אין רעסטאָראַן און אין קאַפע מוז מען ביי דער קלענסטער קאָנ־סומציע צאָלן טרינקגעלט, אויב נישט, מאָנט מען ביי אייך.

פאַר פּאַריזער איז עס נאָרמאַל, פאַר פרעמדע — אומסימפּאַטיש און אומבאַקוועם...

אַזוי ווי דייטשלאַנד פאַרמאָגט אַ סך הינט, זענען די פּאַריזער גאַסן און געשעפטן באַלאַגערט מיט קעץ — פאַרשידענע ראַסן־קעץ. מיר האָבן זיך געוווּנדערט, נישט באַוויזן אָבער אויפקלערן די ליבע צו קעץ.

אויך וועגן דער קליידונג און געשמאַק פון די פּאַריזער האָבן מיר געהאַט פאַלשע באַגריפן. ריכטיק איז, אַז די מאָדע דיקטירט פּאַריז, זיי האָבן אַ חוש פאַר דינקייט, נאָבעלער צייכענונג א.אַ.וו.

פיל זאַכן פאַרמאָגט פראַנקרייך פאַרן עקספּאָרט. אַזוי אויך אין פּרט פון קליידונג. די פּאַריזער זענען זייער באַשיידן אָנגעטאָן. די באַשיידנקייט אָבער איז פון פולער גראַציע; מען זעט נישט די רויט גרילציקע פאַרבן, ווי אין דייטשלאַנד. אין דער פרויען־קליידונג דאָמינירן אין אַלגעמיין די פאַסטעלאַרטיקע פאַרבן.

אַפילו אַ גאַסט אויף אַ ווייל קען דערזען דאָס צווייטע פּאַריז — די טונקעלע זייטן פון פראַנקרייך.

געוויס איז דער ערשטער איינדרוק: לוקסוס, פּראַכט, גלאַנץ און בליכ־טער, באַקוועמלעכקייט און פרייידיקייט. ס׳איז גענוג זיך אַראָפּצולאָזן אַ שטאָפּל נידעריקער — אין פּאַריז פון נויט און עלנט — כּדי צו באַגרייפן אַז נישט אַלץ גלאַנצט. מ׳קען ביינאַכט זען ליגן היימלאָזע מענטשן שלאָפן אויף די טרעפּ, וועלכע פירן אין מעטראָ. בכלל איז דער לעבנס־סטאַנדאַרט פון פראַנצויזישן אַרבעטער אַ נידעריקער.

פאַרבייגייענדיק האָב איך דערזען אַ וועשעריי. פון אַן ענגער קעלער־וווינונג האָבן אַרויסגעקוקט בלייכע, אויסגעמאָגערטע געזיכטער פון פרוי־ען, וועלכע פאַרברענגען זייער יוגנט אין דאַמף־נעפּל פון ברודיקער וועש.

די אָרעמקייט איז פאַרשטעלט מיט אַ פאַראַוואַן.

ס׳האָט זיך מיר דערמאָנט „מאַדאַם סאַן זשען״, אַן אַלטע פראַנצויזישע קאָמעדיע, וואָס ווייזט, ווי די פראַנצויזישע וועש־מוידן פון פּאַריזער פּלעבס וואַכן אויף און גייען צוזאַמען מיטן גאַנצן פאָלק שטורעמען די באַסטיליע.

געוויס, פראַנקרייך איז שיין, פּראָגרעסיוו איינגעשטעלט, דער מענטש האָט דאָרט ליב פרייהייט. ווער ווייסט אָבער צי וועט נישט נייטיק זיין, בכדי צו שאַפן די פולע פרייהייט, אַ נייער שטורעם פון פּאַריזער וועשעריי־מיידלעך, צו צעשטערן די נייע באַסטיליע פון אומרעכט.

זאָגן יידן אין פּאַריז: „מיר האָבן ליב פראַנקרייך, דעם פראַנצויזישן מענטש״. קיינער פון די יידן פאַרגעסט אָבער דערביי נישט איבערצוגעבן

די איינצלהייטן פון די גרוילטאַטן אין די צייטן פון דער ווישי־רעגירונג, ווען די פראַנצויזישע פאַשיסטן האָבן מיטגעהאָלפן אויסראָטן הונדערט טויזנט יידן אין פראַנקרייך.

פּאַריז איז די ליבלינגס־שטאָט פון דער וועלט, וועגן איר טרוימען קינסטלערס און שרייבערס; אַ שטאָט, וואָס ציט צו זיך מיט טויזנטער פעדים, רעגט אָן דעם נייגיר און שטילט דעם דורשט פון די לעבנס־פאַר־שטעלונגען; אַ שטאָט, וואָס פאַרמאָגט אַ קראַפט צו באַאיינפלוסן, געווינען די סימפּאַטיע פון יעדן באַזוכער.

יעדער, וואָס איז דאָרט געווען פילט זיך פאַרבונדן, פאַרברידערט מיטן מענטש, מיט דער שיינקייט, מיטן לעבנס־סטיל פון יענעם לאַנד. פּאַריז באַהעפט אונדז מיט אַ כּישוף צו זיך; נעמט דיך אויף און באַגלייט מיט אַ שמייכל, מיט אַ חנדל, רוימט איין אין דער שטיל אַ סוד: צום ווידערזען — וועסט בענקען...

עס פאַרפּאָלגן דריי ווערטער, דריי באַגריפן: „גלואַר", „ל'אַמור" און „ליבערטע" — רום, ליבע און פרייהייט.

1947

סקאַנדינאַוויע

טיילנדיק זיך מיט די איינדרוקן פון מיין באַזוך אין די סקאַנדינאַ־ווישע לענדער, ווייס איך, אַז איך וועל גאָרנישט מחדש זיין. אַלט באַקאַנטע זאַכן ווערן ווידער ניי און אינטערעסאַנט, ווען מיר טרעפן זיך מיט זיי אויג אויף אויג און מיר ווערן פון זיי דירעקט באַאיינדרוקט, באַאיינפלוסט און נישט זעלטן באַצויבערט.

באַזונדערס פאַר אונדז, די פון מערב־ און מזרח־אייראָפּע, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט דעם אַזוי פּיינלעכן וועג צווישן צוויי וועלט־אָפּגרונטן — דעם פאַשיזם און אַזוי גערופענעם קאָמוניזם — פאַרמאָגן די סקאַנדינאַווישע לענדער זייער באַזונדערן רייץ.

מיין באַזוך אין יענע לענדער האָט געדויערט צו ווייניק, בכדי צו האָבן אַ מעגלעכקייט דערזען אויך דאָס נעגאַטיווע, נישט שיינע, וואָס איז געוויס אויך פאַראַן אין יענער געזעלשאַפט. כ'בין אַהינצו געקומען אויף

אַ „ווייל" און נישט געזען אויף אַ „מייל", נאָר אַ שפּאַן ווייטער פון זיך.

שוועדן, דענעמאַרק, נאָרוועגיע — דריי פּאַרלאַמענטאַרישע קעניג־רייכן, ענלעכע צו זיך און גלייכצייטיק פאַרשידן צווישן זיך — ווירקן זיך אָבער אויס איינהייטלעך, לויט דעם כאַראַקטער פון זייערע עיקר־שטריכן: דער געשיכטע, קולטור, נאַטור, דעם מענטש, די זיטן, לעבנס־נוסח און געזעלשאַפטס־אָרדענונג.

ווערט מען גלייך דערשטוינט פון דער אויסערלעכער זויבערקייט, מוסטערהאַפטער אָרדענונג אין יעדן ווינקל פון יענע לענדער. עס ווערט ממש „אומהיימלעך", ווען קומענדיק אויפן מאַרק פון גרינצייג, פרוכט און פיש אין קאָפּענהאַגן, און ס'איז נישט צו זען קיין מילימעטער־גרויס שטיקל פּאַפּיר, אָדער אָפּפאַל. דער מאַרק מאַכט גיכער דעם איינדרוק פון אַן אַפּטייק. ס'ווערט אומהיימלעך — זאָג איך — ווייל מיר זענען דערצו נישט געוווינט פון דער היים, אַפּט מאָל מאַכט דער גאַנצער אַרום דעם איינדרוק פון אַ דעקאָרירטער בינע.

אַזוי אויך אין שייכות צו דער רויִקייט, מען הערט נישט דעם הור־האַ, רעש און געפּילדער, די זידלערייען און סקאַנדאַלן, צו וועלכע מיר זענען צוגעוווינט. אין יענע לענדער איז רויִק, מען רעדט געלאַסן, שטיל, מען הערט זיך צו צו דיין ווענדונג און מען ענטפערט העפלעך, פריינדלעך, מען איז גרייט צו אינפאָרמירן גענוי, זאָל דאָס אַפילו פאַרנעמען צייט. כ'האָב געשטוינט, ווען מיר, אַ גרופּע פון ישראל, זענען אין קאָפּענהאַגן גע־שטאַנען און געזוכט דעם וועג ווי אַנצוקומען אויף אַ באַשטימטן אָרט, האָט דאָס באַמערקט פון ווייטן אַ הויכער אָפיציר פון פלאָט, האָט ער זיך אומגעקערט, צוגעקומען, אָנגעבאָטן העלפן אונדז אויפקלערן די ריכטונג אין וועלכער מיר זאָלן גיין. די דאָזיקע העפלעכקייט איז אַנדערש פון יע־נער אָנשטעלעריש־מעכאַנישער קאָנווענציאָנעלקייט ביי די דייטשן.

דער סקאַנדינאַווישער מענטש, זיינע זיטן און אויפפירונג, זענען נישט קיין אויסערלעכער זשעסט, ווי ביים ענגלענדער, נאָר דרינגען אַרויס פונעם מהות פון זייער אינערלעכער קולטור און הומאַניזם, וועלכע זענען אַ נאַטירלעכער באַדאַרף, אַ נישט געשריבענער געזעץ. אויסער אַלע יענע היסטאָרישע אומשטענדן פון זייער קולטור־אַנטוויקלונג, וועלכע האָבן באַ־שטימט דעם כאַראַקטער פון זייערע פעלקער, האָט זיך אויך אין אַ גרויסער מאָס אויסגעווירקט דער פאַקט, וואָס אין סקאַנדינאַוויע שטייען זיבעט יאָרן

ביי דער מאַכט די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. יענע דעמאָקראַטיע איז נישט קיין אויפגעבלאָזענער קרעם־באַפּוץ, וועלכער קען זיך יעדע ווײַלע צערינען — די דעמאָקראַטישע געזעלשאַפט־אָרדענונג איז געוואָרן דער לעבנס־אײַנהאַלט און סטיל פון יענער געזעלשאַפט.

די סאָציאַלע סטרוקטור, דער ווירטשאַפטלעכער גאַנג, דער לעבנס־סטאַנדאַרט, די באַציִונג צו אַרבעט, די סאָציאַלע פאַרזאָרגונג, פאַרצווײַגטע בילדונגס־ און געזונטהייטס־וועזן, העלפן באַפעסטיקן די פּאָזיטיווע אײַנגאָרטן ביי דער געזעלשאַפט, ווי ביים יחיד.

ס'איז מיר אויסגעקומען זיך טרעפן אין די האָטעלן און רעסטאָראַנען מיט באַדינערס, קעלנערס און פאַרקויפערס, וואָס האָבן אויף זיך געצויגן די אויפמערקזאַמקייט מיט זייער באַהנטער אומגעשיקטקייט ביים דערלאַנגען. דאָס זענען געווען נישט קיין פּראָפעסיאָנאַלן, נאָר סטודענטן פון אוניווערסיטעט, וועלכע האָבן בעת די שולפעריען אַ ביסל צופאַרדינט: סטודענטן פון מעדיצין, סאָציאָלאָגיע, מוזיק א.אַ.וו. וויפל באַשיידנקייט, איידלקייט, פײַן באַנעמען, צאַרטקייט, האָבן פאַרמאָגט יענע קעלנערס. אַ פרײַנדלעכער שמייכל, אַ שטיל וואָרט, באַגלייט די גראַציע פון קעלנער־סטודענט ביים אָוועקשטעלן דעם טעלער.

טרעף איך אַ מאָל אַ גאַסן־קערערין — איז דאָס אַ סטודענטין פון סאָציאָלאָגיע. אַרבעט איז נישט קיין בושה, פּונקט ווי דאָס איז נישט געווען קיין בושה אַ מאָל ביי אונדז — אין די גוטע צײַטן פון חלוציות.

אַ פּרעכטיקער טיפּ מענטש דער נאָרדישער! די פרויען העל־בלאָנד, גלאַט געקעמטע האָר, בלוי־אויגיקע, הויך, צאַרט, באַשיידן, זויבער. זייער דירעקטקייט איז אָן אָנשטעלערישער קאָקעטעריע, נישט וווּלגאַר. כאַפּנדיק אַ שמועס מיט אַ סטודענטקע פון סאָציאָלאָגיע, האָב איך טאַקע געבעטן מיר אויפקלערן, אויף וויפל עס איז אמת דער פּיזמון, וועגן דער מכלומרשטער סעקסועלער פרײַקייט ביי זייערע פרויען, וועגן זייער „לײַכטן אויפפירן זיך״?

דער אמת איז אָבער אַנדערש ווי מיר שטעלן זיך פאָר. פּונקט ווי דאָס הומאַנע און דעמאָקראַטישע ביי זיי איז אָן אײַנערלעכער באַדאַרף, אַזוי אויך די באַגריפן וועגן געשלעכטלעכן צוזאַמענלעבן. די עראָטישע קולטור איז ביי זיי באַפרייט פון רעליגיעזן באַלאַסט, קאָנסערוואַטיווע זיטן־באַגריפן. זייער „פרײַקייט״ איז אַ נאַטירלעכע, זויבערע, מאָראַליש־געאָרדנטע, וועל־

כע פאַרמאָגט דעם יסוד אין דער עפנטלעכער געזעלשאַפטלעכער מיינונג און געזעצגעבונג. כ׳שטרייך נאָך אַ מאָל אונטער, כ׳רעד נאָר וועגן דעם פּאָזיטיוון טייל פון דער יוגנט, צום באַדויערן האָב איך נישט געהאַט קיין צייט צו זען אויך אַנדערע, נעגאַטיווע דערשיינונגען און אַזעלכע זענען דאָרט געוויס פאַראַן.

די סקאַנדינאַווישע פעלקער זענען זייער שטאָלץ מיט זייער אומאָפּהענגיקייט און זעלבשטענדיקייט, עס איז דעריבער צו מערקן ביי זיי אַ טיפע פיינטשאַפט צו דייטשלאַנד, זייער נישט גערן רעדן זיי דייטש. באַזונדערס קומט דער האַס צום אויסדרוק ביי די דענער און נאָך מער ביי די נאָרוועגער, וועלכע געדענקען גוט די אָקופּאַציע־צייט. די נאָרוועגער דערציילן ביי יעדער געלעגנהייט די ליידן און גרוילטאַטן, וועלכע די נאַציס זענען באַגאַנגען. זיי דערמאָנען די ווידערשטאַנד־באַוועגונג, די קאַמפן, ווייזן די דענקמעלער פון זייערע העלדן. מיט באַזונדערן האַס דערמאָנען זיי די קוויסלינג־באַוועגונג. דער נאָמען קוויסלינג איז אין נאָרוועגיש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שאַנדבאַגריף. די נאָרוועגער האָבן אויך פּחד פאַר זייער נאָענטן שכן, דעם ראַטן־פאַרבאַנד. ווי אַ זאַך מאַכט זיך, קען אַ מאָל אין מיטן אַ פינצטערער נאַכט איינפאַלן דעם „גרויסן ברודער", „קומען צו הילף" די נאָרוועגער „ראַטעווען דעם באַדראָטן סאָציאַליזם און די פרייהייטן".

בעת די באַזוכן אין די פּאַרלאַמענטן, מוזייען, קעניגלעכע פּאַלאַצן און גאַלעריעס איז מערקבאַר געווען אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך: וויפל פּיעטעט, גוטמוטיקן שפּאַס און לייכטע איראָניע, ווי אויך שפּיציק־געפּעפּערטע באַמערקונגען און אַנעקדאָטן מען לאָזט הערן אויפן חשבון פון די הערשערס און קעניגן מצד די, וועלכע פירן אַרום און זענען מסביר די געשיכטע, די קונסטווערק. דאָ שפּירט זיך דער עכטער גייסט פון דעמאָקראַטיע, די קולטור־טראַדיציעס ביי אַ געזעלשאַפט. אָפּשטעלנדיק זיך ביי אַ פּאָרטרעט פון אַ קעניג, הערן מיר אַזאַ באַמערקונג: „מען דערציילט וועגן דאָזיקן קעניג, אַז ער איז געווען נישט קיין איבעריקער חכם, קוקט זיך אָבער גוט איין אין זיין געזיכט, וועט איר זען אַז ער זעט גאָרנישט אויס צו זיין אַזאַ טיפּש ווי ער איז געווען" — פּיעטעט און טאָלעראַנץ שטאַמען פון איין מקור.

שטאָקהאָלם, קאָפּענהאַגן, אָסלאָ — סטילאַרטיק געבויטע שטעט. די

הייזער נישט קיין איבעריק הויכע. פונקט ווי אין ענגלאַנד, סקאָטלאַנד און האָלאַנד ווערט אויך דאָ אָפּגעהיט דער גרויער טאָן פון אַלטקייט אין אויס־זען פון די הייזער. אַלטקייט און ציכטיקייט אינאיינעם. פאַראַן אויך, זעלב־פאַרשטענדלעך, ניי אויפגעשטעלטע קוואַרטאַלן, מאָדערנע, מיט פיל גע־שמאַק געבויטע הייזער און אונטערנעמונגען — רחבות און רייכקייט.

איך האָב געזען דאָס עלעקטריציטעט־ווערק אין נאָרוועגיע — געבויט אין די סאַמע טיפן פון זייערע בערג, פון דאָרט ליפערן זיי עלעקטרישע קראַפט פאַר נאָרוועגיע, שוועדן און דענעמאַרק.

אין די צענטערס הערט מען נישט דעם האַנדלס־ווירוואַר און געיעג. די באַוועגונג איז אַ גרויסע אָבער נישט קיין רעשיקע. זייער ווינציק אויטאָ־קאַטאַסטראָפעס זענען דאָרט פאַרצייכנט. דאָס רוב קאַטאַסטראָפעס — דער־ציילט אונדז אַ שאָפער — מאַכן די אויסלענדישע באַזוכערס. אין קאָפּענ־האַגן איז אָפילו פאַראַן אַ באַזונדערע פאַר־טראַסע פאַר די ראָווער־פאָ־רערס און מאָטאָציקליסטן.

פאַר נאַכט (10.30 אָוונט), ווערט שיטער אויף די גאַסן, ממש אויס־געליידיקט פון דורכגייערס. שאַ, שטיל — אַ ביסל צו רויִק — די דיס־קרעט איינגעאָרדנטע ליכט־רעקלאַמעס באַשיינען די גאַסן, באַהעלן די דענקמעלער פון זייערע קולטור־שעפערס — איבסען, סטרינדבערג, גריג.

ערגעץ ווו אין אַ זייטיק געסל שלעפּן זיך אַרום גרופּעס ביטניקעס, נישט זעלטן אויך אַ שיכור, אייניקע סקאַנדאַליסטן, ווי אומעטום און אַנ־דערש ווי אומעטום.

איבער די פיאָרדן

די לענדער פון סקאַנדינאַוויע פאַרמאָגן אַ שלל פון נאַטור־רייכער שיינקייט: וועלדער, טייכן און וואַסערפאַלן. וואָס ווייטער אין צפון — אַלץ געדיכטער די וועלדער, וועלכע באַגלייטן דעם גאַנצן וועג ביז צו די פיאָרדן. בעת דער נסיעה וואַכן אויף דערמאָנונגען פון אַלע יענע לענדער, מיט וועמענס נאַטור עס איז פאַרבונדן אונדזער פאַרגאַנגענהייט. ענלעך, אָבער דאָך זענען די בערג פון נאָרוועגיע אין זייער וועזן אַנדערש פון די קאַר־פּאַטן און טאַטרען און אַוודאי אַנדערש פון די אַלפּן. מען זעט אויך נישט

יענע הוצולישע האָלץ־כאַטעס, זײער קאָלאָריט. עס הערט זיך נישט יענער ניגון פון דער סאָפּילקע, װעלכע פּלעגט אױסשפּילן די װײען פון דער שמאַכטנדיקער הוצולישער אָרעמקײט.

נאָרװעגיע פאַרמאָגט איר אײגענעם ניגון, איר קאָלאָריט. דאָס לאַנד איז שיטער באַפעלקערט, דאָ און דאָרט אַ שטעטל, אַ דאָרף אָדער אַ פישער־זידלונג. די דערפער, קולטיװירטע, ציכטיקע, די באַבלימטע קלײנע הײזער געדעקט מיט רױטע קאָפּלעס, די װענט אין אַלע קאָלירן. אומעטום אױף די טױערן און טירן זעט מען די פאַרשידנסטע שניצערײען, באַזונדערס דראַקאָנען אין די פאַרשײדנסטע װאַריאַנטן, װאָס איז פאַרבונדן מיט דעם רײכן פאָלקלאָר און לעגענדעס פון נאָרװעגיע. אומעטום זעט מען הילצערנע קלױסטערס, מיט זײערע דרײַקאַנטיק שפּיציקע דעכער און אױפּפּוצן. האָבן מיר טאַקע באַזוכט אַזאַ זײער אַלט קלױסטערל, אין די בערג, אײנגעהילט אין טונקל־גרין. פון דאָרט פירט אַ סטעזשקע צו דער װילע פון נאָרװעגישן קאָמפּאָזיטאָר גריג, קעגנאיבער דער װילע (הײנט אַ מוזײ) אַ טײך, אין װעלכן עס שפּיגלט זיך אָפּ דער שײנער אַרום. יענער אױסבליק האָט אינ־ספּירירט דעם מײסטער צו זײנע שאַפונגען, דערצײלט זיך אין זײן ביאָ־גראַפיע.

טײכן, סטאַװעס, קװאַלן, רינגלען אַרום יעדן שפּאַן ערד פון יענעם לאַנד. װי האָט זיך טרעפלעך אױסגעדריקט אונדזער באַגלײטער, אַ נאָר־װעג: אַ העלפט פון אונדזער לאַנד שטײט אױף װאַסער, טײלװײז אַרומגע־רינגלט דורך ערד און בײמער.

באַזונדערס באַרײכערן דאָס לאַנד, איר נאַטור־שײנקײט, די אַזױ באַ־רימטע פיאָרדן. הונדערטער קילאָמעטערס נסיעה צװישן באַװאַלדיקטע בערג; צו פוסנס פון די בערג — די װילד־שײנע פיאָרדן. יעדער פיאָרד האָט זײן נאָמען, פאַרמאָגט זײן אײגנאַרט, זײן בילדערישע פּראַכט.

געפינענדיק זיך צװישן באַרג און פיאָרד, פילט מען זיך אַ געפאַנגע־נער און פאַרכּישופטער אין דער נאַטור־פעסטונג. װאָס װײטער און העכער, אַלץ סודותפולער. עס װערט אַ ביסל אומהײמלעך, קוקנדיק אַראָפּצו צו די ראַנדן פון סערפּענטינעס, צו די קלײנע װענט װאָס פירן גלײך צום אָפּגרונט. עס װערט אָבער געשטילט דער געמיט, װען אונדזער בליק באַגעגנט זיך מיט דער רויִקער, געלאַסענער האַלטונג און צעשמײכלטן געזיכט פון נאָר־װעגישן שאָפער.

יעדע ווילע טוישט זיך דאָס בילד, דער קאָלאָריט פון דער פּאַנאָראַמע, יעדע ווילע פאַרשאַפט געַנוס, איז משפּיע אויף די געפילן, אויף דער שטי־מונג. פאַרנדיק דאַכט זיך אונדז, אַז דער פיאָרד ענדערט זיין אויסזען, די פאָרם, אַ קאַליידאָסקאָפּ פון אָפּטישע טוישונגען: ליכט און שאָטנשפּיל פאַרוואַנדלען דאָס בילד אין אַ פאַרבן־סימפאָניע.

פון האָריזאָנט העלט אַ ליכטפּאַס, וועלכער רייסט זיך דורך צווישן די וואָלקנס, שניידט זיך ווי אַריין אין דער קאָלירן־אידיליע, וועלכע פאַר־איניקט ערדראַנד מיט פיאָרד. ליכט און שאָטן־פלעקן גנבענען זיך אַריין אין דער באַרג־איינטאָניקייט, איידער דאָס אויג זעטיקט זיך אָן מיט איין ניואַנס — איז שוין אַ צווייטער, עס הערט זיך אויף דער גערויש פון וואַסערפאַלן, וועלכע יאָגן זייער גאַנג פון די שניי־שפּיצן אויף די בערג. וואַסערפאַלן, וואָס שנירלען זיך געלאַסן אין אַ ווייס־ קרישטאָל־גלאַנציקן געפלעכט, אַנדערע רייסן זיך שטורמיש צווישן די נישט גלייכמעסיקע באַרג־קאָריטעס, ברויזן זייער זילבער־שוים, ביז דעם סאַמע צופוסן פון די בערג.

ערגעץ ווו אין דער מיטן פון אַ פיאָרד זעט זיך אַ קליינער אינדזל, אויף אים אַ פּאָר הייזלעך, אַ קלויסטער מיט אַ שפּיציקן טורעמל, מלא־חן — דערנעבן שפּרייטן זיך געלע בליטן. עס באַגעגענען זיך פייזאַזש מיטן אָפּשיין פונעם וואַסער־שפּיגל, יאָגט פון ערגעץ אַ גאָלדיק כוואַליענדיקער רונדקרייז, וויגט פונאַנדער דעם וואַסער־שפּיגל, שלינגט איין בילד און פאָרם, אַ געמיש פון שפּילנדיקן פאַרבן־פּראַכט צעשטערט די סימעטרישע האַרמאָניע צווישן לאַנד און וואַסער. דאָס אויג ווערט אַנגענעם־מיד, איבער־געזעטיקט פון קאָלאָריט — עס פאַרשיכּורן ממש די מחיה־נפשותדיקע וואַלד־ריחות.

עס טרעפט — און נישט זעלטן, אַז אַ שוואַמיק שיטערע נעפּל־נעץ לאָזט הענגען אירע צויטן איבער באַרג, טונקל־גרויע, ברוין־בלויע פלעקן שאָטענען אין די טיפן פון וואַלד, מישן זיך אויס מיט דער מילך־ווייסער פאַרע, וועלכע אָטעמט אַרויס פון די וואַסערן. עס דויערט נישט לאַנג און דער הימל איז ווידער לויטער־בלוי, די נעפּל־שפּורן צערינען זיך, עס העלן ווידער די זאַפטיק־גרינע און געלע פּאַלאַנעס צווישן דיביימער, עס טראָגט זיך אַ מחיהדיקע פרישקייט.

מיר פאָרן פאַרביי פישער־דערפער, פריִער זיך אָפּגעשטעלט אין אַזאַ

שיינער אָרטשאַפט ווי בערגן, פון דאָרט מיט אַ שיפל איבערן סויגנפיאָרד קיין ווידהיים, איבער אַזיערע וואַלסטער קיין אַלדן.

יעדעס דאָרף פאַרמאָגט זיין רייץ.

אומעטום אין דערפער און פישער־זידלונגען רוט מען, מען שפּאַצירט. אין די אָונטן קומען פאַר פאַלקסטענץ אין דער נאַציאָנאַל־טראַכט, איינגע־אָרדנט אין די האָטעלן אָדער גאָר אין אַ קרעטשמע, ווו עס אָטעמט מיט עכטער דאָרפישקייט און פאָלקסטימלעכקייט.

די עיקר־אַטראַקציע זענען געווען די שנייבערג ביז 1800 מעטער די הויך, ס׳האָט געבלענדט מיט ווייסקייט, קיל, אָבער אָן ווינט. דער שניי ליגט האַרט, געפּרעסט, עס זעען זיך בולט די שיכטן פון פאַרלעגערטקייט, אַ פּאַראַיאָריקער שניי, ער פאַרמאָגט נישט מער זיין ווינטערדיק פוכיקע פראַסטקייט, די מילדע ווייכקייט. ס׳זענען פאַרשוווּנדן די זילבער־בלאַנ־קענדיקע פליטערס, דאָ און דאָרט זעען זיך אַפילו טיפע לעכער, געל־גרויע פליכעס. דער שניי האָט פאַרלוירן זיין קראַפט, ער פאַלט, גליטשט זיך אַרונטער, פליסט אָפּ מיט די קאָריטעס אין די בערג, צו די וואַסערפאַלן.

אַ בליק אַראָפּ צום שלאַנגען־געדרייטן וועג, שווינדלט פאַר די אויגן, אַז מען גרייט זיך פאָרן אַראָפּ, באַהערשט אַ געפיל פון סכנת־נפשות און נחת־רוח.

1966

האָלאַנד — אַמסטערדאַם

אַמסטערדאַם איז פאַר אַ ייד נישט סתּם אַ נאָמען פון אַ הויפּטשטאָט. אַמסטערדאַם איז פאַרבונדן מיט פיל היסטאָרישע זכרונות, באַשטימטע רעפלעקסן פון אַ תּקופה אין וווייטן גלות־עבר. אין אַמסטערדאַם האָט זיך נאָך פאַרן סוף פון 17טן י״ה געפונען איינע פון די וויכטיקסטע יידישע קהילות פון מערב־אייראָפּע און די רייכסטע אין דער וועלט.

דאָס דאָזיקע געפיל האָט ביי מיר נאָר פאַרשטאַרקט דעם אינטערעס, דעם נייגער צו דער דאָזיקער שטאָט. ווי נאָר אָבער מען טרעט אַריבער דעם תּחום פון היסטאָרישער פאָרשטעלונג, און מען געפינט זיך פּלוצעם אויף די גאַסן פון דער שטאָט, פאַרשווינדן, רינען זיך פונאַנדער יענע

באַאומרויִקנדיקע געפילן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער פאַרגאַנגענהייט. דאָ און דאָרט סימנים, אָנמערקונגען: אַ שול, אַ בית־עולם, אַ מצבה, אַ רעקוויזיט, פאַרבליבענע שמות. אָבער אויך דאָס איז גענוג אויף צו גע־פינען אין זיך די אינערלעכע קאָמוניקאַציע מיט דער אַלטער שטאָט. עס באַגלייט עפּעס אַ געפיל פון היימישקייט, גלייך מיטן שטעלן דעם פוס אויפן האָלענדישן באָדן.

אפשר וועלן צוקונפטיקע דורות האָבן דאָס זעלבע געפיל, ווען זיי וועלן באַזוכן דאָס אַמאָליקע יידישע וואַרשע, זיי וועלן אַרומגיין מיט אַן אַלטע מאַפּע אין האַנט און זוכן שפּורן פון אַמאָל, זוכן געוועזענע יידישע גאַסן, געסלעך, ערטער.

אַמסטערדאַם, ווי עדינבורג די הויפּטשטאָט פון סקאָטלאַנד, פאַרמאָגן שוין נישט פיל פון דעם קאָלאָריט פון דער נאַציאָנאַלער טראַכט. די באַ־פעלקערונג איז געקליידט מאָדערן. נאָר אין די האָטעלן און אינסטיטוציעס אין עדינבורג האָט מען געקענט באַגעגענען „רעפּרעזענטאַנץ״־באַדינערס, אָבערקעלנערס אין דער נאַציאָנאַלער טראַכט (מענער אין פרויען־קליידער), דאָס האַלט מען ווי אַן אַטראַקציע פאַר די טוריסטן.

אויף אַמסטערדאַם לאַסטעט אָבער דער היסטאָרישער חותם — די געביידעס, קלויסטערס, פאַרמאָגן נאָך זייער קאָלאָריט און אָרנאַמענטיק. אָבער דער נייער טייל פון שטאָט איז שוין געבויט מאָדערן — רחבותדיקע גאַסן, די הייזער טונקען זיך אין בלומען־גערטנער.

פאָרט מען נאָר אַרויס אייניקע קילאָמעטער פון דער שטאָט, אין דער אַרומיקער דאָרפס־סביבה, ווערט דאָס אויג פאַרכאַפּט פון פאָלקס־פּראַכט, באַזונדערס אין יום־טוב־טעג. אין די געגנטן פאַר טוריסטיק זעט מען דעם לעבעדיקן טיפּאַזש און פּייזאַזש פון אַלע יענע געגנטן פון די האָלענדישע מאָלערס.

קליינע הייזער, קאָלירטע ווענט, נעבן זיי פלוסן, טייכן, איבער די טייכן — בריקן. מאַרק־פּלעצער, דאָרט האָלענדישער קעז, הילצערנע שיך, שניצערייען, שפּילצייג און געמעלן. אין מיטן מאַרק — אַ מאַשין ווי אַ טראַקטאָר גרויס, איינער דרייט אַ קאָרבע, אַרום שטייען מענטשן, הערן זיך צו צו פאָלקס־ניגונים.

פאָרנדיק איבער די פעלדער און לאָנען זעט מען די לעגענדאַרע ווינטמילן, פיל פון זיי דינען בלויז ווי אַ דעקאָראַציע, אַנדערע ווערן גע־

טריבן פון עלעקטרישער קראַפט, מען וויל זיך נישט פאַרלאָזן איינציק אַליין אויף די היינטיקע ווינטן. מען זעט די לאַנדשאַפט און עס רופט אַרויס אַ געפיל פון קינאה: אַזוי פיל וואַסער! אַ שטיקל ערד און דערנעבן וואַסער באַדעקט מיט אַ שיכט גרינס, ווי גרעזעלעך. מען מוז זיין פאַרזיכ־טיק נישט אַריינצופאַלן, עס איז שווער צו אונטערשיידן צווישן באַגראָזטן פעלד און באַגראָזטע וואַסערן.

זאָגט דער האָלענדער: „גאָט האָט באַשאַפן די וועלט און די האָלענדער — האָלאַנד". די האָלענדער רימען זיך מיט דער ענערגיע און מיט די רעזולטאַטן פון זייער מיזאַמער אַרבעט, פון פאַרוואַנדלען גאַנצע וואַסער־געביטן אין פרוכטבאַרע ערד־מאַסיוון. גרויסע פּלענער און פערספּעקטיוון שטייען נאָך פאַר זייער לאַנד אין זין פון רעגולירן די וואַסער־סטיכיע, ווי באַערדן די וואַסערפלאַכן.

נישט אומזיסט פאַרמאָגן די האָלענדער אַזעלכע באַרימטע בהמות, אַזאַ באַטעמטן פּוטער — דאָס לאַנד שמעקט ממש מיט מילך און פּוטער.

די האָלענדער פאַרמאָגן אפשר נישט דעם אויסערלעך אימפּאָזאַנטן טיפּ מענטש, די פרויען — דיקלעך, רונדיק, פּויעריש. נישט אַזוי עלעַס־טיש־באַוועגלעך, ווי די סקאַנדינאַווער, דערפאַר אָבער גוטמוטיק, פריינד־לעך, אוממיטלבאַר האַרציק, אָן אָנשטעל און פאַלשער גאווה.

בילדעריש אינטערעסאַנט איז אַמסטערדאַם ביי נאַכט, פאָרנדיק אויף שיפלעך איבער די געדרייטע וואַסער־קאַנאַלן, וואָס פירן איבער די פאַר־שיידנסטע טיילן פון שטאָט. די ליכטער וואַרפן שיין איבער די הייזער מיט די פיל־פענצטערדיקע ווענט, וואָס אויף זיי — האַלץ־באַצירונגען, אין טאָן פון טונקעלן קאָלאָריט. אַלץ זעט אויס נאָך אינטערעסאַנטער אינעם נאַכטיקן וואַסער־שפּיגל.

די האָלענדער פאַרהענגען נישט די פענצטער, זיי זאָגן: „אַ האָלענדער האָט פאַר קיינעם נישט וואָס צו פאַרשטעלן".

גייענדיק צו דער וואַסער־סטאַציע, מייַדן מיר נישט אויס דאָס באַ־רימטע געסל, האַרט ביים ברעג פון אַ טייך. לענג־אויס פון דאָזיקן געסל פון צניעותדיקן אַמסטערדאַם, זיצן פאַר זייערע קליינע הייזער די זונות אין ווייט נישט צניעותדיקע פּאָזעס, און וואַרטן, גאָט זאָל צושיקן דעם ריכטיקן זיווג.

ווי קענען יידן זיין אין אַמסטערדאַם און נישט באַזוכן כאָטש די פאַר־

טוגעזישע אַלטע שול? עס איז גראָד געווען אין תשעה־באָב, זענען מיר געגאַנגען באַזוכן די שול, וועלכע געפינט זיך אין אַ פּעריפערישן אַלטן פאַרלאָזענעם קוואַרטאַל. אַן עלטערע פרוי, אַ שמשטע, עפנט אויף. די שול איז אין רעמאָנט. יעדעס ווינקל, די העסעס אויף די ווענט, די איינגע־קריצטע אָרנאַמענטן, די פאַרטיפונגען אין די זיילן, פאַרמאָגן אויף זיך דעם שטויב פון דורות, נאָר אַ בלאַסע שײַן רייסט זיך אַריין אין שול דורך די ווינטראַזשן.

דערנעבן, אויפן זעלבן הויף, איז אַ קליין שולעכל, דאָרט זיצט אַ מנין יידן אין צילינדערס אויף די קעפּ. דער חזן אין אַ שוואַרצער טאָגע זאָגט פאָר די קינות — אָפּהילך און שאָטנס פון אַמאָליקן יידישן אַמסטערדאַם.

ווען מען רעדט וועגן אַמסטערדאַם, מוז מען דערמאָנען כאָטש יענע גרויסע קונסט־אוצרות און גאַלעריעס, וועלכע ווערן מאַסנהאַפט באַזוכט. די גאַלעריעס אין וועלכע מ׳קען זען די שאַפונגען פון האָלענדישע מאָלער־קלאַסיקערס, באַזונדערס — וואַן גאָך. עס איז אַן אַטמאָספער פון אַלטער קולטור, מיט נײַצײַטיקן אַרבעטס־אימפּעט און פלײַס.

מיר האָבן באַזוכט דאָס הויז פון אַננאַ פראַנק. אַלטע גרויע ווענט. קעגנאיבער — אַ שמאָלער טייך, אַ בריק, נישט ווייט אַ קלויסטער. אויפן שמאָלן טראָטואַר נעבן הויז — אַ לאַנגע ריי פון יונגע מענטשן (אויך נישט־יידן), טוריסטן פון דער גאַנצער וועלט, גייען באַזוכן דאָס הויז וואָס איז שוין געוואָרן אַ טראַדיציע. שמאָלע קליינע טרעפּ פירן דורך אַ קאָרידאָר אַהינצו אין דער באַהעלטעניש־וווינונג פון די פראַנקס. באַשיידענע צימערן. דאָס מעבל, ווי עס איז געווען בעת דער ליקווידאַציע. די ווענט באַהאַנגען מיט די צייכענונגען און קינדערישע בילדער פון אַננאַ, אירע שריפטן, צײַ־טונגס־אויסשניטן א.אַ.וו. די פענצטער פירן צו די אַרומיקע הויכע דעכער פון די שכנותדיקע הייזער, דורך וועלכע די משפחה פראַנק האָט באַקומען שפּייז. עס שטייט נאָך די וואַנטשאַנק, וועלכע האָט פאַרמאַסקירט דעם אַריינגאַנג צו די פראַנקס.

דאָך האָבן די שטיוול־יונגען, פאַשיסטישע שפּיר־הינט געטראָפן אַהינ־צו: — טראַגישע ווירקלעכקייט איז געוואָרן לעגענדע, אַ געשיכטע וועגן געראַנגל און אומקום.

1966

שווייץ — פון גענף ביז די אַלפּן

קומסט אין שווייץ — אין גענף (זשענעוו), דערזעסטו אין איינער פון די שטאָט־טיילן אַ דענקמאָל, וואָס איז אין גאַנצן אַנדערש פון אַלע — אַ דענקמאָל פון אונדזער צייט, נאָך אַ חרוב געוואָרענער וועלט, וועלכע מיר האָבן געשפּירט אויף אונדזער הויט. דאָס איז דער דענקמאָל וואָס הייסט דער פּאַלאַץ פון פעלקערבונד אין זשענעוו. נאָך נישט מערקבאַר אויפן דאָזיקן דענקמאָל קיין שטויב, אַלץ איז ניי, אָפּגעהיט, עס הערט זיך נאָך דער ווידערקול פון לעבעדיקע וויכוחים, שלום־דעלעגאַציעס, צוזאָגן און פּאַראַט.

שטייען טוריסטן אין אַ ריי, וואַרטן אויף אַריינגאַנגס־קאַרטן. גרויסע שיינע געביידעס, ליכטיקע זאַלן און צימערן פאַר קאָנפערענצן און זיצונגען, ביבליאָטעקן און שטודיר־צימערן. געפינען מיר זיך אין גרויסן זאַל, ווו דער פעלקער־פּלענום האָט אָפּגעהאַלטן זיינע פאַרהאַנדלונגען. טישן, שטולן מיט הויכע אַנלענען, אויף זיי שילדלעך מיט אויפשריפטן פון די לענדער, דאָס אַלץ מאַכט איצט דעם איינדרוק פון מצבות. איבער אונדז אַ סופיט מיט געמעלן, וואָס סימבאַליזירן אַלע ראַסן, וועלכע דערלאַנגען זיך די הענט, שווערן אייביקן פרידן און פעלקער־צוזאַמענלעבן.

אויף דעם „בית־הקברות" הערשט איצט שטילקייט, דאָרט זענען באַגראָבן פּאַטעטישע רעדעס, פאַלשקייט און צביעות, ווי אויך פאַרצווייפלטע אַפּעלן צום וועלט־געוויסן, פון קליינע פעלקער וועלכע האָבן זיך געראַנגלט פאַר פאַרהיטן זייער זעלבשטענדיקייט. ס׳הערט זיך נאָך דער עכאָ פון לעצטן פרעכן אַרויסטריט פון פאַרשטייער פון דריטן רייך, וועלכער האָט דער ערשטער געוואָרפן דעם פעלקער־בונד דעם גט פאַר די פיס.

נישט סתם אַ בית־הקברות איז עס, די ווענט זענען פון רויטן פינלענדישן מאַרמאָר, דער באָדן געפלאַסטערט מיט איטאַליענישן מאַרמאָר — אָדער פאַרקערט. אַרום שיינע געפלעגטע גערטנער, בלומען־קווייטן, פאָנטאַנען. אין צענטער אַ גרויסער ערדקויל, דער סימבאָל פון פעלקער־בונד. דאָס פאַרבליבענע דאָרט באַדאַרף דערמאָנען און וואָרענען.

אפרים שרייער

✶

נאָך ציריך, בערן און גענף, האָבן מיר זיך געלאָזט אַרויפֿצו צום „ווינטער" — צו די באַרג־הייכן פֿון די אַלפּן.

ס'איז געווען פֿיל אָנגענעמער אַרויפֿצובליקן ווי אויסצודרייען דעם קאָפּ און זען די שמאָל געדרייטע סערפּענטינעס הינטער זיך.

וואָס העכער אַלץ בולטער דער פֿוס־ווייכער שניי־אָנשיט אויף די מיט זונענליכט באַהעלטע בערג.

די צאָן־ראָד־באַן האָט זיך געדראַפּעט אויף די גלייכע באַרג־ווענט אַרויפֿצו, וואַגאָנדלעך אויף ליניעס האָבן געפּירט אַרויף און אַראָפּ — אויף די בערג און פֿון די בערג.

מיר האָבן זיך געפֿונען אויפֿן „פּילאַטוס" (2121 מעטער די הויך). די לופֿט איז געווען שאַרף, שניידנדיק, דער הימל לויטער. אין דער ציכטיקער דורכזיכטיקייט האָט מען געזען די ווייטסטע קאָנטור־שטריכן פֿון באַרג־האָריזאָנט. דאָס אויג האָט זיך געזעטיקט אין דער מילדער קאָלירן־האַר־מאָניע פֿון באַרג־מלכות.

די אַרומיקע שניי־ווייסע אומשולד האָט געהאַנדלט מיט אירע צאַרטע קאָלירן־ניואַנסן, צאַרטער העל־בלוי, בלאַסער ראָז, גאָלד־געל. פֿון העל און שאָטן האָבן זילבערדיק געפֿינקלט שניי־בריליאַנטענע שטערן־שפּלי־טערס. דאָ און דאָרט אַ גרופּע, אַ פּאַראײנצלטער טוריסט, האָבן זיך קאָנ־טראַסטירט מיט זייערע קאָליר־בונטע בגדים.

אַנטוישט האָבן מיר זיך בעת מיר זענען אָנגעקומען צום „יונגפֿרוי" (3157 מעטער די הויך), דאָרט האָט אונדז באַגעגנט אַ געדיכטער נעפּל־שלייער, וועלכער האָט אין אַ טריפֿנדיקער נאַסקייט גענידערט איבער די בערג, איינער דעם צווייטן האָט ניט געקענט זען. עס איז נאָר פֿאַרבליבן: אַריינגיין אין דער טוריסטן־אכסניה און דערוואַרעמען זיך ביי אַ הייסן טעלער זופּ.

פֿאַרלאָזנדיק גרינוואַלד און אינטערלאַקען, האָבן מיר זיך געלאָזט קיין ברונען. דאָס איז אַ קליינע טוריסטן־אָרטשאַפֿט, וועלכע ליגט אין סאַמע שויס פֿון די בערג. דאָס מיניאַטור־שטעטעלע, די הייזער און געוועלבער דערמאָנען גיכער אין שפּילצייגן פֿאַר קינדער, ווי אין אַ ווויניאָרט.

די פֿענצטער פֿון האָטעל האָבן געפּירט צו אַ צויבער שיינער פּאַנאָראַמע, צופֿוסנס פֿון די טונקל־גרינע בערג און ענדלאָז ווייטער אָזיערע.

אין דער קאַלירן־אידיליע צווישן הימל און וואַסער האָט זיך געזען אַ הויכער נאַקעטער פעלדז.

שאַ, שטיל; דאָ און דאָרט אַ פישער־שיפל, אַ לאָדקע. מאָנאָטאָנע שלווה צווישן הימל, באַרג און וואַסער.

1966

רומעניע און טערקיי

דער צוויי־שעהדיקער פלי פון לוד ביז קיין בוקאַרעשט האָט נישט איבערגעלאָזט ביי מיר דעם מינדסטן שפור פון אַ ווייטער רייזע. אין בוקאַ־רעשט האָבן מיר געלאַנדעט ביינאַכט. ווען נישט דער צופאַל, וואָס גלייך מיטן שטעלן מיין פוס אויפן רומענישן באָדן האָב איך גלייך באַצאָלט זעקס דאָלאַר אָפּצאָל פאַר אַן „איבעריק פלעשל" — וואָלט איך צומאָל נישט געוווּסט, אַז כ'בין שוין אויסער ישׂראל.

אויף אונדז האָט שוין געוואַרט אַ טוריסטן־אויטאָבוס מיט אַ באַגליי־טערין, מיט וועלכן מיר זענען געפאָרן גלייך אין האָטעל „נאָרד". פאָרנדיק האָט מען פון ערשטן בליק געקענט באַאייַנדרוקט ווערן פון אָט דער גרוי־סער שטאָט, מיט אירע אַלטע און נייע בנינים. בוקאַרעשט האָט פון שטענ־דיק אָן געהערט צו די אינטערעסאַנטסטע און לעבהאַפט־פולסירנדיקע צענטערס אין צענטראַל־אייראָפּע.

אין סאַמע צענטער פון דער שטאָט הייבט זיך אַרויס דער פילשטאָ־קיקער זייער שיינער בנין פון האָטעל „אינטערקאָנטינענטאַל". דער בנין פון פרעסע־צענטער, וועלכער דערמאָנט אין זיין אַרכיטעקטור דעם בנין פון קולטור־פּאַלאַץ אין וואַרשע — אַ געשאַנק פון סטאַלינען אַליין, צו יענער צייט. עס מערקט זיך אויך אָן אָפּפרישונגס־אַרבעט פון אַלטע בנינים.

מיט גרויס נייגער קוקט זיך אויף אַ ווילע איין דער טוריסט אין דעם גאַנג, די איינריכטונגען פון סאָציאַליסטישן סדר אין דעם דאָזיקן לאַנד. פאַר אַלעמען איז צו באַמערקן, אַז די באַציִונג צום טוריסט, צום ישׂראל־טוריסט איז אַ זייער קאָרעקטע און אפשר מער דערפון. און מען טאָר

נישט פֿאַרגעסן, אַז רומעניע איז היינט צו טאָג אַ צענטער פֿאַר מאַסן־טוריסטיק. אין דער ערשטער ריי מערקט זיך גאָר בולט אָן די טוריסטיק פֿון ישׂראל. מען קען נישט בלייבן גלייכגילטיק צו דער אויסערגעוויינלע־כער זויבערקייט, וועלכע איז צו זען נישט נאָר אין בוקאַרעשט, נאָר אויך אין שטאָט און דאָרף פֿון גאַנצן לאַנד. אָט די זויבערקייט דערמאָנט ממש אין די סקאַנדינאַווישע לענדער. אויך די צימערן אין די האָטעלן שטייען נישט אָפּ, פֿאַרקערט, זיי שטייגן טייל מאָל איבער די איינריכטונגען פֿון די האָטעלן אין מערבֿ־אייראָפּע.

כ׳בין מודה מיט צופֿרידנקייט, אַז כ׳האָב אויף די גאַסן געזען בירגער וואָס זענען געקליידעט מענטשלעך־באַשיידן, אָבער גאַנץ נאָרמאַל. מיינע בליקן האָבן אָפּגערוט, נישט זעענדיק די יונגען און מוידן — די ווילד באַוואַקסענע בערד... און צעשויבערטע קעפּ, מיט אַן אָנטועכץ אין משו־נהדיקע קאָלירן און קליידער אין צויטן. ס׳איז אָבער נישט צו זען ליאַכעס און שמאַטעס, ווי אויך נישט די היפּער־עלעגאַנץ און לוקסוס מיט וועלכן ס׳איז היינט צו טאָג פֿאַרמיסטיקט גאַנץ אייראָפּע.

רומעניע איז שיין. די שטאָט־פֿאַרוואַלטונגען ווידמען זייער פֿיל אויף קולטיווירן די גערטנער, פֿלעגן די פֿלאַנצן און בלומען. באַוואַסערונג און גרינס באַגלייטן אַיעדן טראָט.

דער גאַסן־פֿאַרקער איז רעגולירט, אויך דאָרט זענען קיין צדיקים נישט פֿאַראַן, אָבער מען היט דאָס געזעץ, צי דאָס איז אַן אייגנשאַפֿט ביים פֿאָלק, צי אויס מורא פֿאַר שטראָף — אָרדענונג איז דאָ. מענטשן רעס־פּעקטירן דאָ דאָס געזעץ און די פֿאַרשריפֿטן. דאָס זעלבע מכּוח כוליגאַ־ניזם אין די גאַסן. קיין פּוילע שטיק און ווילדערייען, נישט צו באַמערקן — קען זיין אַז מען צווינגט זיך גוט אויפֿצופֿירן — מען פֿאַרלאָזט זיך נישט בלויז אויף די איינגעבוירענע „גוטע זיטן״, אָבער אָפֿענער כוליגאַניזם מערקט זיך נישט.

די דענקמעלער דערמאָנען אָפֿט, אַז מען געפֿינט זיך אין אַ קאָמו־ניסטיש לאַנד. אָט איז אַ גיגאַנטישער לענין־דענקמאָל. אָט איז אין גאָרטן נעבן „נאָרד״־באַנהויף אַ דענקמאָל לזכר די געפֿאַלענע סאָוועטישע אַרמייער פֿאַר דער באַפֿרייונג פֿון רומעניע א.אַ.וו. אויסער רומעניש קען מען דאָרט אויך דורכקומען מיט ענגליש, פֿראַנצויזיש, דייטש, אָבער זייער נישט גערן הערן די רומענער רוסיש, ווען אַפֿילו זיי פֿאַרשטייען וואָס איר פֿרעגט.

אינטערעסאַנט, אַז אויך אין די שולן פאַרנעמט נישט רוסיש דעם אויבן־אָן צווישן די פרעמדע שפּראַכן.

שטאַרק אַנטוויקלט איבערן לאַנד איז דער פאָלקלאָר־מאָטיוו — אין ליד, טאַנץ און טעאַטער־אויפטריטן. פאַר טוריסטן זענען פאַראַן די באַ־רימטע קרעטשמעס, וויין־קעלערס, נאַכט־פאַרוויילונגען מיט עכטער ציגיי־נער־מוזיק. אַלץ איז איינגעאָרדנט מיט געשמאַק; עס שאַפט אַטמאָספער, געמיט, עס רופט אַרויס אַסאָציאַציעס צו די אַלטע היימען.

באַזונדערס גוט ווערן אויפגענומען די טוריסטן פון ישׂראל, די אָר־קעסטערס שפּילן ישׂראל־לידער, יידישע פאָלקס־לידער, ווי „אַ יידישע מאַמע״, „מיין שטעטעלע בעלז״, „זיבן גוטע יאָר״ א.אַ.וו. אויף איין אָרט האָט מען פאַר אונדז געשפּילט די „התקווה״; פרעגט אין דער פּוילישער גרופּע טוריסטן איינער דעם צווייטן, וואָס פלוצלונג האָבן זיך יענע אויפ־געשטעלט? ענטפערט אים אַ צווייטער: „דאָס שפּילט מען דעם ישׂראל־הימען״...

בעתן באַזוך אין אַ ריי שולן, האָבן מיר צווישן אַנדערע אויך באַזוכט אַ חסידים־שטיבל. אַ פּאָר אַלטע יידן האָבן געפּלעסקעט מיט די הענט און געזונגען. ס'איז געווען שבת. אַנגענעם געווען צו הערן אַ ביסל היי־מישקייט אין דער ווייטער פרעמד.

פון בוקאַרעשט זענען מיר געפאָרן אַרויפצו, ווו עס איז קילער, פריי־שער, — דורך מאָלדאַווע און טראַנסילוואַניע, אין די קאַרפּאַטן.

די קאַרפּאַטן

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין שטעט און דערפער, אינדוסטריע־צענטערס, רייכע נאַפט־געביטן פון רומעניע, ווי אויך אין אייניקע קור־ערטער און סאַנאַטאָריעס.

ס'איז שוין געווען נאָך שניטצייט, די פעלדער נאַקעט. אויף די ברייטע שטחים פון פלאַכלאַנד האָבן דאָ און דאָרט געגאָלדיקט די איבער־בלייבענישן פון תבואה, ווי אויך לאַנגע מיט קוקורודזע. עס האָבן געחנדלט די רויטע מאָן־בלומען, געלע בלומען־טעפּיכער, ערגעץ ווו קאָרן־בלוי און פיל זון־רויזן מיט די געזיכטער צו דער זון געווענדעט.

אומעטום טייכן, ריקעס, רויק פליסנדיקע און רוישיקע פלוסן, קריש־

טאָל־דורכזיכטיקע וואַסערן אין וועמענס טיפן ס׳איז צו זען יעדעס שטיינדל באַזונדער.

שטעטלעך און דערפער איבערן לאַנד — זויבערע, אָרום די הייזער — ציכטיק, ווען אַפילו אָרעם. מאַלדאַווע דערמאָנט דאָס פּוילישע גאַלי־ציאַנער דאָרף, מיט שינדל־דעכער און טייל אויך באַדעקטע מיט שטרוי און באַוואַקסן מיט מאָך־גרינע גזשיוועס. אָרום די הייזער ליימענע פּריז־בעס, האָלץ־פּלויטן, ברונעמער מיט הילצערנע עמערס. עטוואָס אַנדערש זעען אויס די הייזער אין טראַנסילוואַניע; רייכער, גרעסער. די דעכער פון די קליינע ווילעס זענען באַדעקט מיט רויטע דאַכלקעס און דערמאָנען מער דאָס מערב־אייראָפּעיִשע דאָרף. עס ציִען זיך לאַנגע אַלייען, איןביידע זייטן נוסביימער און פלוימען. צווישן די בוים־געדיכטעניש זעען זיך די חנעוודיקע טורעמלעך פון קלויסטערס; עס הערט זיך יענער גוט־באַקאַנטער היימיש־פרעמדער גלאָקן־געקלאַנג. אויף די וועגן — אַלע קאַפּליצעס מיט דעם פון האָלץ־געשניטענעם געקרייצטיקטן און, איבער אים — אַ פּאָר־זשאַווערטער בלעכענער האָן.

כ׳וועל נישט לייקענען, נישט מיט געפילן פון גלייכגילטיקייט האָב איך די לאַנדשאַפט באַגעגנט, נייערט באַהערשט פון אומרו און נאָסטאַלגיע־שטימונגען צו דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט. וואָס טיפער אין די בערג, אַלץ נענטער צו דער אַמאָליקער גרענעץ, וועלכע טיילט מיך אָפּ פון מיין אַלטער היים. עס נאָגט אַ נייגער, מיטן דמיון גרייכסטו אַהינצו צום גע־בורטאָרט, צו דער קינדהייט.

עס פאַרשווינדן די לעצטע שפּורן פון פלאַכלאַנד. אויף די וויטע האָריזאָנטן צייכענען זיך קוים מערקבאַרע בלאַסע פּראָפילן פון בערג, וועלכע שליסן זיך איינס אין אַנדערן, וואָס נענטער אַלץ בולטער. די קאָלירן־ניואַנסן און קאָנטורן, וועלכע העלן און שאָטענען צווישן די בערג: פיאָלעט־ברוין, העל־בלוי, און מילך־גרוי. נאָך אַ ביסל ווייטער און פאַר אונדזערע אויגן שווימען אַרויס די בערג און וועלדער אין זייער פולער פּראַכט. צו פוסנס פון די בערג פאַשען זיך סטאַדעס שאָף. עס טראָגט זיך דער לאַנגווייליקער ניגון פון פאַסטעך־פייפל. קייטלען זיך באַרג מיט באַרג, ביז יענעם טייל קאַרפּאַטן איבער וועלכן מיר פלעגן אין דער יוגנט שפּאַ־נען צו פוס — אַזוי זענען מיר געגאַנגען פון נאַדוורנע ביז יאַרעמטשע.

ווידער האָבן די קאַרפּאַטן אָפּגעפרישט אין מיר די עמפּינדלעכקייט

צו דער פּילצאַליק רייכער גאַמע פון פאַרבן. אַנדערש דער גרין פון דעמ־בענע, און אַנדערש פון בוטשענע בלעטער, אַנדערש ווידער רעפלעקסירן די דיקע בלעטער. ווי אין זילבער־שטויב געטונקען טרערן אַראָפּ צאַרטע בלעטער פון די ווייסע בעריאָזעס. רויטלען זיך די שפּיצן פון אַנדערעביימער, און קאָנטראַסטירן זיך פון אַליוון־גרין. העל באַוואַלדיקטע בערג, מיט קליינע נאָדל־ביימלעך.

אַ ווייטערדיקער ווענד פון אויטאָבוס און פאַר אונדז באַווייזט זיך אַ מאָכיק־גרינע טיפע אומענדלעכקייט.

גרינע שלווה, קילע שטילקייט הילן איין דעם פּרעכטיקן אַרום. עס טראָגט זיך נאָך דער עכאָ פון אַ האַק, וועלכע פאַלט אויף אַ שטאַם פון אַ בוים. עס הערט זיך דער רויש פון אַ וואַסערפאַל, וועלכער שנירלט זיך צווישן די באַרגפאַלדן, אַ געפלעכט פון צווייגן, איבער וועלכע עס שפּרינגט פלינק אַרום אַ וועווערקע.

אין די פאַרנאַכטן גאָלדעט די קאַרע־שאָלעכץ אויף די סאָסנע־ביימער. אַ בליק אַרויף און עס דאַכט זיך: אַ שווערער וואָלקן־שלייער פאַלט איבער די וואַלד־געדיכטע קרוין־שפּיצן. וואַלד־גרין ווערט איינגעהילט אין קאָ־באַלט־בלוי און אין פיאָלעט. פון צווישן די ביימער שפּיגלט אַדורך צע־צונדענער אָפּשיין פון רויטן זונפאַרגיי.

עס לאָקט די געהיימעניש, דער נייגער. וואָס אַנגעזעטיקטער דאָס אויג, אַלץ דורשטיקער די ליידנשאַפט.

אין דער איינטאָניקער שלווה פון ווייך־געבעטן פונאַנדערגעוויגטן אויטאָבוס, וועלכער שלעפּט זיך פאַרזיכטיק איבער די סערפּענטינעס, ציט אויף זיך מיין אויפמערקזאַמקייט סילוויאַ — אונדזערס אַ מיטפאַרנדיקע — ווייס געקליידעט, אַ רויטע בלום אין לאָץ, זי קומט מיר פאָר, ווי דער נייטיקער קאָנטראַסט־אַקצענט אין דער האַרמאָניע פון אומענדלעכן גרין.

אירע אויגן פאַרמאָגן די אייגנשאַפט פון שנעלן ענדערן זייער קאָליר, ביי יעדער ענדערונג פון ליכט־און־שאָטן אין די בערג־הייכן. ווי פון אונ־טער אַ דינעם פּערל־מאַטן צעשטויבטן נעפּל, האָבן אַפּערגעבליקט דער טוישנדיקער פאַרבנשפּיל אין אירע בליקן: שאַפיר־בלוי, ברוין, גרין־גרוי און ווידער — דער לעבהאַפטער טונקל־גלאַנץ אין סילוויאַס אויגן. אַ ווינטל ווייעט פונאַנדער פאַסמעס פון אירע האָר, זיי פאַרהאַלטן זיך שפּילעווע־דיק אין אַ זייט נעבן די אויסגעצערטלטע פאָרם־פיינקייטן פון איר נאָז.

נאַטור, מענטש, סביבה — גייסטיקע רו.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין אַ ריי שטעט — אַלבאַ־יוליאַ, דאָרנאַ־וואַטראַ, בראַשאָוו, קלוזש, אין וועלכע ס׳זענען געווען אַ מאָל קאָנצענטרירט גרעסערע יידישע קהילות. אין פּאָיאַנאַ־בראַשאָוו האָבן מיר ביי געדעקטע טישן מיט ווײַן און צויקאַ פאַרברענגט אַן אָוונט. ס׳האָט אויך נישט גע־פעלט קיין ציגיינער־מוזיק. די קרעטשמע האָט זיך געפונען אין מיטן אַ וואַלד. ביי די טישן — טוריסטן פון די פאַרשידנסטע לענדער: שפּאַניע, אַמעריקע, פּוילן, ישראל א.אַ.

אין סינאַיאַ האָבן מיר באַזוכט דעם זייער רייך איינגעריכטעטן פּאַלאַץ, וועלכער האָט געדינט אַלס זומער־רעזידענץ פון אַמאָליקן קעניג קאַראָל. דער פּאַלאַץ איז אין סטיל פון אַ ווילע, געפינט זיך אין סאַמע מיט פון די בערג־הייכן. ווי מען דערציילט, רופט מען דאָס אָרט סינאַיאַ, ווייל בשע־תו, מיט הונדערטער יאָרן צוריק, בעת אַ באַזוך פון נזירים אין ארץ־ישראל, האָבן זיי אויסגעפונען אַן ענלעכקייט צווישן הר־סיני און זייער סינאַיאַ.

נישט גערן האָבן מיר פאַרלאָזט די קאַרפּאַטן. ווידער צו פלאַכלאַנד, אַראָפּצו קיין מאַמאַיאַ — צום שוואַרצן ים.

*

וואָס ווייטער פון די קאַרפּאַטן, נענטער צו פלאַכלאַנד, אַלץ וואַרע־מער, גליענדיקער די זון און שטאַרקער דער דורשט. מיר האָבן געמוזט אַ סך מער אָנקומען צום נאַציאָנאַל־רומענישן געטראַנק, צום מינעראַל־וואַסער, וואָס ווערט דערלאַנגט ביי יעדן מאָלצייט — „מינעראַלע".

שווער געווען צו שיידן זיך מיט די בערג, האָבן מיר דעריבער סטאַ־ציאָנירט אין די קור־ און אָפּרו־ערטער, וועלכע זענען געלעגן אין געדיכט באַוואַלדיקטע געגנטן, מיט הויכע זאַפטיקע גראָזן און שמעקעדיקע בלו־מען. פאַרהאַלטנדיק זיך אויף מיטאָג־עסן אין ביסטריצאַ, האָט געטראָפן אַ קוריאָז. מיר זענען אַריין אין אַ קרעטשמע „אַרטיזאַנאַ"; אויפעפענענדיק די שווערע דעמבענע טיר האָט אַ זעץ געטאָן אין נאָז אַ ביר־גערוך. אַרום די הילצערנע טישן — פול מיט געסט. אין צווייטן צימער, ווו מיר האָבן געוואַרט אויף אונדזער מאָלצייט, האָבן מיר באַמערקט אַריינקומען אַ יונגע

הויך־געוויקסיקע שלאַנקע פרוי, געקליידט עלעגאַנט אין האַלב פאָלקסטימ־לעכן סטיל. פון איבער ביידע מאַנדל־גרויסע טונקעלע אויגן אויף איר מאַט־ראָזלעך געזיכט, האָבן מילדע ברעמען־פיילן געפירט צו דער עטוואָס לענגלעכדיקער גראָדער נאָז־ליניע. אירע אויגן האָבן אויסגעדריקט אַ טרוימעריש צאַרטע מעלאַנכאָליע; מלא צניעות און פול מיט שאַרם אין איר האַלטונג און באַוועגונג.

מיר איז גלייך אויפן זינען געקומען אַ טיפּ פון זשאַן־ד׳אַרק. ווער איז די דאַמע? — האָבן אַלע געפרעגט. האָט עמעצער אַ זאָג געטאָן: — אַ פּרינצעסין פון האָלאַנד, אַ גאַסט.

ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט און אויף אַלעמענס שטוינונג קומט אַריין די „פּרינצעסין" מיט אַ טאַץ אין האַנט, און אויף איר די געריכטן, וועלכע זי דערלאַנגט צו די טישן.

דער אָטעם האָט זיך מיר פאַרהאַקט, ס׳האָט זיך מיר געוואָלט אויס־שרייען: זשאַן ד׳אַרק, אַרויס פון קרעטשמע! כ׳האָב אָבער פאַר קיין פאַל נישט געקענט ביי זיך פועלן צו בעטן ביי איר: — פריילין, נאָך אַ גלאָז „מינעראַלע".

די דאָזיקע קעלנערין איז טאַקע געוואָרן די טעמע פון אונדזער גע־שפּרעך, ביז מאַמאַיאַ, דער שטאָט וואָס ליגט ביים ברעג פון שוואַרצן ים.

לענג־אויס דעם ים — די ריוויערע, ביים זייט פון דער לאַנגער אַליי — לוקסוס־פּענסיאָנען און קלייטן פאַר טוריסטן.

פון מאַמאַיאַ איז נישט ווייט קיין קאָנסטאַנצאַ. די שטאָט האָט אַרויסגע־רופן פיל רעמיניסצענצן. וויפל יידישע יונגע־לייט, חלוצים פון די פאַר־שידנסטע גלותן, זענען דורך איר דורכגעפאָרן אויפן וועג קיין ארץ־ישׂראל?

אַ טאָג האָבן מיר פאַרבראַכט אויף דער שיף, וואָס האָט אונדז גע־פירט איבער דעם „בלויעם דאַנאַו", וועלכער פירט פון איין זייט צו דער דעלטאַ, און דער צווייטער, דורך בודאַפּעשט, קיין ווין, ווו מען האָט אַזוי שיין באַזונגען אָט דאָס וואַסער. מיר זענען געפאָרן אין דער זייט פון דער דעלטאַ, און פון דאָרט אויף אַן אינדזל. איןביידע זייטן פון דער דאַנאַו — קליינע הייזקעס. דאָרט וווינען די פישער־משפחות. פון ווייטן ערגעץ זעען זיך ווייסע הויכפיסיקע עופות, דאָס זענען די מעוועס, וועלכע באַגלייטן די שיפן. דאָרט, זעט אויס, איז זייער היים, זייער רעפּובליק.

מיר האָבן אויך באַזוכט אַנמאַגלאַי, אַן אָרטשאַפט, וואָס איז אָריגינעל

מיט איר אַרכיטעקטור. פאַראַן דאָרט האָטעלן מיט נעמען פון אײדלשטײ־נער: „דיאַמאַנט", „בריליאַנט", „פּערל", „קאָראַלן" א.אַ. די פאַרעם און דער בוי פון די בנינים דערמאָנט די סטרוקטור פון די דאָזיקע אײדל־שטיינער.

אויב שוין ביים שוואַרצן ים, קאָנסטאַנצאַ, האָבן זיך אין אונדזער גרופּע געטראָפן איניציאַטאָרן, וואָס האָבן פאַרגעלייגט אַ פּאָר צו טאָן קיין איסטאַמבול, באַקענען זיך מיט די אייגנאַרטן פון טערקיי... נאָך אַ קליי־נעם „פּלעביסציט", האָט מען באַשלאָסן — פאָרן.

כ'האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז די מערהייט גאַרט נישט אַזוי שטאַרק צו זען די הייליקע ערטער, און די אוצרות פון סולטאַן, נאָר, דער עיקר, דעם אַזוי באַרימטן אין איסטאַמבול „באַזאַר", אויף וועלכן מ'קאָן זען און קויפן גאָלד, בריליאַנטן, פוטער־פעלצן, לעדער, ביז... פויגלמילך. אַלץ וואָס איר ווילט, און אַלץ פאַר ווינציקער ווי אַ פערטל פּרייז, ווי מען באַט אָן. איז ווי פאַרט מען נישט עפּעס וואָס איינצוהאַנדלען? נישט פאַר זיך, נאָר „מתנות" פאַר באַקאַנטע און פריינד...

אויף צו מאָרגנס האָט אונדז די שיף „טראַנסילוואַניאַ", וועלכע האָט אַ מאָל געהערט צו ישׂראל — געפירט קיין טערקיי. און אַזוי ווי אין די קאַבינעס פון דער שיף איז געווען הייס, ווי אין אַ גיהנום, האָט דאָס רוב עולם פאַרבראַכט אַ גאַנצע נאַכט אויפן דעק. ווער עס איז געשלאָפן און ווער ס'האָט געטרוימט וועגן דער „מלכּה פון טערקיי".

פאַראַן ביי מיר, פון אַלע יאָרן, אַ נייגער צו זען טערקיי, די איסטאַמ־בול פון „טויזנט און איין נאַכט", ווי עס האָבן זי פאַרגעשטעלט און אויס־געזונגען גאָלדפאַדען און שפּעטער — מאַנגער. נאָך קינדווייז פלעגט מען הערן וועגן די „געליימטע טערקן", וואָס פאַרכאַפּן יונגע מיידלעך און פאַרקויפן זיי צו האַרעמס פאַר די סולטאַנען וועגן.

אַן אמתע איבערלעבונג איז געווען דער ערב זונאויפגאַנג, בעת מיר האָבן זיך דערנענטערט צו די דאַרדאַנעלן, ווייטער צו קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

דער ים איז אומרויִק, די שיף און מיר מיט איר וויגן זיך אַהין און אַהער, אַ כוואַליע אַרויף, אַ כוואַליע אַראָפּ. דער שפּיץ פון שיף שניידט אכזריותדיק זיין באַשטימטן וועג, טיילט פונאַנדער די צעשטורעמטע כוואַליעס. גרויסע ים־רעדער רינגלען און צינגלען זיך קעגן שטראָם, די שאַרף פון שיף זעצט פאַר אימפּעטיק פאָרויס אין טונקל־גרין שאַפּיר־בלוי

פון ים. יעדער שניט לאָזט נאָך זיך אַ ווייס־זילבערדיק שוימעדיקן גע־וועב, ווי שפּליטערס פון צעקרישלטע פּערל שימערירן זיי, יאָגן שפּילעוו־דיק איינע די צווייטע אינעם אומאויפהערלעכן געיעג.

דער נעפּל וועלכער האָט איינגעהילט די פּאַנאָראַמע איז לאַנגזאַם זיך פונאַנדערגערונען, באַפרייט די קאָנטורשאַרפן פון דער ווייטער שטאָט, מיט אירע כאַראַקטעריסטישע, קאָפּול־רונדע בנינים. סוף־כּל־סוף זענען מיר אָנ־געקומען. ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט און ישׂראל האָט „אָקופּירט" דעם „באַזאַר" פון איסטאַמבול. אַ רחמנות געווען צו זען די פאַרשוויצטע פּנימער פון די טוריסטן, וועלכע האָבן קוים זיך דערטראָגן מיט די פּעק „מתּנות" פאַר „זייערע פריינד", צוריק צו דער שיף.

1973

די צויבער־פּאַנאָראַמע

אייניקע מאָל איז מיר אויסגעקומען צו זען חיפה ביי נאַכט: איין מאָל פון ים־ברעג אַרויפצו צום הר־הכּרמל — דאָס איז געווען ביי מיין אָנקום אין לאַנד אַריין, איצט האָב איך געזען חיפה פון אויבן אַראָפּ, דאָס וואָס רופט זיך די „פּאַנאָראַמע".

דאַן, ווען כ׳האָב געוווינט אין „שער־העליה", האָט עפּעס אַ וווּנדער־לעכער רייץ געצויגן אַהינצו צו דער הויכקייט פון כּרמל; דאָס מאָל, צום צווייטן מאָל, פאַרברענגענדיק אויף אַפּרו — איז מיר נאָך שענער געפעלן געוואָרן דער טיפער „אַראָפּ", דער טאָל, וואָס שפּרייט זיך צו פוסנס פונעם הר־הכּרמל.

באַקענט זיך דאָרט מיט נייע מענטשן, מיט דאַטשע־לייט, געקומענע פון פאַרשידענע לענדער און טיילן פון לאַנד, נאָך פאַרשידענער זייערע כאַראַקטערן און מענטאַליטעט. נישט אַלע, וועלכע כ׳האָב דאָרט באַגעגנט, זענען מיר צום האַרצן געווען. אָבער, דערויף איז עס דאָך „אַפּרו" — „מקום ציבורי". כ׳האָב אויך דאָרט באַגעגנט אַ ריי אינטערעסאַנטע יידן פון די תּושבֿי הארץ, כ׳האָב אין זיי געזען דעם פּשוטן פאָלקסמענטש, דעם אַמאָ־ליקן חלוץ.

שמעון פראַנק פון כּפר חסידים. געקומען אין לאַנד מיט 30 יאָר צו־

ריק פון אַ קליין שטעטל אין גאַליציע — אָטעניע. געווען אַ חלוץ נאָך אין די צייטן, זאָגט ער, ווען בערל שטאָק (היינט פּראָפ. סדן) האָט אין לעמ־בערג אויף בערנשטיין־גאַס נר׳ 21 אָנגעפירט מיטן מרכז „החלוץ״.

ער האָט אָנגעהויבן דערציילן. ס׳האָט אַרויסגערעדט פון אים אַ קאַ־פּיטל פון יענע טעג. זיין רונדיק־רויטלעך געזיכט האָט פאַרמאָגט עפּעס אַ געמיש פון פויערישן און נזירישן, זיין גוטמוטיקער אויסזען, זיינע מיל־דע בליקן האָבן געוועקט צוטרוי. געלאַסן און שטיל, ווי ער זאָל נישט וועלן צעשטערן די רו פון אייגענע דערינערונגען, האָט ער דערציילט.

דערמאָנט יענע ערשטע טעג אין אילת־השחר (העתיקה) אין גליל, ווו ער מיט זיינע חברים האָבן אַ האַלב יאָר, אָפּגעריסענע פונעם אָרום, אָנ־געהויבן באַשאַפן לעבן. פון איין גרויסער שיסל האָט מען געגעסן, בעסער געזאָגט, די לעפל אין הונגער־זופּ געטונקען.

ס׳איז גראָד געווען זייער ערשטע סדר־נאַכט. איינזאַם און פאַרלאָזט, נאָך מיט פול בענקשאַפט נאָך היים און היימישקייט.

איינער פון זיי האָט אין אַ ווינקל שטיל געוויינט. סדר־נאַכט, היים.

נישט געווען ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן — דערציילט ער — ווען מען האָט זיי „געכאַפּט״ אַלס „אומלעגאַלע אַריינדרינגלערס״ אין אַ בית־עולים, ווו זיי האָבן זיך אַריינגעגנבעט צו צוויי אין אַ בעט. האָט מען שפּעטער געמוזט „בלאָקירן״ די „ספרית באַראַכאָוו״ אין חיפה. ווי וווּנ־דערלעך זיי איז אויסגעקומען, ווען זיי האָבן דערזען, דער זייגער איז שפּעט און אַלע „לייענערס״ דרימלען איין, ביז איינער פון זיי האָט זיך דערוויף געכאַפּט און פאַרלאָשן דאָס ליכט. און אַזוי זענען די „לייענערס״ געבליבן שלאָפן אין זייערע שטולן ביז אין דער פרי.

די צייטן פון „שמירה״. מידע, נאָך אָפּגעהאָרעוועטע טעג, פלעגן זיי גיין היטן די פעלדער קעגן די אַראַבישע אונטערצינדערס. אין איינעם אַזאַ אָוונט האָט ער מיט אַ מאָל דערפילט אַ וואַרעמע פייכטקייט שנירלט זיך פון זיין פוס. אַן אַראַבישע קויל האָט געטראָפן אין דער פינצטער. ווייט פון וועלכער ס׳איז הילף, איז ער דאָרט געבליבן ליגן. דערציילנדיק האָבן זיינע אויגן געשמייכלט, דעם קאָפּ טיף אַראָפּגעלאָזן, ווי אונטער דער לאַסט פון אייגענע געדאַנקען, אַזוי האָט ער דערציילט איבערלעבונג נאָך איבערלעבונג — אלה תולדות החלוץ בארץ.

כ׳האָב ביי אים געפרעגט, ווי באַטראַכט ער היינט זיין פאַרגאַנגענ־

הייט? „ווען איך וואָלט נאָך אַ מאָל געבוירן ווערן, זאָגט ער, הויב איך אָן מיט דעם זעלבן וועג". אָן פּאַטאָס, אָן מליצה האָט ער דאָס געזאָגט און אין זיינע בליקן האָט מען געזען דעם אמת פון זיינע רייד.

מיר זענען לאַנגזאַם געגאַנגען פון אונדזער פּענסיאָן „אורנים" צו דער „פּאַנאָראַמע". עס איז צוגעפאַלן די נאַכט. פון „צענטער" האָבן מיר זיך פאַרקערעוועט אין אַ זייטיק געסל. אין עק פונעם געסל איז פאַראַן דער פּענסיאָן „פּאַנאָראַמאַ". ווייטער פירט אַ שמאָלער וועג אַראָפּצו, ווו אומגעריכט בלייבט מען שטיין פאַרגאַפט, — די צויבער־פּאַנאָראַמע.

טויזנטער פילפאַרביקע צעצונדענע ליכטער, ווייטער שפּרייט זיך די טיפע בלויקייט פונעם ים, אין פּאַסטעל־ווייכע שטריכן דער „מיפרץ". אין די ערשטע מינוטן דאַכט זיך, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַ גראַנדיעזער טעאַטער־דעקאָראַציע. דאָס אויג קען זיך נישט אָנזעטיקן מיטן געגוספּולן בילד. ווי פאַרשידן ס'זענען די ניואַנסן פון דאַזיקן רייץ, יעדער שריט ווייטער, יעדע געענדערטע פּאָזיציע, ענדערט דאָס בילד. ווען די לופט איז אַ לויטערע, קען מען איבערציילן יעדן בליכטער פון די לאָמפּן. אויפן ווייטן האָריזאָנט זעט מען אַ דרייַעק פון ליכטערס — עכו, אין לעצטן פלאַן אויף לינקס אַ דין שנירל פּייערלעך אויפן ים — נהריה.

אין סאַמע מיטן אַ שיף. אַ געמיש פון בלאַסן פיאָלעט און אַ געדעמפטן אָראַנזש, וואָס באַהעלט די שיף. די שטיקער צעוואָרפענע פלאַמען אויפן וואַסער אַרום דער שיף פאַרטיפן נאָך מער דאָס דעקאָראַטיווע סטאַטישע אין דער מלכותדיקער רויִקייט פון נאַכטיקער פּאַנאָראַמע.

אַ לייכטער נעפּל, און דאָס בילד ענדערט לגמרי זיין אויסזען.

פאַר אונדז איז אַ צויבער־טאָל פון פאַרווישטע ליכט־קאָנטורן, ס'זעט אויס, נישט ווי אַ שטאָט אויף פעלזן זאָל שטיין, נאָר דימענטן, איידלשטיי־נער, צעשטראָלטע אין זייער מאַטן שימער־גלאַנץ, איינגעפּאַסט אין שוואַ־מיקער מאַסע, וואָס וויגט זיך הין און אַהער אין דער פאַרמילכטער בלויקייט פון ים.

לאַנג בין איך געשטאַנען, איינגעבליקט זיך אין דער פראַכט, וועלכע כ'האָב קיין מאָל נישט געזען. — חיפה ביי נאַכט!

נישט וועגן אליהו הנביא און זיינע היילן האָב איך דאַן געטראַכט. דאָס געפּיל פון עסטעטישן גענוס האָט זיך פאַראייניקט מיט שמעון פראַנקס געשיכטע, מיט דער געשיכטע פון זיין דור.

יענע יסורים־צייט האָט זיך פאַרוועבט מיט בילד. כ׳האָב געזען אין דער שיינקייט די שלאָפלאָזע נעכט פון „שומר״, אינעם נעפל — דעם שווייס פון נישט באַצאָלטער אַרבעט. ווי זאָגט שמעון: „נישט שטענדיק האָט מען באַצאָלט דאָס צוגעזאָגטע געלט״. ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן, ווי ס׳זאָלן אויספינקלען פון די ליכטער — די טרערן פון צעצונדענער בענקשאַפט פון יונגן חלוץ אין יענער סדר־נאַכט אין גליל. עפּעס האָט אונטערגעזאָגט אַ שטים: „נישט אויף קיין זילבער־טאַץ האָט מען די מדינה דערלאַנגט״.

„איך געדענק נאָך, ווען דאָ איז פינצטער געווען״... האָט אַ צופרידע־נער שמעון פראַנק, מיט זיין רויִקער שטים, איבערגעריסן די שטילקייט. יאָ, שיינקייט געפורעמט אין יסורים, ליכט־שטאָט געבוירן אין פינצטערע טעג.

מיט אונדז איז אויך געווען די 18־יאָריקע דבורה, אַ סברה. הויך־גע־וויקסיק, רונדע אַקסלען. די אוממיטלבאַרקייט פון איר ווייסן געזיכט איז באַלעבט מיט מאַנדל־גרויסע, שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן זיך אויסגעמישט מיט די טויזנטער ליכטער אין טאָל פון צעשטראַלטער פּאַנאָראַמע, זי האָט מיר אויסגעוויזן צו זיין ווי אַ טייל פון יענע פעלזן אין כרמל. איר הילכיק, פריידיק געלעכטער האָט זיך אַריינגעריסן אין די מחשבות.

ווי וואָלט פּרץ הירשביין געזאָגט: „און צי קען מעפיסטאָ דעם וועג פאַרשטעלן די קינדער פון אונדזער צייט, וואָס זינגען אין אונדזער פעלד, וואָס טאַנצן אין אונדזער פעלד?״

כ׳האָב דערפילט אַן אינערלעכע פאַרלוירנקייט, באַהערשט פון גע־מישטע געפילן פון קינאה און פאַרדרוס.

נישט איך געהער צום דור פון שמעון פראַנק, וועלכער האָט באַשאַפן, נישט איך געהער צום דור פון דבורה, וועלכער האָט דאָס רעכט צו געניסן. ערגעץ ווו אפשר, אין דער מיט, אין טראַנזיט צווישן צוויי פעלזן־דורות.

1952

דמיון און וואָר — ירושלים

די פּאָרשטעלונג וועגן כּותל המערבי, מערת־המכפלה און דער מאַמע רחלס קבר נאָטירט זיך נאָך פון די קינדער־יאָרן. אין חדר פלעגט מען קנעלן דעם חומש, אין דמיון זענען דאַן געבוירן געוואָרן די פאַנטאַסטישע פּאָרשטעלונגען איבער די אויסגעזונגענע חומש־מאָטיוון.

באַזונדערס סודותפול און פאַרשידנקאָליריק האָט זיך אין דער קינדערישער פאַנטאַזיע געצייכנט די מערת־המכפלה אין וועלכער עס רוען אונדזערע אָבות. אין שאָטן צווישן איילבירט־ביימער איז אַן עפענונג, וועלכע פירט אין די טיפענישן פון אַ הייל. שמאָלע געדרייטע שטיין־טרעפּ פירן אין אַ טונקעלער מוראדיקער אומענדלעכקייט, ביז ערגעץ ווו אין אַ באַשטימטן פונקט זעט זיך ווייסע שײַן, ווי אַ מילך־נעפּל, וועלכע באַהעלט די קברים פון אברהם ושׂרה, יצחק ורבקה, יעקב ולאה. צוקאָפּנס ביי זיי פלעמלען אַרויף פייערלעך פון פאַרגעלטע יום־כּיפּור־ליכט, אַ נר־תמיד, וועלכן קיין מענטשלעכע האַנט האָט נישט אָנגעצונדן.

אין חדר פלעגן די יינגלעך דערציילן, אַז אַהינצו אין דער מכפלה טאָר מען נישט אַראָפּנידערן, און ווער עס פּרוּווט, קערט זיך פון דאָרט מער נישט צוריק. ווען תלמידים פלעגן פרעגן ביים מלמד, וואָס געשעט מיט יענע, וועלכע קערן זיך מער נישט צוריק פון דאָרט — פלעגט ער אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט — בעסער פרעגט נישט...

דער כּותל־המערבי, פלעג איך זען אין מיין פאָרשטעלונג, געפינט זיך ערגעץ ווו אויף אַ באַרגיקן אָרט, אַ וואַנט אַ הויכע ביזן הימל, די שטיינער פון לויטערן, קאַלירפול־שימערירנדיקן קרישטאָל, אַרום דער וואַנט אַ גאָלדיק־זאַמדיקער טעפּיך. אַהינצו קענען נאָר צוקומען יחידי סגולה, אַלטע לייט, וועלכע זענען מתפלל פאַר די יידן אין גלות. אַזעלכן האָט מען דעם כּותל געוויזן אויף די געמעלן, ראש־השנה־קאַרטן, אויפן עמוד, אויף די אויסגעהאַפּטענע וואַנט־ און שבת־טישטעכער, וועלכע אונדזערע באָבעס פלעגן אַליין אויסנייען, אַריינטרערן דערביי אין יעדן אויסגענייטן פאָדעם — איבערן חורבן בית־המקדש.

אַ באַזונדערער טרויער און ווייטיק האָט באַהערשט, ווען מען האָט זיך באַקענט מיט דער חומש־דראַמע — מאַמע רחל — וועגן איר קבר, וועלכער געפינט זיך אויפן וועג קיין חברון. אַ פאַראיינזאַמטער קבר, ביי וועלכן

די דורכגייערס און וואַנדערערס וועלן קענען זיך אויסוויינען. אַז מען פלעגט דערמאָנען מאַמע רחל, האָט עס געמיינט אַלעמענס מאַמע, אַ פאָלקס־מאַמע, וועלכע האָט נישט קיין מנוחה אין קבר, צוליב די ליידן פון אירע גע־פלאָגטע קינדער אין די גלות־לענדער.

איך דערמאָן זיך, ווי ס׳וואָלט ערשט נעכטן געווען, צו אונדז אין שטעטל פלעגט קומען אַן אביון, אַ מדינה־ייד — הערשעלע. אַ קליינער, מאָגערער מיט אַ שיטער ווייס בערדל, אין זיינע בליקן אַ מאַטער טרויער. ווען אַלע אין בית־המדרש פלעגן זיך פונאַנדערגיין, האָבן די ייִנגלעך אַרומ־געריינגלט הערשעלען. אַ צופרידענער פלעגט ער אָנהייבן דערציילן, אַז אַ מאָל איז ער געווען אין ארץ־ישׂראל, געזען דעם כותל המערבי, געווען אין דער מערת המכפלה. ווי נאָר — פלעגט ער דערציילן — ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיט די טרעפּ אין דער טיף פון דער הייל, האָט אים פּלוצעם אַ האַנט צוריקגעשלעפּט, נישט געלאָזט אים ווייטער גיין. דאָס זענען אים, זעט אויס, בייגעשטאַנען זיינע זכות אבות, ווייל ער האָט אַ יחוס־בריוו פון דוד המלך.

אַזוי פלעגט מען זיך איינהערן און איינהויכן אין זיך יעדן ניואַנס פון די טויזנט און איין נאַכט געשיכטעס. דער חומש־ניגון, די בילדערישע פאַר־שטעלונגען, שטימונגען דרימלען אין יעדן פון אונדז ביז היינט צו טאָג.

אַלע יאָרן, פון זייט דעם חדר, האָט עפּעס וואָס געעקבערט, באַאומ־רויִקט, גענאָגט — אַ נייגער צו זען אַ מאָל יענע אויסגעטרוימטע ערטער פון אונדזער פאָלקס־עבר. ס׳האָט זיך שווער געגלייבט אין דער מעגלעכ־קייט, ווען עס איז מיט אייגענע אויגן דאָס אַלץ צו זען, מיט די אייגענע פיס טרעטן נעבן יענע ערטער. דאָס איז אַזוי ווייט געווען, ווי ווייט עס איז געווען אין די באַגריפן פון אַ קינד דער מהלך פון אַ שטעטל אין גאַליציע ביז ארץ־ישׂראל.

*

עס איז דאָך געקומען דער אויסגעבענקטער מאָמענט. געקומען אין אַלט־שטאָט ירושלים, דערנענטערט זיך צו יענע לעגענדאַרע ערטער. איבער געדרייטע גרוי־פאַרגרינטע שטיינערנע געסלעך, טרעפּ אַראָפּ, טרעפּ אַרויף, שטויב, שמוץ, געפילדער. אָט איז דאָס געסל פון איבער וועלכן ישו איז

געגאַנגען זיין לעצטן יסורים־וועג, ווייטער דערציילט מען אונדז וועגן זיבן טויערן.

ס׳האָט מיך באַהערשט אַן אומרו, אַ פּחד פאַר אַנטוישט ווערן, נאָך אייניקע געסלעך און עס וועט פאַרשווינדן, צעשטערט ווערן דער לאַנג־יאָריקער בנין פון אַן אויסגעטרוימט כּותל המערבי. כ׳האָב זיך אינער־לעך צוגעגרייט צום דאָזיקן שאָק.

נאָך אַ פּאָר שריט און פאַר מיר איז דער כּותל המערבי. געוויס האָב איך נישט איבערגעלעבט דאָס וואָס יענער בעל־אמונה. וואָס אַן אמת, האָט אויך דער נאָסטאַלגישער ברי מיך נישט באַהערשט, עפּעס וואָס אייגנ־אַרטיקס אומגעווינלעכס איז אַ ווילע אין מיר פאַרגעקומען, כ׳האָב זיך קאָנצענטרירט אַרום דער מחשבה וועגן היסטאָריש־גרויסן, אייביקן אין אונדזער פאָלק.

טאָקע נישט קיין הימל־הויכע קרישטאָל־וואַנט, אָן אַ גאָלד־זאַמדיקן טעפּיך אַרום, אַנשטאָט דעם — שטויב פון די ערשט צעשטערטע אַראַ־בישע חורבות, וועלכע האָבן געשטערט דעם בליק צום כּותל.

אַ היימישע יידישע וואַנט, צו וועלכער יעדער קאָן רעדן, בעטן ביי איר וואָס דאָס האַרץ גלוסט. געגוי ווי אויף די געמעלן, וואַקסן פון די שטיינער אַראָפּ טונקל־גרינע בינטן גראָז.

נעבן דער וואַנט, פרומע און פרייע, ווער בציבור און ווער ביחידות, פליסטערן עפּעס. שטייט אַ יונגע פרוי, באַרירט נישט־דרייסט מיט אירע פינגער די שטיינער, רירט מיט אירע ליפּן אָן די וואַנט, אַנדערע האָבן קוויטלעך געשטעקט. ערשט נעכטן זענען דאָ געשטאַנען די באַפרייערס, מיט די ביקסן אין די הענט, באַוווּנדערט, געטוליעט זיך, געלאָזט אַ טרער ביים באַפרייטן כּותל המערבי.

די שטיינער האָבן ווי אויסגעטערט דאָס טויזנט־יאָריקע געוויין, וועלכן זיי האָבן אין זיך איינגעזאַפּט. דאָ זענען קוויטלעך, סודות איינגע־רוימטע אין די שפּעלטעלעך צווישן די שטיינער. דער כּותל אונדזערער, אַ יחוס־אָבות, וואָס דערציילט וועגן חורבן און גרויסקייט — דער אייבי־קייט פון אונדזער פאָלק.

מיר האָבן באַזוכט די מערת המכפלה — גאָר נישט קיין הייל, אָן טרעפּ וואָס פירן אין די טיפן, אַ מין טעמפּל אין מוסולמענישן סטיל, אַ ביסל אַפילו אומהיימלעך, ס׳פאַרדריסט, ווייל וואָס טויג די שותפות, די אָבות

זענען גאָרביידנס, איז פאַר וואָס האָבן זיי, די אַראַבער, אונדז פיינט? — געמיינזאַמע זיידעס און טאַטעס. טוט מען אַ בליק דורך די אייזן־געדרייטע, פאַרצוימטע פענצטער, זעט מען הויכע עליפּס־רונדע קברים, באַדעקטע מיט טעפּיכער, עס עקבערט אַ נייגער צו דעם און וואָס אינעווייניק. אויך אָדם און חוה — דערציילט מען — ליגן דאָ, איז הייסט עס, אַז מיר שטייען אויף אַן אָרט, וואָס איז פאַרבונדן מיט בראשית ברא...

נאָר פאַרדריסלעך איז געווען, בעת אונדזער גרופּע־פירער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט ביים קבר פון דער מאַמע רחל, מיטן אויסרייד, אַז ס׳איז אַ סברה, אַז דאָס איז נישט דער אמתער קבר אירער.

די אילוזיע איז ווידער ווייטיקלעך אַנגערירט געוואָרן. צו וואָס די פּילפּוליסטיק, עס האָט זיך אין יענעם מאָמענט געוואָלט גראָד הערן, אַז עס איז דער אומצווייפלהאַפטער קבר פון דער פאָלקס־מאַמע רחל — זען ווי דאָן אין דמיון, אַ טונקל־גרינעם געבויגענעם שטיין, מיט אַן אויפשריפט אין יידיש — מאַמע רחל.

פאָרשטעלונג און וואָר, טרוים און ממשות, דיסטאַנץ און נאָענט, קאַ־לאָריט און שטימונגען, וואָס נעסטן אין די טיפענישן פון דער יידישער נשמה, יענער חומש־ניגון אין פאַרבינדונג מיט די פאַרבליבענע סימנים פון גרויער פשטות און היימישקייט, בילדן דעם יסוד, דעם סוד פון קיום העם, פון שלימות הגורל.

עליות און ירידות, חורבן און נצחונות באַגלייטן דעם דרך פון דאָזיקן וווּנדערלעכן פאָלק.

זענען מיר אַן אַלט פאָלק — דערציילן וועגט און היילן, זענען מיר דאָס יינגסטע פאָלק — דערציילט דאָס געזאַנג פון יונגן ישראל.

צפת

עס שליסט זיך אַ קייט פון בערג, נידעריקע און העכערע, נאַקעטע, אַ טייל שיטער באַוואַקסענע, אַנדערע — טונקל באַגרינטע, איבער זיי אַ בלויער הימל. מיר געפינען זיך אויפן הר־כנען — דעם אמתן, דעם הר־כנען פון חומש, וועלכער האָט זיך אַזוי איינגעקריצט אין זכרון נאָך פון די חדר־יאָרן.

די פרימאָרגנס זענען קילע און לויטערע. די גאַנצע נאַטור איז דיין רשות. די בערג נישט פאַרשטעלט פון נעפּל, נאָר אַ דינע נעץ פון פרישן טוי פאַלט אַראָפּ און עס צייכענען זיך שאַרף די קאָנטורן פון די ווייטסטע באַרגרוקנס, וועלכע שלענגלען זיך און פירן אין די טיפן צו דעם טאָל, ווו עס געפינט זיך צפת.

די פּאַנאָראַמע דערמאָנט פון דאָס נייַ דעם בראשית ברא, אַ בליק אַראָפּ, צופוסנס פון די בערג, און פאַר אונדז די קאָפּשווינדל־געדרייטע וועגן־סערפּענטינעס, ווו מיר זעען פאַר זיך די גאַנצע פּראַכט פון דער געגנט. חורבות פון אַלטע הייזער, פעלדזן און שטיינער־טרעפּ אַראָפּ, טרעפּ אין אַלע זייטן, דאָ און דאָרט נידעריקע געקרייזלטע איילבירט־ביימער, דאָס אַלץ דערמאָנט די פאַרצייטיקע הייליקע בילדער פאַר די קריסטן, וועלכע יידן פלעגן פאַרקויפן אויף די ירידים אין אונדזערע פוילישע שטעטלעך.

באַטראַכטסט די לאַנדשאַפט און פילסט גענוי דעם גערוך פון פאַרב פון פריש געדרוקטע בילדער.

אין דער טיף, אין מיט פון טאָל, צייכנט זיך אין קאָנטורן אַ פאָרעם וואָס איז ענלעך צו אַ זעקס אָדער נייַן, אָדער לאַטייניש „ג״. דער עליפּס איז עלעקטריק־בלוי קאָליר, אַ מאָל אין שמאַראַגד־גרין, דאָס איז די בריכה (שווים־באַסיין) פון צפת.

די שטראָזן און טרעפּ פירן אין צפת, דער שטאָט פון אַמאָליקע מקובלים, די געסלעך באַלעבט, הערסט רעדן אין אַלע לשונות, ווער זענען זיי? אַלץ דאַטשע־לייט.

ווי נאָר עס פאַלט צו דער פאַרנאַכט, זעען די בערג אויס ווי העכער און אויסגעגלייכט, גרייכן ממש צו די הימלען, מיר דערשפירן זיך נאָך אינטימער צו דער נאַטור, אין די טיפעניש דערפילן מיר דעם סוד פון דורות.

עס צינדן זיך נאַכט־ליכטער, אויף די גאַסן אַ לעבהאַפטע באַוועגונג, פון דאָ און דאָרט דערגייען קלאַנגען פון טאַנץ־מוזיק; פון „מצודה״, „מרכז״, אָדער פון „שעות הקטנות״, ווו נאַכט הויבט זיך אָן פון 11 און ביז ווייטער.

שווער צו ווערן אַ מקובל אין צפת פון היינט, אין דער אַטמאָספער פון צונויפגעפאָרענע קור־געסט.

די קאָנטראַסטן וואַרפֿן זיך אין די אויגן: גייט אַ ייִד מיט באָרד און פּיאות, די אַרבע כּנפֿות אין דרויסן, אַ ייִנגעלע פֿון ישיבה און דערנעבן אַן אַנטבלויזטע פּלייצע פֿון אַ פֿרוי, ווייכע האָר פֿאַלן אויף אירע אַקסלען, לאַכנדיקע בליקן, אַ הילכיק געלעכטער — גיי ווייס ווו איז קבלה?

טרעפּ אין דער נידער — אָן אַ שיעור טרעפּ פֿירן צו די שמאָלע געסלעך. נידעריקע הייזלעך מיט פֿאַרמאַכטע און אָפֿענע לאָדנס, גרין, בלוי און רויט געפֿאַרבטע, ערגעץ ווו אויך מיט אַן אויסגעמאָלן האַרץ אויף אַ לאָדן.

געל־גרינע לבֿנה־ליכט באַשיינט אַ ווינקל פֿון אַ הייזל און עס ווערט אַזוי היימיש אויפֿן געמיט, עס דערמאָנט גלייך דעם פֿאָלקס־ניגון: „עס דרימלט אין שטעטל די לאָדן פֿאַרמאַכטע, צו מיר מיין געליבטער אין שטיבעלע אַריין?"

קבלה און גלותדיקע ראָמאַנטיק אינאיינעם.

אָט איז קרית־הציירים, ווו די מאָלערס האָבן זייערע אַרבעטס־אַטע־ליעס און אויסשטעלונגען. מיט וויפֿל געשמאַק און חן, יעדער פֿון די קינסט־לערס אויף זיין שטייגער, באַצירט דאָס ווינקל פֿון זיין וווינונג. אייל, האָלץ־שניטן, מעטאַל, גראַוויור, קעראַמיק. די פֿאַרשידנסטע טעכניק און זשאַנערן. ממש אַ נחת־רוח צו שפּאַצירן איבער קרית־הציירים פֿון קינסטלער צו קינסטלער.

עס איז גראָד געווען תּשעה־באָב אויף דער נאַכט, ווען אין די גאַסן איז געווען שטיל, אַ ביסל תּשעה־באָביקער געמיט דרימלט דאָך אין אונדז אַלעמען, איז ווי גייט מען נישט באַזוכן די שולן, די שול פֿון אר״י הקדוש, ווו ייִדן זאָגן איכה.

אין דער שול פֿון אר״י הקדוש, ווו דעם אָרון־הקודש האָט געשניצט נישט קיין אַנדערער ווי אַ ייִד פֿון גאַליציע, פֿון קאָלאָמיי, האָב איך גע־טראָפֿן אַ פּאָר בעטלערס, דאָס רובֿ בלינדע ייִדן. און אין דער שטיל הערט זיך אַ ברומען, ווי „ביי נאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק".

כ׳האָב אין יענעם אָוונט פֿון תּשעה־באָב געטראַכט, אפֿשר איז טאַקע גלייכער אַזוי. עס קען אַנדערש נישט זיין. דער ניגון פֿון חורבן, טרויער, ווערט פֿאַרדרענגט פֿון נייעם ניגון פֿון בלי און אויפֿקום — דער נייער ניגון פֿון אַלט־ניי צפֿת.

ב

אלה

(פון עדינבורג קיין לאָנדאָן)

עס האָט זיך געהערט דער אָפּהילך פון די לעצטע האַמערקלעפּ איבער די רעדער, וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז דער באַן וועט אָט־באַלד זיך אַ ריר טאָן פון אָרט. זיך אַ ריר געטאָן און באַלד זיך געלאָזט אין דער פולער עקספּרעס־שנעלקייט. ס׳איז געווען גרויער ערב טאָג. אַ פייכטער נעפּל האָט פאַרווישט די קאָנטורן צווישן פלאַכלאַנד און הימל. פון ווייטנס האָט מען דאָ און דאָרט אַרויסגעמערקט פונעם נעפּל אַרויס דערפער, איינצל־הייזער אינעם אין־סוף. די באַן האָט געצויגן דורך טונעלן, דאָ לאַנגע, דאָ קורצע, און גלייך נאָך די טונעלן האָלץ־באַריערעס קעגן ווינטן און שניי־זאַווע־רוכעס.

די ערטער אין דעם עלעגאַנטן ווייך־געבעטן קופּע, אויסגעטאַפּע־צירט מיט טונקל־רויטן לעדער און די ווענט — מיט געבלומטן פּליוש, האָבן זיך געלייגט שווער אויפן געמיט. אַלע ערטער זענען געווען באַזעצט, אויסער איינס, קעגנאיבער מיר, ביים פענצטער. ס׳איז געווען לייכט צו דערקענען, אַז די פּאַסאַזשירן זענען ס׳רוב אָרטיקע, וואָס פאָרן געשעפט־לעך פון עדינבורג קיין לאָנדאָן. אייניקע האָבן זיך געמאַכט באַקוועם, ווי ביי זיך אין דער היים. אויסגעטאָן די קראַוואַטן, צעקנעפּלט די קראַגנס, פונאַנדערגעלייגט צייטונגען, ביכער.

אין קופּע איז געווען שטיל. שוין צו שטיל. מ׳האָט געקאָנט געהערן דעם ריטמישן געקלאַפּ פון די רעדער. איז געוואָרן לאַנגווייליק און פּרי־

קרע. נאָר האָט אָנגעהויבן דער באַגינען זיך אויסצולייטערן, די העל־באַ־גרינטע לאַנען האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסווייזן און ס׳האָט זיך שוין געזען אַ פֿאַרביקייט פֿון בלומען, האָט עס ביסלעכווייז אויפֿגעהייטערט דאָס גע־מיט. נאָך אַ ווײַלע און דורך די וואַגאָן־פֿענצטער האָבן מחיהדיק אַרײַנ־געשפּילט די ערשטע זונשטראַלן — האָט אָנגעהויבן ווערן היימלעכער.

אין געוואָרף צווישן לאַנגווייל און אויפֿגעמונטערטקייט האָט זיך מיר געוואָלט טרעפֿן, ווער וועט זײַן דער לעצטער פּאַסאַזשיר, וואָס וועט אויף איינער פֿון די סטאַציעס אַרויף און פֿאַרנעמען זײַן אָרט מיר אַנטקעגן. פֿון לאַנגווייל, פֿון איינטאָניקן רעדער־געקלאַפּ האָב איך, ווײַזט אויס, אײַנגע־דרעמלט און נישט באַמערקט ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט.

אַז כ׳האָב זיך איבערגעוועקט, האָב איך קעגנאיבער מיר דערזען דעם דערוואַרטן פּאַסאַזשיר, וואָס אָרדנט אײַן זײַן האַנט־באַגאַזש. דאָס איז געווען אַ יונגע, מיטלוווקסיקע, בלאָנדע פֿרוי, מיט אַ רונדלעך ווײַס־ראָזיק געזיכט. איר העל־בלוי קלייד איז געווען געשלאָסן ביזן האַלדז און פֿאַרענדיקט מיט אַ שמאָל ווײַס קעלנערל. זי האָט זיך האַסטיק באַוועגט און אויף גיך אײַנגעאָרדנט איר זיצאָרט. כ׳האָב איצט מיט נײַגער זיך צוגעקוקט: דעם הויכן שטערן אירן האָט צוגעדעקט אַ גלייך־געשוירענע האָר־גריווע, וואָס האָט איר געגרייכט ביז צו די הויך־אויפֿגעהויבענע ברעמען־פֿיילן. האָב איך זיך באַמיט צו זײַן קאָנווענציאָנעל און איר געהאָלפֿן אײַנאָרדענען די זאַכן, פֿאַר וואָס זי האָט מיר אָפּגעענטפֿערט מיט דאַנקבאַרע פֿרײַנדלעכע בליקן. נאָר ווײַל דאָס אַלץ איז צוגעגאַנגען גיך, איז שווער געווען צו זען דעם קאָליר פֿון אירע צעשמייכלטע אויגן. דער ניואַנסן־שפּיל פֿון בלוי און גרין האָט זיך אומאויפֿהערלעך געביטן.

אַוועקגעזעצט זיך, האָט דאָס פּנים פֿון דער יונגער פֿרוי אָנגענומען שלווה. זי האָט מיטן פֿאַרהאַנג זיך לײַכט פֿאַרשטעלט פֿון דער יונגער זון, אַזוי אַז די שאַרפֿע פֿלעקן האָבן געשאָטנט די טיפֿן פֿון אירע אויגן־ווינקלען, אַ שאָטנדיקייט וואָס האָט געגאָסן צאַרטקייט אויף איר באַשיידן פּנים. אירע לאַנגע וויִעס האָבן געזשמורעט, ראַנגלענדיק זיך מיט דער שײַן פֿון דער אַרײַנלײַכטנדיקער זון. אַ באַוועג מיטן קאָפּ, און אַ בינטל האָר האָט נאָכ־לאָזיק אַראָפּגעהאַנגען, פֿאַרטשעפּענדיק זיך אין אַ וויִע.

איצט האָט זיך לײַכט געלאָזט דערקענען דאָס עכט סלאַווישע אין די שטריכן פֿון איר פּנים.

כ׳האָב געזוכט אַ געלעגנהייט צו פאַרפירן מיט איר אַ שמועס. כ׳האָב אָבער נישט געוווּסט אין וואָס פאַר אַ לשון זיך צו איר צו ווענדן, חוץ ענגליש. און ענגליש, לא עלינו, איז אַ ביסל ברוגז מיט מיר... איז ווי רעדט מען דאָס מיט אַזאַ פּאָסאַזשירין אין אַ צעקאַליעטשעט לשון? איז מיר איינגעפאַלן זיך ווענדן צו איר אין דייטש. כ׳האָב איר דערקלערט, האַלב אין שפּאַס, פאַרשטייט זיך: „כ׳האָב אַ גאַנצע צייט געהיט אייער אָרט". „און צום סוף — האָט זי מיר איבערגעריסן די רייד — זענט איר איינגעשלאָפן"... איר גוט־אויפגעלייגט געמיט האָט מיר דערלויבט נאָך צו רעדן, צו פּלוידערן. כ׳האָב אָבער באַמערקט, אַז עס רעדט זיך איר נישט אַזוי לייכט אין דייטש. פון דעסטוועגן האָב איך נישט אָפּגעשטעלט און איר געפרעגט: „ביז וואַנען פאָרן מיר צוזאַמען?" — „ביז לאָנדאָן!" „זייט איר אַן ענגלענדערין צי אַ סקאָטין?" — „נישט דאָס און נישט יענץ".

„ריכטיק, האָב איך געענטפערט, אייער געזיכט איז עכט סלאַוויש. אייער טיפ דערמאָנט די פרויען ביי טשעכאָוון"... „פאַר וואָס גראַד טשע־כאָווס פרויען, פאַר וואָס נישט טאָלסטאָיס, אָדער גאָר זאָשיאַ ביי מיצ־קעוויטשן?" — האָט זי מיר איבערגעריסן. „ניין, מיין פריינד, איך רעד פּויליש, פאַרשטיי אויך רוסיש און רעד העברעיִש, און איך קום פון ישׂראל. קום איך אייך פאַר אַזוי מעלאַנכאָליש־טרוימעריש, ווי די פרויען ביי טשע־כאָוון?" — אירע פייכטע ליפּן האָבן געחנט מיט זייערע עטוואָס פאַר־טיפטע מויל־ווינקלען. די שיטערלעך־דראַבנע ציין אירע האָבן צוגעגעבן איר אויסזען קינדישקייט.

האָבן מיר גערעדט פּויליש. יידיש, זאָגט זי, פאַרשטייט זי ווייניק. די עלטערן אירע שטאַמען פון גאַליציע. בעת דער היטלער־אָקופּאַציע זענען זיי אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד, פאַרוואָרפן געוואָרן אַזש קיין נאָוואָ־סיבירסק. זי איז געבוירן געוואָרן ערגעץ אין אַ וואַלד פון די נאָוואָסי־בירסקער געגנטן. בעת זיי האָבן זיך אומגעקערט קיין פּוילן איז זי אַלט געווען 5 יאָר. איצט זענען זיי שוין עטלעכע יאָר אין ישׂראל. בעת זיי זע־נען געווען אין פּוילן האָבן די עלטערן אירע, כאָטש אַסימילירטע, איר אָנגעזאָגט זיך אויסגעבן אין שול פאַר אַ יידישע. און אַז איין מאָל ביים מאָרגן־געבעט האָבן די קריסטלעכע קינדער באַמערקט, אַז זי נעמט נישט אָנטייל, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז זי איז אַ יידישע, האָבן זיך פאַר איר פון דעמאָלט אָן אָנגעהויבן „אַנדערע" צייטן...

איר פֿאַרדריסט, הלמאי בעת עמעץ וויל איר חנדלען, מאַכן אַ קאָמפּלי־מענט, זאָגט מען איר, אַז זי זעט אויס ווי אַן עכטע סלאַווין. זי וויל דאָס נישט. — כ׳האָב דערפֿילט, אַז דאָס מאַכט זי מיר איצט אַ פֿאָרוווּרף. האָב איך איר איבערגעשלאָגן און געפֿרעגט: „ווי אַלט זייט איר, אַז איר האָט אַזאַ אוצר עפּיזאָדן צו דערציילן און זיך צו דערמאָנען? — אין מיינע אויגן, אַ יאָר 22״. „נו, כ׳בין שוין גראָד עלטער. כ׳בין אַלט 27 יאָר, בין אַ חתונה־געהאַטע און האָב שוין אַפֿילו אַ קינד״. די לאַנגע פֿינגער פֿון איר שלאַנקער האַנט האָבן זיך פֿאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט אויף איר שויס, און מיט דער צווייטער באַרירט, ווי נישט־ווילנדיק, דאָס קידושין־רינגל. אויף איר פּנים האָבן זיך געריוויטלט פֿלעמעלעך און אַ דין, דורכזיכטיק בלוי אָדערל, ווי געזען דורך פֿאַרצעלאַן, האָט שלענגלענדיק פּולסירט אונטער דער דורכזעעוודיקער הויט נעבן מוילווינקל.

זי האָט דערציילט און איך האָב מיט מיין גאַנץ וועזן געהערט. ווייך און שטיל איז געווען דער אויסקלאַנג פֿון יעדן וואָרט אירן. זי האָט פֿאַר־מאָגט אוממיטלבאַרע פּשטות און נאַיִווע האַרציקייט. אירע ברייט צעעפֿנטע אייגן בעתן רעדן זענען געווען לויטער, ווי די טיפֿן פֿון אַ קוואַל.

די זון האָט זיך געשטאַרקט, געוואָרן פּולער, צעוואַקסענער און באַ־גאָסן מיט גאָלד איר פּנים. אַ שמעטערלינג האָט געקרייזט אין דער לופֿט און געוואָרפֿן אַ שפּילעוודיקן שאָטנפֿלעק, וואָס איז אַרומגעלאָפֿן אויף איר קליינער געשניצטער נאָז. איר האָלדז האָט זיך געמיטלעך באַוועגט אויף די רונדן פֿון אירע שמאָלע אַקסלען.

נישט צו באַמערקן און אָנגענעם זענען פֿאַרביי די מאָרגן־שעהען. דער צוג האָט זיך דערנענטערט צו אַ קליינער סטאַציע. אין דרויסן איז געפֿאַלן אַ זומערדיקער רעגן.

ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז זי האַסטיק אויפֿגעשפּרונגען פֿון אָרט און זיך אַ לאָז־געטאָן צו דער טיר. — „איך לויף אַ ביסל נאַס ווערן, כ׳האָב ליב אַזאַ רעגן״. ווען דער צוג האָט גערירט איז זי אימפּעטיק אַריין אין קופּע, זיך באַמיט צו באַפֿרייען דעם גוף פֿון די צוגעפּאַלענע נאַסע קלייד־טיילן, בעת גראָד פֿון אָט דער נאַסקייט אַרויס האָבן זיך געצייכנט אין בולטע קאָנטורן די ליניעס פֿון איר ווייבלעכקייט. פֿון איר נאַסער גריווע האָבן געפֿלאָסן טראָפּנס און זיך פֿאַרהאַלטן אויף דער מאַ־טער הויט פֿון איר פּנים. אַזוי — האָב איך אין זיך געטראַכט — קענען

אויסזען בלויז רויזן, בעת עס פאַלן אויף זיי קרישטאָלענע טראָפּנס מאָרגנ־טוי.

געל־רויטע פּאַסן האָבן געצייכנט דעם ווייטן האָריזאָנט. אין קופּע האָט אָנגעהויבן גרויען. שאָטנס האָבן זיך צעטאַנצט אויף די פּנימער פון די פּאָרערס. דער צוג האָט פאַרפּאַמעלעכט זיין געאײַל. נאָך אַ ביסל און מיר זענען אין לאָנדאָן.

מיר זענען אַרויס אויפן פּעראָן.

אַ האַנט־דרוק. אַן אויגן־בליץ. זיך געזעגנט. „מעג איך פרעגן ווי מ׳רופט אייך, ווי איז אייער נאָמען?״ — „זיכער, אַוודאי מעגט איר וויסן. קודם־כל בין איך נישט פון אײַער טשעכאָווס פרויען, אויך נישט זאָשיע, מיין נאָמען איז אלה״. אלה — און יעדער איינער פון אונדז איז זיך געגאַנגען זיין וועג.

לאַנג, לאַנג איז מיר נאָכגעגאַנגען, מיך באַגלייט דאָס אינטערעסאַנטע געזיכט, די מילדע בליקן, דאָס פריידיקע געמיט פון אַ יונגער פרוי מיט אַ סלאַוויש פּנים, וואָס איז געבוירן געוואָרן ביי יידישע עלטערן, פאַרוואָגלטע אין אַ נאָוואָסיבירסקן וואַלד, זיך אויפגעהאָדעוועט און געלעבט אין פוילן אין פולער פוילישקייט, זיך אַרויסגעריסן פון דאָרט און וווינט אין ישראל, און הייסט אלה.

די פרוי אין ווייסן

אין די לאַנגע שפּיטאָל־קאָרידאָרן איז געווען אומהיימלעך איינזאַם, נישט איבעריק וואַרעם, שוואַך באַלויכטן, און דער איבלדיקער שפּיטאָל־גערוך האָט נאָך מער באַשווערט דאָס געמיט.

אין די אָוונט־שעהען איז געווען טויט־שטיל. פון צייט צו צייט איז די שטילקייט געשטערט געוואָרן דורך די סקריפּענדיקע רעדלעך פונעם וועגעלע אויף וועלכן וויעראָטשקאַ, די באַדינערין פונעם מתים־שטיבל, פלעגט דורכפירן די „פּאַקאָיניקעס״ אין סעקציע־זאַל, וואָס האָט זיך געפונען אין צווייטן עק פון קאָרידאָר.

די שויבן־פּענצטער האָבן זיך פאַרצויגן מיט זילבער־גלאַנציקע פראָסט־בלעטער. אין דרויסן האָט געטונקלט, בלויער שאָטן האָט באַפאַרבט דעם ווייכן שניי־געבעט פון דעם אַרומיקן שפּיטאָל־הויף.

אַ מאָנאָטאָנער אָפּהילך פון די אייגענע טריט האָט פאַרטיפט אין מיר דעם אומעט און דעם לאַנגווייל. כ׳האָב זיך פאַרהאַלטן אַ ווײַלע בײַ די ברייטע טרעפּ, וואָס זענען געווען פאַרשפּרייט מיט אַ טונקל־רויטן פּליוש־טעפּיך. די טרעפּ האָבן געפירט אַרויפצו, צו דער אָפּטיילונג פאַר אינער־לעכע קראַנקהייטן. דאָרט האָט זיך אויך געפונען אַ קלײנער צימער, באַ־שטימט פאַר די דיזשורירנדיקע דאָקטוירים. אַ געפיל פון אַן אומבאַ־שטימטן נײַגער האָט מיך געצויגן אַ בליק צו טאָן אַהינצו. די טיר פונעם צימער איז געווען האַלב אָפן. דערנעבן, בײַ אַ קליין טישל, פאַרוואָרפן מיט פּאַפּירן, איז געזעסן אַ יונגע פרוי.

שוין אַ צײַט אַז אַט די דאָזיקע פרוי האָט געצויגן אויף זיך מײַן אויפמערקזאַמקייט. שטענדיק, אין דער זעלבער צײַט, פלעגט זי אײַליק פאַרבײַגיין דעם קאָרידאָר, אָנגעטאָן אינעם בלאַנק־ווײַסן שפּיטאָל־מאַנטל. יעדעס מאָל, אַז כ׳פלעג זי זען, האָט מיך מאָדנע אָנגענעם באַאומרויִקט.

זי איז געווען פון מיטלוווקס, און אַ צאַרטע גראַציע האָט געצייכנט אירע שמאָלע אַקסלען, איבער וועלכע ס׳האָבן זיך פעדאַנט און זאָרגפעלטיק אַריבערגעוואָרפן גלאַט־געקעמטע פלאַטין־בלאָנדע האָר, מיט אַ העל־בלויער באַנד דורכגעפלאָכטן.

אַ תמימותדיקער, ליבער שמייכל פלעגט זיך באַווײַזן אויף איר גע־זיכט, בעת זי פלעגט אָפּענטפערן אויף אַ באַגריסונג.

איך פלעג אָפּוואַרטן די צײַט ווען זי פלעגט אָנקומען. מיר איז געווען גוט מיט אָט דער געהיימעניש פון קאָנפידענציאַנעלן אָפּוואַרטן. דאָס איז געווען קלאַוודיאַ מיכאַילאָוונאַ, אַ יונגע דאָקטאָרין — אַ כירורג.

אין איינעם אַן אָוונט. אַ ווײַלע זיך אָפּגעשטעלט בײַ דער אָפענער טיר פונעם צימער, נישט פעיִק געווען אַ שפּאַן צו טאָן פאַרויס און נישט צו־ריקציִען זיך, און זי האָט דייטלעך באַמערקט. אונדזערע בליקן האָבן זיך באַגריסט און זי האָט געבעטן מיך אַרײַנגיין.

כ׳האָב דערפילט אַ לײַכטן קאָפּשווינדל, אַ פאַרשנעלערט האַרצקלאַפּן און זיך אַ ביסל פאַרלוירן...

— ביטע — האָט זי אַ זאָג געטאָן — זיצט. דאַכט זיך — האָט זי פאַר־

געזעצט, ווי וועלנדיק מיך אַרויספירן פון דער פאַרלעגנהייט — אַז מיר זענען באַקאַנט. שוין באַמערקט אייך אייניקע מאָל אין קאָרידאָר.

צום ערשטן מאָל האָב איך געהערט דעם קלאַנג פון איר שטימע, געזען איר געזיכט פון דער נאָענט. אַ וואַרעמקייט האָט געשטראָמט פון אַ יעדן שטיל אַרויסגעזאָגטן וואָרט אירן. כ׳האָב קוים באַוויזן אויפצונעמען וואָס זי רעדט. די איינזאַמקייט איז ווי פאַרשוווּנדן, ס׳האָט אַ ווייע געטאָן מיט אַ היימישקייט אין דער פרעמד, און אַפילו די פריִערדיקע פאַרלוירנקייט איז אָפּגעטראָטן. כ׳האָב זיך דערפילט פריי און געפאַנגען צו גלייך. ס׳האָט מיך באַהערשט איר נאָענטקייט.

— זענט איר, הייסט עס, אַ פּוילישער פּליט, געדינט אין דער אַרמיי און דער גורל האָט אייך פאַרוואָרפן אַהערצו, צו אונדז. אַ ווײַלע איז זי געבליבן זיצן פאַרטראַכט, דערנאָך האָט זי אַרויסגענומען פון איר האַנט־טאַש אַ קליין שאַכטעלע מיט אַ רויטער לענטע פאַרבונדן, אויפגעעפנט עס און מיט אַן אינטימען זשעסט אויסגעשטרעקט איר האַנט, באַווייזנדיק אַ מעדאַל אויף אַ זייד־באַנד.

— דאָס האָב איך היינט באַקומען — האָט זי געזאָגט — צוגעשיקט פון דער הויפּט־קאָמאַנדע פון דער אַרמיי. אַן אויסצייכענונג פאַר מיין מאַן, אַ פליִער וואָס איז געפאַלן ביי דער פאַרטיידיקונג פון מאָסקווע — און אָט איז פאַרשוווּנדן דער לויטערער גלאַנץ פון אירע אויגן. אַ טיפער ווײַ האָט איצט אַרויסגעבליקט פון זיי. די אויגן — מיט טרערן אָנגעגאָסן, אָבער געוויינט האָט זי נישט. איין טרער האָט זיך ווי אַרויסגעגנבעט און זיך אַראָפּגעגליטשט איבער איר באַק. אַ ווײַלע נאָך באַטראַכט, צערטלענדיק מיט די בליקן די אויסצייכענונג און צוריק פאַרמאַכט דאָס שאַכטעלע.

— דאָס — האָט זי אויסגעפּליסטערט — איז פאַרבליבן. יאָ, אויך אונדזער אָנדערטהאַלבן יאָריק קינד.

יענעם אָוונט האָבן מיר נאָך לאַנג גערעדט. כ׳בין אין גאַנצן באַהערשט געוואָרן פון אַן אויסמיש פון גליק־ און צער־געפילן פון אָט דער באַגעגעניש, און געזעגענענדיק זיך האָט זי מיר דערלאַנגט אירע ביידע הענט, כ׳האָב קוים באַרירט אירע פינגער מיט מיינע ליפּן און פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר.

לאַנג, לאַנג האָב איך יענעם אָוונט אַרומגעשלייכט איבער די גאַסן פון סווערדלאָווסק, און נישט געוווּסט וואָס באַהערשט מיך שטאַרקער —

דער מיטגעפיל, דער צער, צו די אויפגעהייטערטקייט פון דערשפירן אַ ליכטשטראַל אין טעג פון נע־ונד.

קלאַודיאַ מיכאַילאָוונאַ האָט פון דער נאַטור פאַרמאָגט אַ זייער מילד געמיט. מסוגל געווען מיט איר פריידיקן הומאָר באַווירקן, העלפן, לינדערן מיין שווערע שטימונג אין יענע טעג. און זי איז קוים אַלט געווען 26 יאָר.

אַ שיטער־באַווינטער וועג האָט געפירט ווייט פון צענטערשטאָט צום אָרט ווו זי האָט געוווינט. פון איין זייט וועג האָט זיך געפונען די טורמע, פון דער צווייטער זייט — דער בית־עולם — די „קלאַדבישטשע“. אין די פאַרנאַכטן פלעג איך זי באַגלייטן אַהיים. געשטאַנען פאַר איר קליין הייזל ביז שפּעט, געפלוידערט וועגן אַלץ און וועגן גאָרנישט. יעדעס מאָל, הגם אין די זעלבע באַשיידענע קליידער, האָט זי מיר אויסגעזען אַנדערש, גע־זען אין איר נייעם רייץ.

*

עס איז געווען אין דער נאַכט פון ערשטן יאַנואַר. אין די גאַסן האָט זיך געפילט אַ הייטערקייט, כאָטש די מלחמה איז נאָך אָנגעגאַנגען. מענטשן האָבן זיך געאײַלט צו פריינד, צו באַקאַנטע — באַגעגענען דאָס נייע יאָר.

אין יענעם אָוונט בין איך געקומען פון גאַס אַ פאַרביטערטער, אַ פאַר־בענקטער. דאָס קליינע קעלער־צימערל מיינס, וואָס האָט זיך געפונען אין דער שפּיטאָל־געבײַדע, ווו איך האָב געאַרבעט, איז פול געווען מיט עלנט, מיט אומעט. כ'בין אַ מידער אַנידערגעפאַלן אויפן אײַזערנעם בעטל.

די שטוב איז מיר דאָס מאָל פאַרגעקומען פרעמדער ווי שטענדיק, אַנזעעוודיקער זענען געווען די פאַרגעלט־גרויע ווענט אויף וועלכע עס זענען בולט געווען שימל־גרין־שוואָמיקע פלעקן, וואָס האָבן זיך אַרײַנגע־פרעסן אין יעדן ווינקל. דאָס שמאָלע לאַנגע פענצטער, פאַרטיפט אין דער דיקער וואַנט, האָט מער דערמאָנט אַ טורמע־צעלע ווי אַ וווינונגס־צימער. אַ קוים פילבאַרע וואַרעמקייט האָט זיך געטראָגן פונעם קליינעם פייער־קעכל אויף וועלכן ס'האָט געפּאַרעט אַ טעפּל וואַסער.

אַ וויסטע איינזאַמקייט האָט אַרײַנגעוויעט פון דרויסן. כ'בין געלעגן מיטן פּנים אַרויף און געקוקט אויפן סופיט, אויף די משונהדיקע געזיכטער און פיגורן, וואָס האָבן זיך געצייכנט אויף די אָפּגעשיילטע פליכעס פון דער סטעליע. אַ בענקשאַפט האָט געגנאָגט און גענאָגט.

ס'האָבן זיך דערהערט טריט, ווי עמעצער וואָלט זיך פאַרגנבעט אויף די שפּיץ־פינגער. אַ ווײַלע זיך אײַנגעהערט, האָסטיק אינסטינקטיוו אויס־געדרייט דעם קאָפּ און — דערזען קלאַוודיען. כ'האָב נישט פאַרשטעלט מײַן איבערראַשונג, נישט געצווימט די פרייד. געפילן פון גליק האָבן געשפּאַרט אין מײַן צערודערט געמיט.

אין די פונאַנדערגעוויגטע שאָטנס, בלאָסן ליכט פונעם הענגלאָמפּ, האָט איר געשטאַלט אויסגעזען צו זײַן העכער ווי שטענדיק. ציכטיק האָט גע־בלאַנקט די ווייסקייט פון איר שפּיטאַל־מאַנטל, וואָס האָט איר זייער גע־קליידט. צום ערשטן מאָל, אַז קלאַוודיאַ האָט מיך באַזוכט.

אונדזערע בליקן האָבן זיך שטראַלנדיק באַגעגנט. מיט איין שפּאָסיק וואָרט האָט זי פאַרטריבן די פאַרלעגנהייט אין מיר. פריידיקייט האָט גע־קוואָלן פון איר געלעכטער, פונעם צעשמייכלטן מויל האָבן געחנט די ווייסע ציין אירע, וועלכע כ'האָב אַזוי ליב געהאַט.

נישט וואַרטנדיק אויף מײַן אײַנלאַדונג האָט זי זיך אָוועקגעזעצט אויף אַ ברעג פונעם בעט. ראָזע פלעמלעך האָבן זיך באַוויזן אונטער דער מאַטער הויט פון איר געזיכט, לויטערקייט איז געווען אין איר אויגן־בלוי, די פליגעלעך פון איר קליינער גראַדער נאָז האָבן דין געצאַפּלט. זי האָט צו־געבויגן איר קאָפּ. די האָר האָבן זיך נאַכלעסיק, צערטלענדיק פונאַנדער־געשאָטן איבער מײַן פּנים און געדופטעט מיט יאַסמין־בליטן. כ'האָב אײַנ־געהויכט אין זיך איר אָטעם, ווי אַ תּפילה, און דערשפּירט דעם צויבער־סוד. מײַנע שפּיץ־פינגער האָבן באַרירט די רונדן פון אירע אַקסלען, פיבערנדיק געפינגערט איבער איר האַלדז.

עס האָט אויך נישט געפעלט אַ ביסל משקה. אין היימישער וואַרעמקייט האָבן מיר באַגריסט דאָס נײַע יאָר. אויך דער קעלער האָט באַקומען אַ יום־טובדיקן אויסזען. קלאַוודיאַ האָט אין צאַרטע, מעלאָדישע טענער גע־זונגען מײַן ליבלינגס־ליד.

„נאָטש סוויעטלאַ נאַד רעקאָי, טיכאָ סוועטיט לונאַ, וו עטו נאָטש, מילי מאָי ווספּאָמינײַ אָבאָ מניע...״

איבערן טײַך, הילט די נאַכט,
די לבֿנה לײַכט און איז שטיל,
אין אָט דער נאַכט, ליבער מײַן,
דערמאָן דיך אין מיר.

— — — — — — — — — — — —

עס איז געקומען דער טאָג פון עוואַקואַציע, צוריק קיין פוילן. דער עשאַלאָן איז געשטאַנען גרייט אָפּצופאָרן. די לעצטע האַמערקלעפּ איבער די רעדער פון די וואַגאָנען האָבן געזאָגט, אַז דער סיגנאַל קומט אָן. פריינד און באַקאַנטע זענען געקומען געזעגענען די אָפּפאָרנדיקע.

אין די לעצטע מינוטן איז אויך קלאַודיאַ געקומען.

ביידע האָבן מיר געמאַכט דעם אָנשטעל פון זיין גוט אויפגעלייגט. גערעדט האָבן מיר נישט, אָבער אויך אויף צו שווייגן איז נישט פאַרבליבן קיין סך צייט. אונדזערע הענט האָבן זיך באַרירט. זיך געזעגנט מיט די בליקן און ווי צום ערשטן מאָל, בעת מיר האָבן זיך באַקאַנט, האָט אויך איצט אַ גרויסע טרער זיך פאַרהאַלטן אויף איר וויִע.

אַ האַנט־דרוק און נאָך אַ האַנט־דרוק.

קלאַודיאַ! איך שפיר אויף זיך דעם באַריר פון אונדזערע געזיכטער, ווי דעם פליגל־באַריר פון אַ שמעטערלינג.

טעססאַ

דאָס טרעפן־הויז אין צווייטן הויף אויף אָרלאַ־גאַס איז געווען שוואַך באַלויכטן. גרויע שאָטנס האָבן באַגלייט מיין יעדן פוסטריט. לאַנגזאַם און פאָרזיכטיק האָב איך געשטיגן אויף די גליטשיקע פייכט־אויסגעטראָטענע האָלצטרעפּ, וואָס האָבן געפירט צו די הירשביינס.

נידעריקער, אונטער מיר, האָבן זיך געהערט טריט אין זעלבן פאַר־לאַנגזאַמטן טעמפּאָ, מיט וועלכן איך בין געגאַנגען.

אינסטינקטיוו האָב איך געווענדט אַהין מיינע בליקן און באַמערקט דורך דער נעפּלדיקער שייַן אַ יונג פאָרפאַלק. אונדזערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. באַהערשט פון אַ נייגער, האָב איך נאָך מער פאַרלאַנגזאַמט די טריט, כּדי גענויער איינצובליקן זיך אינעם געזיכט פון דער פרוי, וואָס האָט מיר אין יענעם מאָמענט אין עמעצן דערמאָנט. ס׳האָט מיך באַהערשט אַ געווויסער אומרו, און מיך געמאַכט טראַכטן, אַז אָט־אָט, נאָך עטלעכע

טרעפּ און די פרוי וועט פאַרשווינדן ערגעץ ווו אין אַ וווינונג.

דאָס פּאָרל האָט זיך דערנענטערט און זאַלבעדריט זענען מיר שטיין געבליבן נעבן דער טיר ווו עס האָבן געווױנט די הירשביינס.

ס׳האָט אונדז באַגעגנט אַ וואַרעמער קבלת־פּנים. ס׳זענען שוין דאָרט געווען פאַרזאַמלט אַ צאָל געסט. מיר האָבן זיך מיט אַלעמען באַגריסט, זיך באַקענט און פאַרנומען ערטער אַרום אַ פּייערלעך געדעקטן טיש. די וווי־נונג פון די דריי שוועסטערס הירשביין איז באַשטאַנען פון איין צימער, באַשיידן איינגעאָרדנט, ציכטיק און אָנגענעם.

כ׳האָב זיך געוואָלט זעצן נאָענט פון דער יונגער פרוי, אָבער געזעצט האָב איך זיך ווייטער, ווי נישט וועלן פאַרראַטן די געהיימעניש פון מיין פאַראינטערעסירונג.

מיר האָבן גענומען אַ כּוסע און נאָך איינע. ס׳איז געוואָרן היימישער, הייטערער און געמיטלעך. מען האָט זיך פונאַנדערגערעדט. ביסלעכווייז האָט זיך די רעשיקייט איינגעשטילט, מ׳האָט גענומען אויפמערקזאַם זיך צוהערן צו דעם וואָס די יונגע פרוי רעדט, צום געדאַנק וואָס זי אַנט־וויקלט. די טעמע איז געווען פרויד. ס׳האָט נישט לאַנג גענומען און זי איז געווען אין צענטער פון אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. זי האָט לעבהאַפטיק גערעדט, פאַרהאַלטנדיק דערביי אַן אַקאַדעמישע רויִקייט, בליציק און גע־שיקט מאַנעווורירט מיט יעדן פאַרזיכטיק־פאָרמולירטן געדאַנק. ס׳איז גע־ווען בולט צו זען אויף איר: הנאה און זעלבסטזיכערקייט.

ווונדערלעך סוגערירט פון אירע פלאַמיק־צעשמייכלטע בליקן, האָב איך פאַרלוירן דעם פאָדעם פון איר אַנטוויקלטן רעיון. מיך האָט פּשוט פאַרכאַפּט די אינטאָנאַציע פון איר יעדן קלאַנג.

די הירשביינס האָבן אונדז פאָרגעשטעלט: „אונדזער ברודער מישאַ און זיין ערשט נישט לאַנג געוואָרענע פרוי טעססאַ, אַ סטודענטין פון דריטן יאָר פּסיכאָלאָגיע אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט״. מישאַס אויס־זען — אַ מזרח־טיפּ. טונקל־גלאַנציקע האָר, אַן אַליוו פּנים, שוואַרץ־ברע־נענדיקע אויגן. ער און זיין עלטערע שוועסטער שׂרה זענען געבוירן גע־וואָרן אין ירושלים, און קינדער נאָך זענען זיי מיט זייערע עלטערן געקומען קיין וואַרשע.

פון דער נאָענט האָב איך ערשט נאָך דייטלעכער באַמערקט די סימע־טריש דין־געצייכנטע שטריכן אויף איר צאַרטן געזיכט. חן־ווינקלען האָבן

זיך געטיפּט אויף איר מאַט, מאַנדל־קאַליריק געפּלעגט פּנים פון וועלכן ס׳האָט אַרויסגעשטראַלט אַ שפּילעוודיקער הומאָר. איצט האָט זי מיר אויסגעוויזן פּשוטער, באַשיידענער ווי פריִער בעת זי האָט מיט אַזאַ אייפער און פּאַטאָס אַנטוויקלט די פּרווידיאַנישע טעאָריעס. דאָס פּורפּור־רויטע פּלוש־קלייד, געשלאָסן הויך ביזן האַלדז, האָט נאָך אינטערעסאַנטער געמאַכט איר האַלטונג, צוגעבנדיק וואָג איר יוגנטלעכן אויסזען.

ס׳איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, ווען זי האָט מיר דערמאָנט בעתן ערשטן מאָל דערזען זי. איר האַלטונג, איר פּנים האָבן דערמאָנט אין אינגריד בערגמאַן, דאָס זעלבע טרוימערישע, אויסגעאיידלטע געמיט.

לאַנג, לאַנג, ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, האָבן מיר דאַן פאַרבראַכט. און וואָס נענטער און אינטימער מיר זענען געוואָרן, אַלץ גרעסער איז געוואָרן דער דיסטאַנץ, מיין רעספּעקט צו איר.

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך פאַרלאָזט וואַרשע.

*

אין דער ערשטער צייט האָב איך וועגן דער דאָזיקער באַגעגעניש זעלטן געטראַכט, צייטנווייז נישט געווען בכּוח צו מאָל וויזועל צו רעסטאַווירן אין זכרון איר אויסזען. נאָר דער בליק, מיט וועלכן מיינע אויגן האָבן זיך באַגעגנט אין יענעם אָוונט אויף די טונקל־באַלויכטענע טרעפּ — האָט מיך נישט געלאָזט צו רו.

אין אַ צייט אַרום האָט פּלוצעם פון דאָס ניי אויפגעלויכט אין מיר אַ בענקשאַפט, אַ באַגער ווידער זי צו זען. כ׳האָב זיך געראַנגלט מיט דער שוואַכקייט און צום סוף זיך אונטערגעגעבן דעם יצר, דער פיבערהאַפטער סוגעסטיע, וואָס האָט מיך געשטויסן קיין וואַרשע.

די ערשטע צייט האָב איך זיך נישט באַמיט זי אויפצוזוכן, פאַרקערט — געפּרוווט זיך דערווייטערן, אָפּשטויסן, ווי נישט פאַרגינען זיך נאָכצוקומען דעם נייגער זי צו באַגעגענען. נאָר אין איינעם אַ פאַרנאַכט, גייענדיק אויף קרולעווסקאַ־גאַס, קעגנאיבער דעם זאַקסישן גאָרטן, האָט זיך מיר אויסגעוויזן פון דער ווייטנס אַז טעססאַ קומט מיר אַנטקעגן. און — ס׳האָט געדויערט קירצער ווי דער דורכלויף פון דער מחשבה און מיר זענען געשטאַנען איינער קעגן צווייטן.

פאַרווונדערונג און צופרידנקייט האָבן געשאָטנט אויף איר פריידיק צעשמייכלטן פּנים.

— „און דאָך איך געטראָפן — האָט זי שטיל געזאָגט — ווו זענט איר דאָס פאַרפאַלן געוואָרן זינט יענעם אָוונט? איר האָט דאָך צוגעזאָגט צו קומען צו אונדז״. פריינדלעך, אָבער צוריקגעהאַלטן, האָבן אונדזערע ביידנס הענט זיך באַרירט. אַ וואַרעמער שטראָם האָט דורכגעריזלט מיינע אָדערן. שווער געווען אַרויסצורעדן אַ וואָרט.

די לייכטע פאַרלעגנהייט, די מינוטן פון שטילשווייגן, דאָס אַלץ איז פאַרגעקומען אַזוי אומוואַרשיינלעך און דאָך — די זעלבע בליקן ווי דאַן אויף די טרעפּ. ווידער האָבן זיך פונאַנדערגעשפּילט אויף איר מאַנדל־מאַטער, צאַרטער הויט אַ העלקייט און אַ שאָטן.

— אפשר קומט איר מיט צו אונדז? מיר ווינען אויף נאָוואָליפּיע. מיר וועלן זיך איבערגיין דורכן גאָרטן.

מיט פאַמעלעכדיקע טריט זענען מיר געגאַנגען לענג־אויס דעם גאָרטן. פון ערגעץ ווו האָבן זיך געהערט אַנגענעמע קלאַנגען פון אַ פּיאַנאָ. שאָפּען — האָט טעססאַ שטיל אַ זאָג געטאָן. — אַ האַרבסט־ווינטל האָט פונאַנדער־געווייעט די ביימער אַרום אונדז, פון וועלכע עס זענען איינציקווייז גע־פאַלן גאָלד־געלע בלעטער. קופּער־רויטע בלעטער האָבן זיך געשפּרייט אונטער אונדזערע טריט. די שאָפּען־טענער האָבן זיך ביסלעכווייז דער־ווייטערט, נאָר דער רויש פון דעם בלעטער־אָנשיט האָט באַגלייט אונדזערע טריט.

ג

מיין ליבע צום טעאַטער

פון די פריסטע יוגנט־יאָרן האָט טעאַטער אַרויסגערופן ביי מיר אַ פאַראינטערעסירונג, אַ נייגער, אַ מאַגישער כוח האָט מיך אַהינצו געצויגן. אין מיין געבורט־שטאָט טאָלמיטש זענען געווען אַמאַטאָרישע פאָרשטעלונגען, האָט מיין מוטער מיך אַהינצו קיין מאָל נישט מיטגענומען. איך פלעג פון צייט צו צייט דורך אַ הינטער־טיר זיך אַריינגנבענען. בשעת מען האָט אויפגעפירט דעם „דיבוק", האָט מיין מוטער מיר געזאָגט, אַז פאַר קינדער איז אַ פחד די פאָרשטעלונג צו זען. ווען די טיר אין דער „טאָמבעהאַלע" האָט זיך שוין געשלאָסן, בין איך צוגעגאַנגען צום קאַסירער און אים געבעטן רחמים, „הער דיבוק, לאָזט מיך אַריין".

שוין שפּעטער זענען אין שטעטל אַראָפּגעקומען זייער אָפּט אוקראַיִנישע טרופּעס, ווי סטאַדנוקס און קאָהוטיאַקס. הויפּטזאַכלעך האָבן זיי געשפּילט אוקראַיִנישע אָפּערעטקעס, ווי אויך קאָלמאַן, מעלאָדראַמעס און פאָרשטעלונגען אויף יידישע טעמעס, ווי „אוריאל אַקאָסטאַ" אאַז"וו. איך פלעג באַזוכן אַלע פאָרשטעלונגען, ממש ליב באַקומען דאָס אוקראַיִנישע טעאַטער. אין זכרון האָבן זיך איינגעקריצט די נעמען פון די שוישפּילערס: סטאַדנוק, זיין טאָכטער מילענאַ און דער זון יערעמאַ, דער אַלטער רובשטאַק — אַ קאָמעדיע־שוישפּילער, באַראָוויק, בענצאַל, נעדעלקאַ, אַ הויכער קרענקלעכער, מאַגירייזירטער „אַמאַנט". ווייטער די לענסקאַ און אַ זייער איידעלע פרוי פון דער וויסער עמיגראַציע, קריווויצקאַ און אַנדערע.

מיט פאַרגעניגן האָב איך אויך באַזוכט די גאַסטראָל־טעאַטערן ווי דעם סטאַניסלאַווער „גאָלדפאַדן" און „אַנסקי", וועלכע האָבן אויפגע־

פירט דעם „גולם", „בײַנאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק" (רעזשי פֿון דוד הערמאַן). עס זענען אויך אויפֿגעטראָטן דער ייִדיש־פּױלישער שרײַבער האָראַצי סאַפּרין, בריק, די פֿרוי מאַלדויער, לאַנעק קאַסווינער (היינט אין „קמרי") און פֿיל אַנדערע.

מײַנע שענסטע טעאַטער־איבערלעבונגען זענען אָבער פֿאַרבונדן מיטן פֿאַר־מלחמהדיקן פּוילישן טעאַטער, דעם וואַרשעווער טעאַטער. שוישפּילע־ריש האָט די פּוילישע בינע געשטיגן צו די הויכן פֿון בעסטן אייראָפּעיִשן טעאַטער. די טעאַטראַלע קולטור אין פּוילן האָט געצויגן איר טראַדיציע נאָך פֿונעם רוסישן, דײַטשן און פֿראַנצויזישן טעאַטער.

זאָל איך נאָר דערמאָנען אייניקע נעמען פֿון עלטערן און ייִנגערן שוישפּיל־דור: סאָלסקי, ביי זײַנע 70 האָב איך אים נאָך געזען אויפֿטרעטן אין „פּאַן יאָוויאַלסקי" און „פֿרידריך דער גרויסער". צו הונדערט יאָר איז ער געשטאָרבן און געשפּילט ביזן לעצטן מאָמענט. סאָלסקי איז געווען אַ שטרענג נאַטוראַליסטישער אַקטיאָר, האָט פֿאַרמאָגט אַ קרעפֿטיקע שטימע, וווּנדערבאַרע אויסערלעכע מיטלען, אַן אַקטיאָר פֿון בלוט און פֿלייש. סטעפֿאַן יאַראַטש, אַ פֿלאַמענדיקע עמאָציאָנעלע נאַטור, אַ טאַלאַנט, וועל־כער האָט דערגרייכט צו די העכסטע טעאַטראַלע הויכן, אַ פּסיכאָלאָגיסט און פֿאַרשטעלערישער אימפּראָוויזאַטאָר. יונאַשאַ סטעמפּאָווסקי, דער וויר־טואָז פֿון שוישפּילערישער שלמות, דער פּוילישער אַליוויע און אפֿשר נאָך העכער. אַלע פֿאַרבנרייכסטע מיטלען און מעגלעכקייטן אין זײַן רשות. ער האָט סוגערירט מיט יעדן אויפֿטריט, מיט יעדער קרעאַציע זײַנער. (אין דער אָקופּאַציע־צײַט האָט אים די פּוילישע אונטערערד ליקווידירט אַלס קאָלאַ־באָראַנט).

יוליוש אָסטערוואַ, דער מייסטער פֿון וואָרט־קולטור, פֿון לאַנגן אָטעם און זויבערער דיקציע. אַ פּאַטעטיקער־ענטוזיאַסט, אויסגעצייכנט זיך מיט זײַן פּערזענלעכער קולטור, ווער געדענקט נישט זײַנע וויספּיאַנסקי־מאָנאָלאָגן?

אַדוועגנטאָוויטש פֿון „קאַמעראַלן" טעאַטער, זײַנע באַגלייטערס גריווינסקאָ און די יונגע טאַלאַנטפֿולע יאַדזשאַ אַנדזשיעווסקאַ, שוישפּילערס ווי זעלווערױוויטש, די בינע האָט אויפֿגעלעבט מיט זײַן דערשיינען. די שוישפּילערס סאַמבאָרסקי, דאַמיענצי, וואַשטשעראָוויטש, ווענגערקאַ, ווענג־זשין, קרעטשמאַר, אָדער די פֿרויען, ווי וואַנדאַ סעמיאַשקאָוואַ, פּאָטאָצקאַ,

צוויקלינסקאַ; פון יינגערן פּוילישן דור שוישפּילערס־פּרויען, ווי מאַריאַ מאַליצקאַ, באַרשטשעווסקאַ, נינאַ אַנדריטש, מאַלינוווּנאַ, ראַמאַנוווּנאַ, אַפּגע־רעדט שוין פון אַ טאַלאַנט ווי אירענאַ אייכלער, וועלכע איז בשעתו אויס־געוואַקסן צו אַ טעאַטער־דערשיינונג ממש.

און אחרון אחרון, די באַרימטע יידישע שוישפּילערס, ווי זיגמונט און יאָנאַס טורקאָוו, מאַרעווסקי, סאַמבערג, אידאַ קאַמינסקאַ, זאַסלאַווסקי, אַלעקסאַנדער גראַנאַך, יוסף קאַמען, אַלעקס שטיין, לידיאַ פּאָטאָצקאַ און פיל פיל מייסטערס פון יידישן טעאַטער.

אירענאַ אייכלער

מיין ערשטע באַגעגעניש מיט דער פּוילישער שוישפּילערין

1.

אין די דרייסיקער יאָרן איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין לעמבערג. גאַנץ צופעליק האָב איך באַזוכט אַ פאָרשטעלונג, וועלכע איז דאַן געווען זייער פּאָפּולער: „פריילין דאָקטאָר" פון י. טעפּאַ, ווו עס ווערט פאָרגע־שטעלט דער אַוואַנטוריסטיש־דראַמאַטישער לעבנסוועג פון דער באַרימטער פּרוי־שפּיאָן אַננאַ מאַריאַ לעסער אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין דער הויפּטראָל האָט געשפּילט אַ יונגע שוישפּילערין אירענאַ אייכלער, אַ נאָמען וואָס איז פאַר מיר געווען לגמרי פרעמד.

זיצנדיק אויף דער פאָרשטעלונג, איינהערנדיק זיך אין דער האַנדלונג און באַטראַכטנדיק די שוישפּילערין, בין איך באַאיינדרוקט געוואָרן פון איר קרעאַציע, ממש סוגערירט פון יעדער סצענע אירער, פון יעדן באַוועג און מימישן אויסדרוק. איר אויפטריט איז געווען די שטאַרקסטע עמאָציאָנעלע און עסטעטישע איבערלעבונג אינעם טעאַטער זייט דאַן. כ'האָב דערשפּירט אין איר אַ טעאַטראַלע דערשיינונג.

די לויטערקייט פון וואָרט, די מעלאָדישקייט פון יעדן קלאַנג־ניואַנס האָבן געגרייכט צו די הייכן פון ווירטואָזקייט. זי האָט אויך געווירקט מיט איר פּרעזענטאַנץ און שאַרם.

די יונגע דעביוטאַנטקע האָט אין איר ביז גאָר פאַרשידנפאַרביקער ראָל אויסגעשפּילט, געפורעמט אין איין געשטאַלט אַ טוץ פאַרשידענע פונקציעס: די ראַפינירטע סאַלאָן־דאַמע, אַ פרוי אַ מרשעת, וואָס האָט ליב כּדי צו פאַרניכטן, אַ דינסט־מיידל, אַ באַרעמהאַרציקע שוועסטער א.אַ. אַט זעסטו ווי עס לעשן זיך פאַמעלעך די טעמפּע בליקן פונעם שטוב־מיידל און עס צינדן זיך אין אירע בליקן די קרענקלעך־פיבערהאַפטע רעפלעקסן פון פּחד; די שלעפעריק־פוילע באַוועגלעכקייט פון אירע אַקסלען וואַכן אויף ווי דער זעלבסטשוץ־אינסטינקט ביי אַ חיה, וועלכע דערשפּירט די לויערנ־דיקע סכּנה.

אירענאַ אייכלער האָט פאַרגעשטעלט אַ שפּיאָן אין זיין אָרעמער נאַקעט־קייט, דעם איינזאַמען מענטש, וואָס איז אָפּט געצוווּנגען צו האַנדלען קעגן זיין אייגענעם ווילן. זי האָט געוויזן די אינטימע מינוטן, בעת דער מענטש דורשט נאָך אמתער ליבע צו איינעם און מוז געהערן צו פיל, באַגערט רו און אַליין־זיין און מוז לעבן אַוואַנטוריסטיש און ענדיקן טראַגיש. אין קול־טיווירטסטע פאָרעם־פיינקייטן האָט די שוישפּילערין אַרויסבאַקומען דעם אינערלעכן געראַנגל פון יחיד, דעם ווידעראַנאַנד צווישן גלייכן געדאַנק און אויפגעצוווּנגענער געמיינקייט.

זייענדיק באַרוישט פון טיפער הנאה — האָב איך דערשפּירט אַ פאַר־לאַנג צו באַגעגענען זיך מיט דער שוישפּילערין אויג אויף אויג, געוואָלט קאָנפראָנטירן איר סצענישע געשטאַלט מיט דער צווייטער, נאַטירלעכער; זען זי אויסער דער טעאַטער־מחיצה. מיט אומגעדולד, אָן אַ לאַנגן ישוב־הדעת האָב איך באַשלאָסן גלייך אויף מאָרגן זי באַזוכן.

געוווּיר ווערנדיק אין דער טעאַטער־דירעקציע איר אַדרעס, האָב איך זיך געלאָזט איבער די גאַסן פון לעמבערג אויפזוכן איר וווינונג, כּדי צו זיין דער ערשטער, וואָס וועט „מגלה" זיין דער שוישפּילערין די פאַראַנענע אין איר אוצרות פון טאַלאַנט, וועלכע איך האָב אין איר אַנטפּלעקט יענעם אָוונט בעת דער אויפפירונג. מיינע טריט האָט מיט אימפּעט געטריבן אַ מין עסטעטישער „פיבער", אַ „פּאַטאָס־אַנפּאַל". די מחשבה מיינע האָט געיאָגט און געאַרבעט אין טעמפּאָ פון מיינע אייליקע טריט אויפן וועג צו איר.

דער דאָזיקער „שטורעם" האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביז וואַנען איך האָב זיך דערנענטערט צו דער גאַס פון איר וווינונג — שענקעוויטשאַ נר' 10. דאָ האָב איך פּלוצעם דערפילט אַ מין אָפּהאַלט. אַרויפשטייגנדיק אויף די

ווייסע מאַרמאָר־טרעפּ, וועלכע האָבן געפירט צו איר טיר, האָב איך פאַר־לאַנגזאַמט מיינע טריט, אַ ווילע זיך פאַרהאַלטן און אַ געדאַנק, ווי אַ בליץ, איז אַדורך דורכן מוח: אפשר זיך גאָר אומקערן? נאָר אַ דריק אויפן קנאָפּ פון דער טיר האָט פאַרענדיקט די ספקות...

— צו וועמען? — האָט געפרעגט דאָס שטוב־מיידל.

— צו פריילין אייכלער — האָב איך אַרויסגעשטאַמלט.

— איין ווילע, ביטע.

פאַר מיר — אַ צאַרטע יונגע פרוי, איינגעהילט אין מאָרגן־ראָק. אַ מידע שטים האָט געפרעגט:

— איר זייט צו מיר?

האַלב נישט־געאָרדנטע ווייך־בלאָנדע האָר זענען נאָכלאָזיק געפאַלן אויף איר פּנים. פון אונטער דעם דאָזיקן סודותדיקן געוועב פון אירע האָר האָבן אָפּערגעקוקט נאָך דרימלענדיקע אויגן, אָקערשט פון שלאָף אויפגע־וואַכטע. ערשט איצט האָב איך זיך געכאַפּט, אַז מיין וויזיט איז נישט אין דער פאַסיקער צייט — אַפילו זיך נישט געפרוווט פאַרענטפערן.

איז זי דאָס די זעלבע — האָב איך געטראַכט — וועלכע כ׳האָב נעכטן אין אָוונט אַזוי באַוווּנדערט, מיטגעלעבט? איז זי דער אייזערנער באַפעלער, די, וועלכע האָט אינטריגירט, פאַרפירט, אָן אָפּהאַלט פאַרניכטעט, געליבט און געליטן? איז דאָס מילד־פאַרטרוימטע מיידלשע געזיכט דאָס זעלבע, וועל־כע מיר האָבן געזען אין דער לעצטער סצענע, בעת זי געפינט זיך אין נערוון־היילאַנשטאַלט אָן איינזאַמע, פאַרלאָזענע, צעבראָכענע, וועמענס געזיכט, ווי אָן אויסגעצויגענע פּרוכט, בעט זיך אין קראַמפּהאַפטע יסורים מען זאָל איר געבן אַ דאָזע מאָרפיום? כ׳האָב איצט אין איר געזיכט גע־זוכט יענע שפּורן פון צעטרייסלטע נערוון־קאָנוואַלסיעס, ווען איר געשטאַלט אַנגאַ מאַריאַ זאַמלט די לעצטע כּוחות און שליידערט דעם אייזערנעם קרייץ — אויסרופנדיק מיט ווירדע: „מיין געזונט גיט מיר צוריק!"

געווען עפּעס ענלעכס איןביידע געזיכטער. די זעלבע שאַרפע ברעמען־פיילן האָבן געצייכנט די שיף־געהויבענע ווינקלען־זייטן פון אירע אויגן; דער זעלבער הויכער, קלוגער שטערן; דער זעלבער קילער בלוי לויטערט אין אירע בליקן, אָן ערנסט — וועלכער דיסטאַנסירט און איז אייגנצייטיק אַזוי אינטים־נאָענט.

אויפן וועג צו איר האָב איך געזוכט דאָס פּאַסיקע וואָרט, כּדי ווי

געהעריק צו דעפינירן מיין באַגייסטערונג פאַר איר שפּילן, פאַר איר זעל־טענעם טאַלאַנט. און דאָ, פּלוצעם, ווי איינער וועלכער וועקט זיך אויף פון שלאָף און מיט אַ מאָל פאַרשווינדט פון זכרון יעדער שפּור פון חלום. פון מיין מוח איז נעלם געוואָרן דאָס אַלץ, וואָס כ׳האָב זיך געגרייט איר צו זאָגן וועגן איר טאַלאַנט, דער קרעאַציע און נאָך און נאָך — בין איך קעגנאיבער איר געשטאַנען איצט ווי אָן לשון. נאָך אַ ווײַלע שווייגן, וועלב־דיק וואָס שנעלער פּטור ווערן פון מיין אומגעלומפּערטן וויזיט, האָב איך אַרויסגעזאָגט איניקע קאָנווענציאָנעלע לויב־ווערטער, אַז: כ׳זע אין איר דאָס גרעסטע געווינס צווישן יונגן שוישפּיל־דור פאַרן פּוילישן טעאַטער, פאַרזיכערנדיק איר — אַז זי וועט זיין די באַרימטסטע שוישפּילערין און צוגעבנדיק, שוין מיט זעלבסטזיכערקייט, אַז איך וועל זיין דער ערשטער צו שרייבן וועגן איר אַ קינסטלערישע מאָנאָגראַפיע...

שטוינונג און אַפילו סימנים פון געריזטקייט האָט זיך געמערקט אויף איר געזיכט. אין צוריקגעהאַלטענער באַשיידנקייט האָט זי מיט דאַנקבאַר־קייט געבויגן איר קאָפּ, ווי אַ שילערין פאַר איר לערער. אינעם צופרידע־נעם שמייכל פון איר געזיכט איז געווען צו זען אַ שמץ פון סקעפּטיק.

— ריכטיק — האָט זי צוגעגעבן — די אויפפירונג האָט דערפאָלג.

— דער דערפאָלג איז אייער טאַלאַנט.

כ׳האָב געדריקט איר שמאָלע ווייסע האַנט. מיר האָבן זיך געזעגנט.

*

2.

אַ ווונדערלעכע געשטאַלט האָט זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקט מיטן דער־שיינען פון אירענאַ אייכלער אויף דער פּוילישער טעאַטער־בינע. אַן אמת גאָט־געבענטשטער טאַלאַנט פון הויכער קינסטלערישער מדרגה, פון גרויסער קולטור.

פונעם ערשטן אויפטריט אירן האָט די טעאַטער־וועלט, דאָס פּובלי־קום, ווי די קריטיק, דערזען אין איר די לאַנג דערוואַרטע קינסטלערין פונעם ייִנגערן פּוילישן שוישפּילער־דור. זי האָט מיט זיך געבראַכט דאָס

העכערע, געלייטערטע אין דער טעאַטער־קונסט. איר כּוח איז באַשטאַנען סיי אין איר אינטויִטיווער שאַפונגס־קראַפט, אין דער ערנסטער באַציִונג צום באַרוף, ווי אין איר אינטעליגענץ.

דאָס כאַראַקטערפּולע פאַר אַלע געשטאַלטן אירע איז — די אוממיטל־באַרקייט, דרייסטקייט. די געשטאַלטן באַקומען זיך אין דער פולער שלימות פון כאַראַקטער און עס צייכנט זיי אַן עסטעטישע פולווערטיקייט. ווער קען וויסן מיט וואָס צו דערקלערן דעם סוד פון דער קינסטלערישער סוגעסטיע?

די ווונדערבאַרע דראַמאַטישע שוישפּילערין פּרעזענטירט זיך מיט איר געשטאַלט, שיין געזיכט, הגם זי געהערט נישט צו די אַזוי גערופענע רעגולערע שיינקייטן, פאַרמאָגט נישט קיין גריכיש — אָדער רוימיש־קלאַסישע געזיכט־שטריכן. זי איז שוישפּילעריש שיין — אַ צויבער וואָס צווינגט צו דיסטאַנס און באַציִונג. זי פאַראייניקט אין זיך מילדן הומאָר און לייכטע איראָניע.

מיר זעען זי אין אַ פילפאַרביקער טיפן־רייכער גאַלעריע פון גע־שטאַלטן: אַלס שטורמיש־אַוואַנטוריסטישן שפּיאָן, דאָרפיש פּרימיטיוו מיידל; וועלט־דאַמע; אַריסטאָקראַטקע און קעניגין; אַלס קרבן און אַטענ־טאַטאָרין; אַלס צאַרטע יונגפרוי און ראַפינירטע שאַנטאַזשיסטקע, אין גע־שיכטלעכע און לעגענדאַרע קרעאַציעס אין דער קלאַסישער און פאַמיליען דראַמע. אומעטום פאַרשידן, יעדע קרעאַציע פאַרמאָגט איר וועלט, אייגן לעבן, באַזונדערע אַטמאָספער און געמיט.

זע איך זי שפּעטער אַלס שימענאַ אין „סיד" פון קאָרנעיל. אין גע־שפּאַנטער באַהערשטקייט, עקסטאַטישער קאָנצענטרירונג, וואָס קומט פאָר ווי צו זיין אַ דיאַלאָג מיט זיך אַליין. מיר האָבן דעם איינדרוק, אַז זי הערט זיך אין אינעם שטורעם פון איר אייגענער נשמה. די שטאָלצע שימענאַ איז עקשנותדיק און צערטלעך, גלייכלייניק־ערלעך און צאָרנדיק. מיר לעג־קען אונדזערע בליקן, הערן זיך איין ווי זי אייניקט אינעם טעמפּאָ פון דינאַמישער עקספּרעסיע דאָס עמאָציאָנעלע־באַוועגלעכע מיטן סטאַטיש־פּאַטעטישן. אין זאָל הערן זיך באַמערקונגען, „זעט, זי וויינט אויף אַן אמת".

טרערן פאַלן פון די וויִעס איינציקווייז אויף אירע באַקן. איר עקסטאַז איז פריי פון אָנשטעלערישקייט, פון קינסטלערישן טראַנס. אָדער איר קרעאַ־ציע אין „אַטענטאַט אויפן מיניסטער" געשפּילט מיט סטעפאַן יאַראַטש, ווו די אייכלער דערהייבט אַ האַלב־דעטעקטיוו ראָלע צו דער מדרגה פון

אַ פסיכאָלאָגישן פענאָמען. זי טראָגט אויף זיך אַלע שפּורן פון דער פאַר־שידנאַרטיקסטער פאַרברעכער־וועלט.

כ׳פיל אויף זיך נאָך אירע טיף צעשראָקענע בליקן, אויפגעהויבענע ברעמען, אָנגעשטרענגט בלאָס געזיכט. מיר זעען אין איר אַ מערדערין, וועלכע האַלט פאַר אומבאַפלעקט איר געוויסן, וועלכע פאַרזיסט איר געמיט דורך טויטן די געמיינקייט, שטילט אירע לײַדן אינעם בלוט פון די זינ־דיקע. אַ שפּילעוודיק נערוועזער ציטער אויף אירע דעליקאַטע ווייסע הענט, אין די בליקן דער טראַגישער געראַנגל צווישן האַס און ליבע, געמיינהייט, הינטערליסטיקייט און רחמנות. אין איר שטים איז יעדער געמיט־צושטאַנד. מאָמענטנווייז קלינגט איר שטים קרעפטיק, ווי זי זאָל וועלן פאַרשרייען דעם אייגענעם איך; באַלד ווידער מיד, געבראָכן, הייזעריקלעך רעדט זי אַרויס אָפּגעריסענע איינצלווערטער, בעת ס׳באַהערשט זי דער אומווילן ווייטער צו ראַנגלען זיך מיט דער געהיימעניש פון איר טאַט.

אַלימפּיש האָט זי אויסגעזען אין „יהודית״ פון זשיראַנדוי. ווי אַ געטין פון מאַרמאָר אויסגעהאַמערט האָט זי אויסגעזען אין דער סצענע, ווען זי, יהודית, דערשיינט מיט איר ליבע־הימען — אַ הימען וועגן דער יונגפרויִיש־קייט. אָדער דער מאָמענט ווען יהודית רייסט אַרונטער דעם הייליקן שלייער פון לעגענדע, לעסטערט די איר סוגערירטע פון די כהנים „השגחת הבו־רא״. זי דערציילט דעם אמת, אַז נישט קיין הייליקע, נישט קיין מאַרטירע־רין איז זי, נאָר אַ זינדיקע פרוי, וועלכע די לײַדנשאַפט האָט זי געפירט אין די געזעלטן פון האָליפאַרנעסן.

די לעצטע קרעאַציע מיט דער אייכלער וועלכע איך האָב געזען, איז געווען אין „מאַדאַם סאַן זשען״ פון וו. סאַרדוי אין „טעאַטער לעטני״ אין וואַרשע. דאָס איז אויך געווען איר לעצטער אַרויסטריט פאַרן אויסברוך פון פויליש־דייטשן קריג.

דאָס איז געווען פון די בעסטע קרעאַציעס אירע, אין דער ראָל אַלס וועשן־מיידל פון אַ פאַריזער פאָרשטאָט, וועמענס געשטאַלט וואַקסט אויס אין געזאַנג פון דער מאַרסעליעזע, אינעם הילכיקן קנאַלן פון ביקסן־שיסע־רייַ, גלייך פונעם קעלער אַרויס צו דער באַסטיליע.

דאָס וועשן־מיידל האָט זי געצייכנט אין אַלע וואַריאַנטן פון איר סאָ־ציאַל־וועזנטלעכן זין, אַרויסהויבנדיק די ווערטן און ערן־געפיל פון די „אונטערשטע שיכטן״, ביי וועלכע דער צאָרן איז אויסגעבראָכן צו רעוואָלט.

אומפאַרגעסלעך איז דער מאָמענט ווען זי שטייט אין קאָנפראָנטאַציע מיט דער ניי־געבוירענער אַריסטאָקראַטיע, וועלכע שפּאָט אויס אירע באַוועגונגען, ווילן זי לערנען „גוטע זיטן". עס הערן זיך דאַן צוויי ווער־טער, וועלכע שניידן זיך איין ווי אַ מעסערשאַרף: „לאָזט דאָס איבער פאַר מיר", מיט איין בליק האָט זי טויט־געשלאָגן די גאַנצע סאַלאָן־אַטמאָספער.

אָדער דער מאָמענט, ווען זי שטייט פאַר נאַפּאָלעאָנען אין אַ פּאָזע פון אַ זיגער, ראַפּאָרטירט אים איר אַנטייל אין די קאַמפן. זי זעט אויס ווי אַ הויפּט־קאָמאַנדיר אין דער רעוואָלוציע. אין אַ ווײַלע באַווײַזט זיך אויף איר געזיכט ווידער אַ צאַרטער שמייכל, סובטעלע קאָקעטעריי, זי דערנענטערט זיך צו נאַפּאָלעאָנען און רוקט אים אונטער אַ חשבון פאַר דער נישט באַצאָלטער וועש און געלאַטעטע העמדער, פאַר וועלכע נאַפּאָלעאָן איז איר שולדיק געבליבן.

*

יעדער מענטש פאַרמאָגט זיין באַליבטן דיכטער, שרייבער און קינסטלער. זי איז געוואָרן מיין באַליבטע שוישפּילערין. מער קיין מאָל זיך נישט באַ־פרייט פון דער סוגעסטיע. אינעם ריטם, טיפן זינלעכן טעמבר פון איר שפּראַך, איז זי פעיִק געווען אויסצושרייען, אויסוויינען, אויספּליסטערן פון דער העכסטער אָקטאַווע ביזן פּאַטאָס פון שוויגן.

פעיִק געווען צו צערטלען, גלעטן מיט סאַמעטענער ווייכקייט און קאָלאָריזירן דאָס וואָרט; אַרויסברענגען דעם אינערלעכן רייץ פון דער פּרוי, איר צאַרטע שמערצלעכקייט, אינטעלעקטועלע דיסקרעציע פון ליידן. קרעפּ־טיק, זאַפּטיק, פול און דראַמאַטיש איז געווען איר שטים, מיט לייכטקייט איבערגעגאַנגען פון מעטאַל־קלאַנג ביז אַ ניואַנס פון אַ שעפּטש. פליסיק, דינאַמיש, העל. ווי מוזיק האָט געפּישופט איר וואָרט, דער ריטם פון טאָן האָט זיך פאַראייניקט מיטן ריטם פון האַרצקלאַפּ. אירענאַ אייכלער איז פאַר מיר געוואָרן דער סינאָנים פון עכטער שוישפּיל־קולטור. אפשר האָט זי אינספּירירט און צום לעבן געבראַכט די אין מיר פאַראַנענע ליבשאַפט און באַציִונג צו דער טעאַטער־קונסט.

ווי נאָר מעגלעך האָב איך דערנאָך נאָכגעפאָלגט יעדן טעאַטער־אויפ־

טריט אירן אין פוילישן טעאַטער אין וואַרשע, אין „נאַראָדאָווי״, „פּאָלסקי״, ווי אויך אין „אַטענעום״ צוזאַמען מיט סטעפאַן יאַראַטש. געזען זי אין אירע וויכטיקסטע קרעאַציעס. זי איז ווירקלעך באַרימט געוואָרן אַלס איינע פון פוילנס גרויסע שוישפּילערס.

און איך האָב געהאַלטן וואָרט. אין 1939 איז דערשינען מיין בוך „אירענאַ אייכלער״, וועגן וועלכן י. מ. ניימאַן האָט בשעתו צווישן אַנדערן זיך אויסגעדריקט: „נישט אַנדערש נאָר דער מחבר איז פאַרליבט אין דער שוישפּילערין״. צום באַדויערן איז אויפן גורל פון מיין בוך אויסגעפאַלן, ווי י. ראַפּאָפּאָרט האָט געשריבן — צו זיין דאָס לעצטע יידיש דערשינענע בוך אין פוילן פאַרן חורבן...

די ערשטע קרעאַציע אירע אין באַפרייטן פוילן, נאָך איר צוריקקערן זיך פון בראַזיל, ווו זי האָט זיך אויפגעהאַלטן אין דער צייט פון מלחמה איז געווען — זשאַן ד׳אַרק, אויף דער וואַרשעווער בינע. אַ ווונטש וואָס איך האָב אויסגעדריקט אינעם לעצטן קאַפּיטל פונעם דערמאָנטן בוך.

נישט אויסגעקומען מיר זיך צו טרעפן מיט איר מער, ווידער צו באַוווּנדערן איר שוישפּיל, איינהערן זיך אין דער מעלאָדישער שפּראַך, פילן אויף זיך די לויטערקייט פון אירע בליקן. נאָך אייניקע פּרווון צו קומען קיין ישראל אויף גאַסטראָלן מיטן פוילישן טעאַטער, וואָס איז נישט צו שטאַנד געקומען, האָט זי מיר געשריבן: „און דאָך פאַרליר איך נישט די האָפענונג, אַז מיין אויפטריט ביי אייך וועט צו שטאַנד קומען״.

יוסף בולאָוו

דאָס איז נישט קיין יובל־אַרטיקל, נישט קיין אָפּהאַנדלונג איבער אַ לאַנגן וועג פון אַ שוישפּילער פון דער יידישער בינע, אָנהויבנדיק פון דער ווילנער טרופּע ביז זיין שוישפּיל־טעטיקייט אין אַמעריקע, אויף דער יידי־שער און ענגלישער בינע.

כ׳וויל נאָר ברענגען אייניקע שטריכן, וועלכע זעען מיר אויס צו זיין אייגנטימלעך פאַר יוסף בולאָוו.

בולאָוו דאַרף באַצייכנט ווערן אַלס ווירטואָז אין דער טעאַטראַלער

קונסט. ער קאָנצערטירט שוישפּיל. מיט דער רחבות פון זיינע שוישפּיל־אינסטרומענטן איז ער פעיִק צו צערטלען וואָרט, שאַפן שטימונג, אָנגעבן געמיט, אַרויסהויבן די לײַדנשאַפטן ביי זיינע העלדן, פאַראייניקן זיך אָן גרענעץ מיט זייערע טיף־אייגנאַרטן.

בולאָוו פאַרקערפּערט דעם וועזן פון העלד אין דער פשטות פון דער־ציילערישער פאָרעם־גראַציע. ער דערציילט אונדז די געשטאַלט. זיינע שוישפּיל־מעגלעכקייטן צייכענען זיך אָן אין די ראַפינירטסטע קולטור־פיינקייטן ביים אַרויסהויבן וואָרט און באַוועגונג. דער זאַץ פון טעקסט באַ־קומט חיות, נשמה בעת בולאָוו באַלעבט אים מיטן הויך פון זיין טאַלאַנט. עס לעבט יעדער האַלב און פערטל טאָן פון קלאַנג.

בולאָוו פאַראייניקט אין זיך דאָס רעאַל־צאַפּלדיקע אינעם טיף — מיט זיינע געפילן און עמאָציעס, מאַכנדיק דערביי דעם איינדרוק פון פרייער אימפּראָוויזאַציע — דאָס איז זיין סטיל.

ס׳באַקומט זיך דער רושם, אַז בולאָוו אידענטיפיצירט זיך, ענטוזיאַז־מירט זיך מיט זיין העלדס דראַמע, מיטן קאַפּריז פון יענעמס גורל. בולאָוו באַהערשט דאָס וואָרט און ווערט באַהערשט פון וואָרט. ער מאַנעווורירט געשיקט מיט זיין שפּראַך־אינסטרומענט, האָט ווי הנאה פון ווידערקלאַנג פונעם אַרויסגעבראַכטן וואָרט.

בולאָוו איז דורכויס ליריש. ער דיכטעט וואָר און מאַכט רעאַל־וואָר־שיינלעך דעם טרוים. זעגנען טאָקע זיינע העלדן באַפליגלט מיטן אומרו און צו גלייך מיט דער שלווה פון זיין פּאָעטישן געמיט. אין דערציילערישן אופן ביים איבערגעבן אַ טעקסט טראָגט זיך לעגענדע; משל און נמשל דרינגען אַרויס פון יעדן אַרויסגעבראַכטן זאַץ.

דער אינערלעכער ניגון, די קראַפט פון שוישפּילערישער וויזיע, שטעלן אים איבער וואָרט, באַפרייען אים פון מחבר. דער געשפּילטער העלד ווערט ווי איבערגעבוירן אין זיין דמיון. אַ דינער פאָדעם פון גייסטיקער עלעגאַנץ שנירלט זיך אַדורך דורך יעדער קרעאַציע. דאָס איז די אייגנאַרט פון זיין שוישפּילערישער עמפּינדלעכקייט.

מיט פאַרגעניגן הערן מיר ווי בולאָוו ווערט באַגייסטערט מיט דער תפילה פון זיין קונסט בעת ער טרערט אויס יעדער אות. זיין לויטערער, מילדער טאָן פאַרוועבט אים האַרמאָניש מיט דער לייכטקייט פון זיינע באַ־וועגונגען, מיט זיין יעדן גרימאַס.

געגוג נאָר צו דערמאָנען בולאָווס טוביה, וועלכער שפּאַסט מיטן גורל ציניש, גוטמוטיק, אין טיפער אמונה. מיט אַ סך געדולד טענהט ער זיך אויס מיט גאָט, גאַרנישט ווי אַן אונטערטאַן, נאָר ווי מיט זיינס גלייכן, אַ מיטשותּף צו דער וועלט. ווער געדענקט נישט די סצענע מיט דער טויטער גאָלדע אויף דער פּור. ער זיצט איר אַנטקעגן — מיינענדיק אַז זי לעבט — און אימפּראָוויזירט איר זיין הייליקן ליגן. ער דערציילט גאָלדען זיין חלום וועגן יענער וועלט. וויפל דראַמאַטיק איז פאַראַן אין מאָמענט, ווען טוביה בייגט טיף זיין קאָפּ. ביידע הענט פאַר זיך אַראָפּגעלאָזט שווער, ווי פאַר אַ תהום.

בולאָוו רעדט שילדעריש און שילדערט בילדעריש־פּלאַסטיש, פאַר־מאָגט די אייגנשאַפט פון רעקאָנסטרויִרן דאָס, וואָס ווערט אין דער יורידי־שער טערמינאָלאָגיע באַצייכנט „די לאָקאַלע וויזיע" פון אַ באַשטימטער סיטואַציע און געשעעניש. זיין שפּראַך, די אויסשפּראַך, זיין יידיש־לשון איז זאַפטיק, לייכט, ניואַנסרייך, העל, וואָס ווירקט מיטן פילפאַרביקן אָפּשיין פון וויטראַזשן.

גרעטאַ גאַרבאָ

עס איז אַן אומגעהויערע איבערלעבונג, נאָך אַזוי פיל יאָרן, ווידער צו זען גרעטאַ גאַרבאָ אין אירע ערשטע פילמען. עס באַהערשן שטימונ־גען, רעפלעקסן פון יענע פאַרגאַנגענע טעג. פאַראַן דאָס געפיל ווי מיר וואָלטן וועלן קאָנפראָנטירן אונדזער זכּרון, קאָנפראָנטירן דאָס פאַרגע־דענקטע מיט יעדער סצענע און סיטואַציע, און ווירקלעך, עס שטימט: יעדער ניואַנס איז ווי מיר געדענקען אים. אַזוי טיף איינקריצן זיך אין זכּרון און אין געפיל קענען נאָר קרעאַציעס פון שוישפּילערס וואָס זע־נען אין דער מדרגה, ווי גרעטאַ גאַרבאָ.

מיר האָבן פאַרמאָגט גרויסע שוישפּילערס, אפשר נישט פון קלענערער באַדייטונג ווי גרעטאַ גאַרבאָ, קיינער אָבער האָט נישט דערגרייכט צו די הייכן פון אייגנאַרט, צום וווּנדערלעכן צויבער, וואָס באַגלייט איר פּערזענ־לעכקייט. גרעטאַ גאַרבאָ איז אַן איינמאָליקע דערשיינונג אין אַ דור, אַ סינאָנים פון גייסט־אַריסטאָקראַטיע אין דער שוישפּיל.

אַנדערש פון אַלע איז זי. אויך איר שיינקייט איז אַנדערש. זי פֿאַר־מאָגט אפשר נישט די פּראָוואָצירנדיקע אַקסלען פון זשאַן קראָפאָרד, די פּיס פון מאַרלען דיטריך; זי רעדט נישט מיטן סעקס פון רויע ליידנשאַפטן און פרעכער לוסט. איר שיינקייט אָבער איז באַהויכט מיט סובלימירטע פיינקייטן פון צאַרטער עראָטיק. די צניעות און נאָבלקייט פון איר זינלעכ־קייט פאַרמאָגט יענע פרישקייט און דעם אַראָמאַט פון אַ פונאַנדערגעבלי־טער בלום.

עס דיסטאַנסירט פון איר אַ ספּערישע מחיצה. ווי אַ נעץ פון אַ נעפּל־געוועב שאָטנט דעם פּערל־מאַטן אָפּשיין פון איר געזיכט. זי שטראַלט מיט לויטערקייט, סובטעלקייט, וועלכע צייכענען יעדן מוסקול־שפּיל, יעדע מימישע וויבראַציע אירע. אירע אויגן־דעקלעך, די וויִעס, וואַכן־אויף ווי פון טראַנס. אין זיי איז צו זען טרוים, טרויער, בענקשאַפט און טרייסט. אין איר שמייכל איז פאַראַן געבראָכענע צאַרטקייט, שמערצלעכער מיטלייד און מלאכישקייט. אַ ניואַנסרייכע גאַמע פון ליכט און שאָטן שפּילט זיך פונאַנדער אין דעם סודותפולן אויסדרוק פון איר געזיכט. עס פּישופט מיט חנען, ווי אינעם אָפּשיין פון אַן איידלשטיין.

די הויט פון איר געזיכט פאַרמאָגט עפּעס, וואָס דערמאָנט די שטוי־בעלעך, וועלכע באַדעקן דעם שמעטערלינג, ווען יעדער באַריר קען צע־שטערן די שיינקייט פון דער דאָזיקער קאָלירן־האַרמאָניע.

ביי אַלעמען ווירקט זי אַזוי דירעקט, אוממיטלבאַר; איר זענען אייגן די רעאַליסטישע עקספּרעסיעס. זי איז שפּאָרזאַם, באַשיידן, רעדט נישט הויך, וויינט שטיל, דריקט זיך אויס אינעם פולן מאַיעסטעט פון באַהערשט־קייט, אינעם פּאַטאָס פון שווייגן. זי פאַרמאָגט דעם כּוח פון קענען נייטראַ־ליזירן, לעשן די ליידנשאַפטן, עקזאַלטירן זיך פון האַנדלונג און סיטואַציעס, זיך טראַנספיגורירן צו דער אידעאַלסטער זעלישער מדרגה. און פּונקט ווי איר שיינקייט און עלעגאַנץ זענען פריי פון עפעקט, אַזוי איז איר שפּילן פריי פון עפעקט.

מיר טרעפן גרעטאַ גאַרבאָ אין סאַלאָנען, אין צענטער פון אויפמערק־זאַמקייט. מיר זעען זי אַן איינזאַמע, ערגעץ ווו אַרומבלאָנקען ביי בלאַסער לבנה־שיין. זי אַליין איז געמיט, אַטמאָספער, ניגון און ריטם. די העלדן לעבן אין איר זעלישן זכות. מיר באַגעגענען זי אין גערטנער צווישן גראָזן און בלומען, אַ צעשמייכלטע, מילדע, גרייט ווי צו אַ שוועב טאָן אין די

הייכן. אין די ווייכע רונדונגען פון אירע באַוועגונגען איז פאַראַן מנוחה, שלווה; אירע גלאַטע האָר פאַלן אויף די אַקסלען. אַ לייכט ווינטל גלעט זיי, ווייעט זיי פונאַנדער. זי איז די אידיליע פון שיינקייט און גייסט פון טרוים און וואָר. זי רייסט נישט מיט מיטן שטורעם פון איר טעמפּעראַ־מענט, זי באַומרויִקט מיט איר שלווה, זי איז די מאַדאָנע פון שוישפּיל, ווי מ׳פלעגט זי רופן — „די געטלעכע גאַרבאָ״. אַזאַ איז זי אַלס אַננאַ קאַרענינאַ און אַלס מאַטאַ האַרי, אין „קאַמעליען־דאַמע״, אַלס קריסטינאַ, די קעניגין פון שוועדן און אין פיל אַנדערע פילמען.

גרעטאַ גאַרבאָ האָט געפּילט און פאַרשטאַנען ווען אויפצוהערן, אפשר אַ ביסל צו פרי. אָבער בעסער פריִער ווי צו שפּעט.

זי האָט נישט געוואָלט אין אונדז און אין זיך אַליין צעשטערן דאָס וווּנדער־שיינע, מיט וועלכן זי האָט אונדז באַשאָנקען.

גרעטאַ איז אַנטשוויגן געוואָרן, געגומען אויף זיך דעם עול פון אָפּ־געזונדערטקייט. אפשר דויערט דערפאַר דער טרוים — אַ טרוים פון יענע פרילינגס־טעג, וועלכע זענען נאָר איין מאָל אין אַ לעבן.

אפשר שטייט זי אַן איינזאַמע ביי אַ קאַסע פון אַ קינאָ, וואַרט ווי אַלע אין דער ריי צו קויפן אַ בילעט, זען אַ פילם מיט גרעטאַ גאַרבאָ, ווידער זען זיך אַלס פירשטין, קעניגין, שפּיאָן אָדער ליבהאָבערין.

אפשר גאָר זיצט זי נעבן היינטערשטאַטישן טייך, פאַנגט פישעלעך גאָלדענע, וואַרפט אַ שטיינדל אין טייך, בליקט אין די טיפן פון די פונאַנ־דערגעוויגטע געבראָכענע קרייזן פון וואַסער־שפּיגל?

מאיר מרגלית

ווי גערן און ווי זעלטן מיר לאַכן. איינע פון די לייכטסטע זאַכן איז אַרויסרופן ביי עמעצן טרויער. די טרער איז עמפּינדלעך. זי באַווייזט זיך אויך ביי דער קלענסטער אָנרעגונג פון דער עמאָציע.

שלעכטע שוישפּילערס פאַרמאָגן נישט קיין הומאָר. מיטלמעסיקייטן

מאַכן זיך לעכערלעך און יענעם צו נאַר. נאָר עכטע קינסטלערס פאַרמאָגן געמיט און הומאָר, זיי רופן אַרויס הומאָר ביי צווייטע.

די דראַמע, ווי באַוווּסט, באַשטייט פון דער טראַגעדיע און קאָמעדיע. צוויי פּאָלוסן, וועלכע דערנענטערן זיך אינערהאַלב דער דראַמע אין דער פאָרעם פון דער טראַגי־קאָמעדיע. די טראַגיק געבוירט אויך אינעם תּוך פון קאָמעדיאַלן ווי די פאַרשאַרפטע פאָרעם אינעם פּראָצעס פון דער דראַמע.

ווייל מען עמעצן גרינגלעך ווייטאָן, באַליידיקן אין יענעם זיינע גע־פילן און כּבוד, קען מען דאָס דערגרייכן מיט אַ קוים באַמערקבאַרן חוזק־שמייכל, איראָנישן גרימאַס. דער ביטול־בליק, גאַליקער שפּאַס, זענען פיל שמערצלעכער ווי דער פּאַטאָס פון ערנסט. שפּאַס צילט און טרעפט, ווי די שאַרף פון שפּיץ שווערד. נישטאָ קיין שווערער זשאַנער אין דער דראַ־מאַטיש־טעאַטראַלער קונסט, ווי די קאָמעדיע. וואָס מיינט זיין קאָמיש, קאָמישע סיטואַציע, ווען רופט אַ בילד, אַ סצענע אַרויס געלעכטער ביי אונדז? דאָס מיינט יעדע סיטואַציע, וועלכע איז אויסער די ראַמען פון נאָרמע, אויסער די געזעצן צו וועלכע מיר זענען צוגעוווינט.

די טראַגי־קאָמיק אין דער שאַפונג איז די פאַראייניהייטלעכונג פון דאָזיקן פּראָצעס. טשאַפּלינס מענטשן, זייערע סיטואַציעס רופן אַרויס טראַ־גישקייט און קאָמישקייט גלייכצייטיק. טשאַפּלין גענעראַליזירט צופאַל און עפּיזאָד צו כאַראַקטער־וועזן וואָס פירט אין רעאַליטעט צו קאַפּויערע פּראָ־פאָרצן און דאַן אַנטשטייט דאָס קאָמישע. קייטאָן איז קאָמיש אַלס פועל יוצא פון צוגעשפּיצטער הגזמה פון טראַגיזם. מען טאָר נישט פאַרמישן צוויי באַגריפן און טאַטזאַכן ווי קאָמיש און לעכערלעך, מען קען אָפּלאַכן און ווערן אויסגעלאַכט. מען קאָן לאַכן פון יענעמס געלעכטער און לאַכן פון יענעמס לעכערלעכקייט. מיר לאַכן פון די טיפן ביי דעני קיי, ווייל זיי קומען זיך אַליין פאָר לעכערלעך אַאַז״וו.

צענדליקער ניואַנסן זענען פאַראַן, וועלכע האָבן זייער אָרט אין דעם באַגריף קאָמעדיע. די פּראָפּאָרצן פון די טראַגישע און קאָמעדיאַלע עלע־מענטן דעצידירן און באַשטימען דעם כאַראַקטער פון זשאַנער אין דער דראַמאַטישער שאַפונג און כאַראַקטער פון שוישפּיל.

אפרים שרייער

✶

אינעם ישׂראלדיקן טעאַטער איז מאיר מרגלית פון די איינציקע כאַראַק־טער־קאָמיקער פון דראַמאַטישער מדרגה און טעאַטראַלן פאַרנעם. די עיקר־עלעמענטן, וועלכע באַגלייטן זיין קאָמיזם זענען גראָטעסק, סאַרקאַזם און דינער שאַרזש. ווי יעדער עכטער קאָמיקער איז מרגלית נישט קיין פּאַרוויילער, בדחן אָדער קאָנפעראַנסיער, ער איז נישט קיין וואָרט־זשאָנג־לער, נישט קיין וויצן־דערציילער, וואָס איז באַהאַוונט אין דער טעכניק פון „לייגן דעם טראָפּ" אויף וואָרט־אַקצענט, ער איז דער סטראַטעג פון טעקסט, טאָן און סיטואַציע. ווי אַ קאָמיקער מאַכט זיך מרגלית נישט צו נאַר, איז נישט קיין לץ. זיין סאַרקאַזם און ציניזם זענען קאָנסטרוקטיוו־שעפעריש, פאַרבונדן מיט דער אינערלעכער לאָגיק פון דער קאָמעדיאַלער קאָנסטרוקציע און אידעיִשע טענדענצן. זיין סאַרקאַזם דרינגט מער פון זיין שוישפיל־פּאַרעם ווי פון מאָטיוו. דאָס איז ביי אים צו מערקן הויפּטזאַכלעך אינעם טאָנירן טעקסט־ראָלן, ווי אין קלאָמערן גערעדט.

דער סאַרקאַזם פירט אים נישט צו נעגאַציע און בייזוויליקייט, ער אַטאַקירט נישט, איז נישט אָפּשפּעטעריש, נישט אָנגרייפעריש, ער איז מילד, שפּאַסיק, ער גיט זיין קלוגן פּירוש צו אַן אומגעלומפּערטער סיטואַ־ציע, אָדער טיפּ. כאַראַקטעריסטיש פאַר מרגליתן איז דער יידישלעכער קידער־ווידער פון חדר־ייִנגל, ווי זאָגט מען? „שפּיל דעם חתן וויינענדיק און ער האָט זיך זיינס אין זינען".

מרגליתעס הומאָר איז אינעם יסוד פון זיין געמיט, אינעם געזיכט, אין די פריילעכע, גוטמוטיקע בליקן, אין דער לענגלעכער אונטערנאָז־ליניע. אין יעדן שפּור פון גרימאַס איז פאַרבאָרגן דער רייץ פון זיין קאָמיזם.

מרגלית פאַרשטייט אַפילו צו פאַרוואַנדלען נויט אין טוגנט. אין דער אויסשפּראַך זיינער איז פאַראַן אַ פונקציאָנעלער דעפעקט, צווישן דער צונג און גומען אָדער פאָדערשטע ציין, נוצט ער דאָס אויף אַ גלענצנדיקן אופן לטובת די פאַרשיידנסטע אויסדרוק־וואַריאַנטן פון וואָרט. אויך דאָס טראַגיש־קאָמישע ביי אים איז אַן סענטימענטאַלן צושמעלץ, אָן מיטלייד־קאָמפּלעקס. ער איז נישט קיין אויסגעשפּילטער פון די אומשטענדן, פאַר־קערט, ער לאַכט איבער זיינע צרות, שפּאַסט אויפן אייגענעם חשבון, ער נעמט אויף סיטואַציעס מיט זעלישער גלייכגעוויכט און אָפּטימיזם.

די אַלגעמיינע ליניע, וועלכע פירט אים צו דער געשטאַלט איז דורכ־געדרונגען מיט טראַגישן גראָטעסק, וועלכער קומט אַזוי בולט צום אויס־דרוק אין זיינע קרעאַציעס. שווער זיך מרגליתן פאָרצושטעלן אין דער „נייטראַלער" פאַמיליען־דראַמע אין טיפֿן פון געצוימטער ליידנשאַפט, אים איז אייגן די כאַראַקטער־קאָמעדיע, אָדער טראַגעדיע.

נישט צו מערקן ביי אים די טענדענץ צו בורלעסק. מרגלית לאַכט אין דער שטיל, שמייכלט. ער ליאַרעמט נישט און שרייט נישט. ער לאָזט אַלע אַרום אים זיך אויסלאַדן, פילדערן ביז „פּלאַצן" און אַליין שטייט ער אין אַ זייט, שאַרט זיך אַוועק, וואַרט אָפּ. ווען אַלע ווערן מיד, שטילן איין, דערשיינט מרגלית מיט זיין גוטמוטיקן חוזק אָן דעם טאָן פון שיטן זאַלץ אויף די ווונדן פון די סיטואַציע־פּאַרטנערס. דאָס קאָמעדיאַלע גייט נישט אומבאַדינגט ביי אים פּאַראַלעל מיטן טעקסט, דער פּוענטע. מרגלית אַליין דעצידירט, דיקטירט דעם טאָן פון קאָמעדיאַלער קולמינאַציע אין דער האַנדלונג. די הויפּט־מעלה פון מרגליתעס קאָמיזם איז דאָס וואָס ער שאַר־זשירט נישט איבער. שאַרזשירן קען מען אויך יעדן אָן אויסנאַם טיפּ, וואָס פירט אָפּט צו קאַריקאַטור. אָבער קאָמיזם איז די קריסטאַליזירטע און לויטערע פאָרעם פון לעבנס־סטיל, פון געמיט, אין דער נאַטור פון שוי־שפּילער.

מרגלית פאַרמאָגט אפשר נישט, אויסערלעך, דעם אויסשליסלעכן און ספּעציפישן מאַניער פון יידישן טיפּ, ס'וואָלט זיך אים געוואָלט זען אין געשטאַלטן ווי מנחם־מענדל, מאָטל פייסיס, קוניע־לעמל, אָדער נחומציע חנה דבורהס און אחשוורוש. דער טראַגי־קאָמישער גראָטעסק וואָלט אים געהאָלפן באַהערשן און באַפאַרבן די דערמאָנטע געשטאַלטן. ביי יידן איז נישטאָ קיין ריינער טרויער אָדער אויסשליסלעכע פרייד. געלעכטער דורך טרערן באַגלייט דעם יידישן גורל זייט דורות.

אורטיילנדיק לויט די סוביעקטיווע אייגנשאַפטן פון פאָלקס־הומאָר ביי יידן, וואָלט דער קאָמעדיאַלער זשאַנער באַדאַרפט פאַרנעמען דאָס וויכטיק־סטע אָרט אין דער שאַפונג. דאָס גרעסטע מיספאַרשטענדעניש איז געווען, וואָס דאָס אָרט פון דער טראַגי־קאָמיק האָט פאַרנומען די מעלאָדראַמע. נאָר שלום־עליכם האָט פאַרשטאַנען צו געבן די געהעריקע פאָרעם, דעם לבוש דער נאַטור־אייגנאַרט פון פאָלקס־געמיט.

די פאַרשיידנסטע סטילן און נוסחאות זענען פאַראַן אין יידישן הומאָר

און שפּאַס. דאָס געלעכטער האָט זיך געהערט אינעם חסידישן שטיבל, רבינישן הויף, אויפן חשבון פון לומדים און מלמדים, בעלפערס און דאָרפס־יידן, אַרענדאַרן, עם־הארצים און מדינה־יידן. שפּאַס ביז סאַרקאַזם, געלעכטער ביז חוזק און פּראָפאַנאַציע, אַפילו די אומקום־תקופה פאַרמאָגט איר הומאָר — אומקום־הומאָר.

ביי יידן ווייכט מען אויף חתונות און מען וויצלט זיך איבערן טויט, אַנדערש וואָלטן מיר נישט געווען אויסגעהאַלטן. יידן האָבן, וואָס אַן אמת, מער אויסגעלאַכט ווי געלאַכט.

מרגלית פאַרמאָגט אָן ספק אַ חלק פון טויזנט־חן פון יידישן הומאָר. אין אים שפּאַרן דורך די פאַרשיידנסטע נוסחאות פון קאָמעדיע־שטייגער און דערפאַר איז ער עכט.

אַ מאָל לאַכט ער מיט פאַרדרוס, אַ מאָל מיט „יאַשטשערקעס״, אַ מאָל סתם איבער זיך. יידן האָבן זיך נישט אַזוי פאַראייביקט דורך קבלת־התורה, ווי מיט פיל־צאַליקע בייזוויליקע וויצן אַרום קבלת־התורה.

מרגלית איז דער שוישפּילער פון סצענישער דערפאַרונג, אויסגעבונדן מיט אַלע ווייען פונעם ישראלדיקן טעאַטער. אַזוי ווייט, אַז ער פאַרלירט זיך נישט אַפילו ווען אים קומט אויס (און עס טרעפט) צו בלייבן איזאָלירט פון דער אַנסאַמבל־האַרמאָניע. ער איז נישט פון די סטאַרן וועלכע שטעלן עמעצן אין שאָטן, פאַרקערט, ער קאָן שלעפּן דעם וואָגן נאָך זיך ווען די רעדער פון וואָגן האַלטן זיך שוואַך אויף זייערע אַקסן. מרגלית דיספּאָנירט נישט מיט קיין איבעריק גרויסע אויסערלעכע אַטריבוטן, זיינע אַטריבוטן זענען דער טאַלאַנט אַליין, גענוג זיין דערשיינען אויף דער בינע, אַז מיר זאָלן זיך גלייך געפינען אין מיליע — אין דער קאָמעדיאַלער אַטמאָספער.

אין תוך פון זיין שוישפּיל־וועזן איז מרגלית אַ ליריקער. שטענדיק הייבט ער אַרויס דאָס טרוימערישע, די באַהאַלטענע זייטן אין דער מענטשלעכער נאַטור, אין זייער טאָג־טעגלעכער פאַרמרה־שחורהדיקייט, זענען דעריבער זיינע נאַיווע פּשוטע און פּרימיטיווע מענטשן פעיִק צו ווירקן אין די טריבן פון קאָמעדיאַלער נאַטור. מרגלית באַמיט זיך שוישפּילעריש צו געבן די שאַנס דער „איינמאָליקייט״ אין מענטש, יעדער איינער קאָן אין זיין לעבן איין מאָל זיך דערהייבן איבער זיין נאַטור, הייבט ער דעריבער אַרויס דעם „מאָמענט״, גענעראַליזירט די „איינמאָליקייט״ צו

דויער. אין דעם זין גיט ער אָן זיין טיפּאַזש די שטריכן, וועלכע זענען אייגנטימלעך זיין הומאַנער און לירישער נאַטור. דאָס קאָמעדיאַלע, ווי אַ געלייטערטער אויסדרוק פון טראַגיזם, עטישן דראַמאַטיזם, וועלכער קאָן נישט זיין ווולגאַר, פּרעך, קאָן נישט ווירקן דורך גרילציקן הומאָר. קאָמעדיע ווירקט און באַרעכטיקט זיך אייינציק און אַמשטאַרקסטן דורך סובטעלן שאַרפזין און צאַרטן לירישן טאָן.

ד

די אַבסורד־ריכטונג אינעם טעאַטער

נאָך די אויפטרייסלענדיקע דריי צענדליק יאָר, מיט וועלכע די מענטש־לעכע קולטור איז געפּרוּווט געוואָרן, איז געקומען די גרויסע אַנטוישונג. דער סאָציאַל־אָפּטימיזם, דער גלויבן, די וויזיע האָבן אָפּגעטראָטן. סיי די אידעאַליסטישע שול, סיי די דעטערמיניסטן אין דער קעמפעריש־מאַטע־ריאַליסטישער וועלט־אַנשויונג — האָבןביידע פאַרלאָזן דאָס שלאַכטפעלד אָן אַ נצחון.

דער מענטשלעכער געדאַנק איז אַוועק אויף אומוועגן זוכן אַ מיקלט. פיל האָבן געפונען זייער טרייסט אין דער וועלט פון ציניזם, ניהיליזם, אינעם הילכיקן חוזק־געלעכטער, אינעם קראַנקהאַפטן סאַרקאַזם.

די אינטעלעקטועלע פאַרצווייפלונג האָט געפירט זוכן די אויסלייזונג אינעם הכל־הבל — דער פילאָזאָפיע פון „אַבסורד".

ברעכט, סאַרטער, דירנמאַט — האָבן זיך אויסגעדריקט אין זייער פּאָזיטיווער קריטיק, געפּרוּווט אויפרייסן די ווונדן אין דער געזעלשאַפט, ווי ביים יחיד. יעדער מיט זיין אידייען־וועלט האָט געפּרוּווט סוגערירן גלויבן, אַפילו ווען ־ער גלויבן זאָל געבוירן ווערן אין סקעפּטיק און יאוש.

נישט ווי קיין אַנטי־טעזיס צו די אויבן דערמאָנטע, נאָר גלייכצייטיק, איז דערשינען די „אַבסורד"־דאָקטרין, וועמענס לעגיטימע פאָרשטייערס קענען באַטראַכט ווערן: בעקעט, פּינטער, אַדאַמאָוו, יונעסקאָ א"אַ.

אין אונטערשייד צו די ערשטע, איז זייער קריטיק אַ מער מעטאַפיזיש־אַבסטראַקטע. די הנחה איז דער נאָנסענס. זיי רעסטאַווּרירן אין דער שאַפונג דעם געאָרדנטן כאַאָס, באַמיִען זיך אַרויסצוברענגען די דיסהאַרמאָניע.

די האַנדלונג לויט דער אַבסורד־פילאָזאָפיע איז אַן איבעריקער באַלאַסט, מחמת ס׳איז בכלל נישט פאַראַן קיין קאָמוניקאַציע, פאַראַן יחידישע איינזאַמקייט.

די אַקציע (לייען: אַנטי־אַקציע) איז דעריבער אויסער צייט און אָרט, באַפרייט פון געאָגראַפיש־עטנישער באַשטימונג. די געשטאַלטן זענען אַנאָנימע סימבאָלן, רמזים, די פּערסאָנאַזשן וואַלגערן זיך ווי אַסאָציאַלע גלגולים, אָן משפּחה־שטאַם, אָן פּסיכאָלאָגישער טיף־איינגנאַרט, אָן באַרוף, אָן באַשעפטיקונג, אָן איראַציאָנעלע געשטאַלטן־וועלט.

לונאַטיקער, סטאַטישע טראַפּאַרעטן, אַלעגאָרישע אַקצענטן באַוועגן זיך — זייער אָפט — אָן אַ פאַרוואָס און צוליב וואָס. עס ווירקן נישט קייןליידנשאַפטן, נאָר ווילקירן אָן סטיכיע צו געראַנגל און קאָנפליקט. דעם טיפּאַזש בילדן מער „עפּעס" ווי „עמעצער". אַנאָנימע מיסטעריעס ווירקן אין דער אַטמאָספער פון אומוואָרשיינלעכקייטן. די רעאַלע אַקצענטן דערמאָנען אפשר מיט זיך אַ מיקראָ־קערן פון ווירקלעכן.

„די אַנוועזנהייט פונעם מענטש פון בלוט און פלייש — באַהויפּטעט יונעסקאָ — שטערן מיר אויף דער בינע. זייער קערפּערלעכע אַנוועזנהייט צעשטערט דעם דיכטערישן עלעמענט".

אַנטי־פּאָעטע, אַנטי־האַנדלונג — בילדן אַ פּרינציפּ. עס ווערט גענעראַליזירט דער לאַפּסוס, דער צופאַל, אָפט ביז נאַטוראַליסטישער באַנאַלקייט, וווּלגאַרן ביאָלאָגיזם.

עס באַקומט זיך דער איינדרוק פון אַ געדאַנקען־מידקייט, גייסט־אַנעמיע פון אונדזער צייט; שטיצן זיך דעריבער די טעאָרעטיקער פון „אַבסורד" אויף דער פראַזע פון דעמאָקריט: אַז „גאָרנישט איז ווירקלעכער ווי גאָרנישט", איז דאָך קאָנסעקווענט אין זיינע באַהויפּטונגען דער פּראָפּאַגירער פון „עלעקטראָ־מעכאַנישן" טעאַטער — פּראַמפּאָליני, אַז דאָס טעאַטער פון דער צוקונפט וועט זיין אָן מענטשן, ס׳וועלן ווירקן איינציק אַבסטראַקטע פאָרמען, שטימונג־אילוזאָרישע און מאַגיש־ריטמישע באַוועגונגען, פלאַכן, קאָלירן און ליכטער, די קונסט פון דעהומאַניזירטן פאַנטאָמים.

דער אַנגריף קעגן וועזנטלעך־רעאַלן עלימינירט במילא דאָס סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע, דאָס היסטאָרישע. עס פאַרשווינדט דער טיפּ, עס ווערט אומנייטיק ביאָגראַפיע און צייט. די בינע שטעלט מיט זיך פאָר אַ קאַליידאָסקאָפּ פון סורעאַלע בילדערישע אילוזיעס און סוגעסטיעס, וועלכע פירן

אָפּט צו אַ נערוון־רייצונג, צו אַ שאָק. קאָמוס באַצייכנט אונדזער תקופה אַלס אַ דעאילוזירטע צייט, די וועלט פון אויסגעליידיקטן זין, דעריבער דער פּרווו מיט דער הילף פון ספּאָנטאַנעם אינסטינקט דעמאָנסטרירן די נאַקעטקייט פון רויעם טריב.

האָט אַ מאָל דער באַרימטער פּוילישער מאָלער־אַבסטראַקציאָניסט ס. א. וויטקעוויטש געשריבן: „אינעם טעאַטער, ווי אין דער מאָלעריי, וואָלט באַדאַרפט מעגלעך זיין אַ באַשטימטע פאָרעם אין וועלכער עס זאָלן אויך ווירקן מענטשן, אָבער אומאָפּהענגיק פון לעבנס־אינהאַלט און קאָנטינויִטעט פונעם כאַראַקטער אין מענטש, אַריינפירן אונדז אין אַ לעבנס־שטח פון מעטאַפיזישער ספערע פון געפילן. מען דאַרף איבעררייסן מיט אַלע קאָנ־ווענציאָנעלע פּרינציפּן, פאַרוואַרפן דעם פּסיכאָלאָגיזם אין שוישפּיל, ענדיקן מיט דער האַנדלונג „סצענישע אַוואַנטורע" ווי אין אַמאָליקן גריכישן טעאַ־טער — זאָגט ער — זאָל דער עלעמענט פון מענטשלעכע געפילן און נישט מער ווי אַ פּרעטעקסט פאַר ריין פאָרמעלע בינדונגס־עלעמענטן אין דער פאַרהעלטעניש צום סינטעז פון געשטאַלט און בילד".

ווי שטעלט זיך פאַר וויטקעוויטש באַדאַרף אויסזען אַ פאָרשטעלונג? ער שרייבט: „אויף דער בינע קומען אַרויף דריי פּערזאָנען אָנגעטאָן אין רויט, זיי בייגן זיך נישט וויסנדיק פאַר וועמען. איינער דעקלאַמירט. עס באַווייזט זיך אַן אַלטיטשקער, האַלט אָנגעבונדן אַ קאַץ אויף אַ שנירל. עס גייט אויף אַ שוואַרצער פאָרהאַנג, פאַר אונדז — אַן איטאַליענישע לאַנד־שאַפט. עס הערט זיך אָריגינעלע מוזיק. פון אַ טישל פאַלט אַ פלאַש. אַלע אַרום קניִען און וויינען. פון אַ געמיטלעכן מענטש פאַרוואַנדלט זיך דער אַלטער אין אַ רוצח. ער דערמאָרדעט אַ קליין מיידעלע, אַן עלעגאַנטער יונגערמאַן דאַנקט אים דערפאַר". הגם פון אַנדערע הנחות ווי דער „אַבסורד" צייכנט וויטקעוויטש אין בולטע שטריכן דאָס היינטיקע אַבסורד־טעאַטער.

„די ערשטע פיגורן רעדן — שרייבט יונעסקאָ — דער ערשטער ענט־פער קומט, דער ערשטער אַקאָרד שלאָגט אָן, דאָס ווייטערדיקע פאָלגט אויטאָמאַטיש, פּאַסיוו הערט מען זיך איין, מען קוקט זיך אַריין אין דער אינערלעכער פילם־לענטע, וועלכע זעצט פאַר איר גאַנג". אָדער: „מען זעצט זיך אַוועק ביים טיש און מען הייבט אָן נאָטירן איין זאַך, וועלכער שלעפּט דעם צווייטן נאָך זיך" אאַז"וו.

אויף וויפל אָבער דער שאַפונגס־פּראָצעס זאָל נישט זיין אַ ספּאָנטאַנער,

איז ער אָבער ביי אַלע אומשטענדן אַ רעזולטאַט פון אַ סטרוקטור־געזעצ־מעסיקער קינסטלערישער אָרגאַניזאַציע פון די שטאָפן און נישט קיין צו־פעליקער ווילקיר. די אַבסורד־ריכטונג האַלט נישט פאַר וויכטיק צו באַ־שעפטיקן זיך מיט פּראָבלעמען, מיט גורל־פראַגן, דעם העלדס לעבנס־דראַ־מע. זיי באַשעפטיקט מער די סיטואַציע פון אַ מאָמענט, דאָס פּאַראַדאָקסאַלע אין דער סיטואַציע. אויך די שפּראַך, דאָס וואָרט, זענען נישט דער עיקר אינעם דיאַלאָג, זיי דינען נאָר באין־ברירה אַלס בינדונג־שטאָף אין דער סצענישער אַטמאָספער.

דאָס טעאַטער באַדאַרף „נישט באַווירקן, נאָר דערשיטערן, עס זאָל דעם צושויער אין אַ קינד פאַרוואַנדלען". דאָס איינציקע מיטל דערצו — באַ־הויפּטעט דער אַבסורד — איז גראָטעסק „וואָס זאָל אָבער נישט רייצן צום לאַכן", „די פּערזאָנען באַדאַרפן בילדן קאַריקאַטורן, מאַסקעס טראָגן און אויף שטאָלצן גיין". די דאָזיקע באַהויפּטונג איז באַזירט אויף דער פּרווי־דיאַנישער טעאָריע: „לוסט אַם אומזין", וואָס וואָרצלט אינעם געפיל פון פריי זיין, אַראָפּשליידערן די צוואַנגס־יאָקע פון לאָגיק.

אויך די שפּראַך זעט זיי אויס צו קאָנווענציאָנעל אין דער פאָרעם. פאַראַן אין דער באַהויפּטונג אפשר אַ טיפער זין. די שפּראַך עלימינירט דאָס ליריש־פּאָעטישע, די אָפּגעשלאָסענע אין זיך וועלט פון אילוזיע. „די ווירקלעכקייט — זאָגט געאָרג שטיינער — געפינט זיך אויסער דער שפּראַך־באַריער". די שפּראַך איז צו שפּראַכלאָז בכדי אויסצודריקן דאָס וועזנט־לעכע פון פילן, זי איז אויך אין ווידערשפּרוך צו די רעאַלע ווערטן. „מען מוז די שפּראַך ברעכן בכדי זי ווידער אויפבויען, דערנענטערן צום לעבן" — באַהויפּטעט יונעסקאָ. מען דאַרף באַווייזן דעם גרויזאַמען נישט קאָנוועג־ציאָנעלן אמת, וועלכער זאָל אויך פאָרמולירט ווערן אין „קרעפטיק, דראַ־מאַטיש־קאָנקרעטיזירטע שפּראַך־מעטאַפאָרן אַלס די שפּראַך פונעם טעאַ־טער."

נישט ווייניק ווידערשפּרוכן אין די פאַרשידן אַרויסגעזאָגטע געדאַנ־קען צווישן עקסטרעם סורעאַלן און שאַקירנדיקן נאַטוראַליזם.

אַן אָנגעזען אָרט אינעם אַבסורד־טעאַטער פאַרנעמט דער עלעמענט פון צירק, אינעם זין פון צירקיזם אַלס באַשטימטער לעבנס־זין. זיי זוכן אָנצוקניפּן צו די טראַדיציעס פון יענע צייטן, ווען דער קלאָון, פּאַיאַץ, דער נאַר האָבן אַנטשפּראָכן דעם געשמאַק פון פאָלקס־פּרימיטיוו און די

הערשערס צו גלייך. זיי בליקן צוריק צום לץ, פריילעך־מאַכער, אַפּשפּאַטער, וועלכע באַדאַרפן אַנטבלויזן די זינלאָזן קאָנווענציאָנעלע וועלט דורך אַקצענטירן דעם מעלאָדראַמאַטישן טראַגיזם, גורל־פֿאַטאַליזם. דורך אומזין און לאַפּסוס פֿירן צו דער קאַפּריערער לאָגיק — צום אַבסורד.

די טעאַטער־אַרענע באַדאַרף ווערן פֿאַרוואַנדלט אין אַ טשאַפּלינאַדע ווו עס זאָל זיך מערקן דאָס שלימזלדיקע, דער גאַלגאַן־הומאָר, דאָס קוני־לעמלשע. דער „אַבסורד" האַלט, אַז אינעם אונטערבאַוווּסטזיין איז פֿאַראַן אַ טענדענץ צו מאַכן זיך קינדיש, נאַריש („די לוסט אַם אומזין"), וואָס דאַרף העלפֿן זיך באַפֿרייען פֿון שפּאַנונג. אפשר לעבט אינעם מענטש דאָס קינדישע, אָבער נאָר אין זין פֿון אינטימען אַליינזיין און נישט אינעם קאָלעקטיוו און אין זיינע אויסדרוק־פֿאָרמען.

אינעם „אַבסורד"־טעאַטער דאָמינירט דאָס לעכערלעכע וואָס שטייגט איבער דאָס קאָמעדיאַלע, דער קאָמעדיאַנטיזם איבער דעם קאָמישן. די מחברים פֿון „אַבסורד" מאַניפֿעסטירן אַ ירושה פֿון אַלטע צייטן, ווען ס'האָט פֿאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט דער פֿייערלעכער צערעמאָניאַל, רעליגיעזע מיסטעריע. זיי גרייכן צום כינעזישן טעאַטער, גריכישע אָלימפּישע שפּילן, צום עקסטאַז פֿון דער פּאַנטאָמימע, צו דער תּקופֿה פֿון כּאַראַלע תּפֿילות. נישט קיין קליינעם איינפֿלוס האָט געהאַט אויפֿן „אַבסורד"־טעאַטער דאָס טעאַטער „דעל אַרטע", די השפּעה פֿון טייאירעווס דעהומאַניזירטן מעכאַנישן „קאָנסטרוקטיוון" טעאַטער, מייערהאָלדס „ביאָ־מעכאַנישן" טעאַטער אין מאָסקעס, דער גראָטעסק פֿון געאָרג גראָש, ברעכט, די „דאַדאַ"־ריכטונג אאַז"וו.

עס קומט צום אויסדרוק בורלעסק, סאַרקאַזם, גראָטעסק, פּאַראָדיע איבער דער פּאַראָדיע, דער מאַקאַברישער הומאָר. זיי ווילן, באַהויפּטן די טעאָרעטיקערס פֿון אַבסורד, נאָכפּאָלגן „די אַנטי־טראַדיציע, די מיטל־עלטערלעכע מיסטעריע־שפּילן און באַראָק־אַלעגאָריעס, דורך רעדוזלהאַפֿטע סיטואַציעס צייגן דעם אוניווערס".

באַדאַרף מען ווירקלעך זיך דערוווייטערן פֿונעם רעאַלן כּדי צו געפֿינען אַ תּיקון פֿאַר דער שיינקייט? באַטראַכטנדיק די ווירקלעכע ווירקלעכקייט מיטן אויג און אויער, מיט דער עמאָציע און געדאַנק, אַנטפּלעקט זיך פֿאַר אונדז נישט די פֿילפֿאַרביקייט אין איר פֿולער פּראַכט, קלאַנג און ריטם און זייער האַרמאָניע, דאָס פּאָעטישע? דער מענטש אַליין איז דאָך אַ ביישפּיל

פֿאַר די אַזוי קאָמפּליצירטסטע פֿיינהייטן פֿונעם רעאַלן. דער קינסטלער ווערט באַאיינדרוקט פֿונעם רעאַלן וויר־וואַר, דעם כאַאָס און ער געשטאַל־טיקט אים אין אַ געאָרדנטער פֿאָרעם. ווער עס דערזעט נישט די שיינקייט אינעם רעאַלן, וועט זי אויך ניט געפֿינען אויסערהאַלב דעם רעאַלן. וויל מען ווירקלעך אַקטיוויזירן דעם דמיון פֿון צושויער, פֿאַרטיפֿן אין אים זיין אַנאַ־ליטישן חוש, פֿאַרשטאַרקן זיין עמאָציאָנעלן כּוח פֿון איבערלעבן, קען מען דאָס דערגרייכן נאָר דורך ווייזן דאָס פֿאַרגעשטעלטע אין דער פּשטות פֿון אַ באַשטימטער לאָגיק. אויך דאָס איראַציאָנעלע בלייבט נישט אין ווידער־שפּרוך צום ראַציאָנעלן, דאָס איז נאָר אַ העכערע סובלימירטע מדרגה פֿון ראַציע.

אָן רעאַלקייט וואָלט קיין חלום נישט געווען. אויך דער סימבאָל איז נישט עפּעס אַנדערש ווי די ראשי־תּיבות, פֿאַרקאָנספּירירטער פּסעוודאָנים פֿון רעאַלן.

מען קען נישט פֿאַרלייקענען די זייער געשיקטע און אינטעלעקטועל־ראַפֿינירטע הנחות פֿונעם אַבסורד, פֿאַרשטייען גוט מנסח צו זיין דעם „אַנטי־נוסח״.

די אויפֿגאַבע פֿון דער קונסט איז נישט, ווי זיי באַהויפּטן, באַשעפֿטיקן זיך מיט רעליגיעזע, מאָראַלישע אָדער אידעאָלאָגישע פּראָבלעמען, נאָר אילוסטרירן דעם ספּאָנטאַנעם רעפֿלעקס פֿון איינדרוקן און רעאַקציעס. שפּרייזט מען אָבער אַריבער די ליניע פֿון נאָרמע, עס דאָמינירט דער „זין״ פֿון אומזין, דאַן פֿאַלן מיר אַריין אינעם תּחום פֿון הכל־הבל, ווי אין „וואַרטן אויף גאָדאָד״ (בעקעט), וואָס שטעלט פֿאַר די פּערמאַנענטע אילוזאָרישע דערוואַרטונג אויף עפּעס, עמעצן, וועלכע קומען קיין מאָל נישט. אפֿשר איז די אילוזיע אַ מין שוץ־פּאַנצער פֿאַרן זעלבסט־דערהאַלטונגס אינסטינקט, בעת מען געפֿינט זיך ביים ראַנד פֿון ענדלאָזן לאַנגווייל. די דערוואַרטונג, זי צעשטערט נאָר דעם תּהום פֿון אינהאַלטלאָזן לעבן. „וואַרטן אויף גאָדאָד״ איז אפֿשר אַ פּאָזיטיווער פּעסימיזם ביי יענע, וועלכע האָבן אויפֿגעגעבן דעם גלויבן אין וועלכע עס איז קאָנסטרוקטיווע כּוחות אין דער געזעל־שאַפֿט. דורך קאָנפֿראָנטירן דעם צושויער מיט דעם אַנטי־ווירקלעכן, פּרוווט דער אַבסורד פֿירן צום שאָק פֿון אויסניכטערונג און דערוואַכן?

דער אַבסורד הייבט זיך אָן דאָרט, וווּ די נאָרמע איז ביים סוף. די העלדן (אַנטי־העלדן) הייבן אָן ווירקן אין יענעם קריטישן מאָמענט צו וועלכן

דאָסטאָיעווסקי דערפירט זיין טיפּאַזש. מאַקאַברישער סאַרקאַזם, אינטע־לעקטועלע פּערווערסיע, פּראָפּאַגירן אַלע ווערטן און הייליקייטן. עס באַ־קומט זיך טייל מאָל אַ פעסטיוואַל פון טייוולאָנישע גלוסטונגען, סאַדיזם, לוסטמאָרד, ביז נעקראָפּיליע. דאָס אַלץ ווערט טראַקטירט אין טעאַטראַלע פּראַכט־פאָרמען.

איז די פראַגע: צי וועט די ציינישע נאַקעטקייט, אַפילו דורך פּאָעטישן נעפּל פאַרשלייערטע, היילן די ווונדן אין מענטש? איז מעגלעך דורך באַ־פרייען דעם מענטש פון מצוות — מאַכן אים פריי, גלייכגעוויכטיק אין גע־מיט און באַרויִקן זיין געוויסן? צי וועט מען דורך אינטעלעקטועלן טעראָר ברענגען צו שלווה?

דער פּערסאָנאַזש אין דער אַבסורד־דראַמע עקזיסטירט איינציק אין דער האַרמאָניע פון דער טעאַטראַלער קאָמפּאָזיציע, ווי אַן עלעמענט פונעם סצענישן מעכאַניזם. דער שוישפּילער אַלס אינדיווידו — איז עלימינירט, אַנטמענטשט. דער אַקטיאָר ווייסט נישט ווער ער איז, פון וואַנען ער נעמט זיך. די האַנדלונג איז דאָס רוב אויסער צייט און רוים. דער פּערסאָנאַזש ווירקט דורך פיזיאָלאָגישע רעפלעקסן. כאַראַקטערלאָזע מאַנעקינען ווירקן אינעם טעאַטראַלן רוים פון אַבסורד.

ביי די דאָזיקע אומשטענדן שטאַרבט דאָס אַקטיאָרישע, עס לעשט זיך אויס דער עמוד־האש פון דער שוישפּילערישער ראָל אינעם טעאַטער. די שוישפּילערס וועלכע האָבן זיך דערצויגן אויף שעקספּירן, סטרינדבערגן און טשעכאָוון, וועלן אפשר נאָך געפינען אין זיך דעם כוח איבערצוטראָגן די אינקוויזיציע פונעם אַבסורד. אָבער יענע יונגע, וועלכע קומען גלייך אין דאָזיקן טעאַטער, וועלן אין בעסטן פאַל ווערן גוטע צירק־אַקראָבאַטן, עלאַסטישע טענצערס, לצנים, פּאַנטאָמימיקער, עקזאַלטירטע פּאַטאָס־סימ־באָלן אָבער ווייט פון לעבעדיקן בלוט־און פליייש־פּערסאָנאַזש.

*

מיר לעבן אין אַ צייט וועלכע וועט אפשר אַ מאָל באַצייכנט ווערן אַלס אויסטערליש־אינטערעסאַנטע תקופה, וועמענס סטיל האָט נאָך קיין נאָמען נישט, פאַרמאָגט נאָך נישט איר געבורט־דאַטע. קראַנקע געדאַנקען פייניקן דעם איבער־רייפן מוח, קראַנק פון גליק, פון לאַנגוויל אָדער פון פאַר־

צווייפלונג. ס'איז די תקופה פון מאָרפיום, העראָין און אָפּיום — האַלוצי־נאַציעס זענען געוואָרן וואָר — מוז לאָגיק בלייבן פאַרשעמט אין אַ זייט.

אין דער צייט ווען ברעכן פאַרטעפּיאַנען אינספּירירט די „שעפערישע" עמאָציע ביי דער סטודענטשאַפט; בגדי חרפה — זענען זייער טראַכט; דאָס עסצימער — איז דער מיסטקאַסטן; דאָס בעט — אין רינשטאָק, וואָס בלייבט דאָן צו דערוואָרטן פונעם אַוואַנגאַרדיסטישן גייסט?

זענען דען די הנחות פון דער אַבסורד־ריכטונג נישט אַ רעאַקציע אויף דער וואַנזיניק־אינטערעסאַנטער קולטור־מעטאַמאָרפאָזע?

אָדער אפשר דערזעען מיר נישט די „נייע ווערטן", הערן נישט דעם „אויפגייענדיקן ניגון", זענען בלינד צו זען די „תפארת", אָדער אפשר פירט דער דאָזיקער וועג צום סינטעז?

אינהאַלט און פאָרעם ווי איין פונקציע

פון זינט עס עקזיסטירט דער באַגריף „עסטעטיק", אינטערעסירט מען זיך מיט די דערשיינונגען „אינהאַלט" און „פאָרעם", דער „וואָס" און „ווי אַזוי", זייער פונקציע און קעגנזייטיקע פאַרהעלטעניש אין דער שאַ־פונג. מיר וועלן פּרווון אָנמערקן אייניקע פאַזן אין דער קייט פון דאָזיקן פּראָצעס.

דאָס אָביעקטיוו קעגנשטענדלעכע אין דער נאַטור און אין די יחידישע אייגנטימלעכקייטן בילדן דעם שטאָף — די אינספּיראַציע צו קינסטלערי־שער אָנרעגונג. דער „שטאָף" עקזיסטירט קאָנקרעט, רעאַל ווי סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע דאָמינאַנטן, ווי, למשל, אַ געשעעניש, אַן איבערלעבונג, פאָלקלאָר־מאָטיוון אאַז"וו. דער שטאָף איז אויך אין דער אַבסטראַקציע, אין דער מיסטעריע, וויזואַלע עלעמענטן, אינטימע שטימונגען. דאָס קען זיין אַ חלום, אַ קאָליר, אַ קלאַנג, אַ לאַפּסוס. יעדע קינסטלערישע נאַטור ווערט אַנדערש באַאיינדרוקט און רעאַגירט אַנדערש אויף איינע און די זעלבע עלעמענטן.

גלייכצייטיק צום „שטאָף" איז דער „מאַטעריאַל", דער חומר ביד היוצר, ווי: שטיין, האָלץ, מעטאַל, פאַרב, סטרונע, דאָס וואָרט, ריטם, די געדאַנקען־קאַטעגאָריע. דער אָפּקליִב פון מאַטעריאַל דורך דעם קינסטלער איז נישט קיין צופעליקער קאַפּריז, נישט קיין „פרייוויליקער". די אָביעק־טיווע אייגנשאַפטן פון די מאַטעריאַלן פאַלן זיך צונויף מיט די נטיות און שאַפונג־נאַטור פון קינסטלער. עס איז אַ פולשטענדיקע אידענטיפיצירונג צווישן אָביעקטיווע און סוביעקטיווע סטרוקטורן. „די עמאָציאָנעלע פאַק־טאָרן פון ווערק — זאָגט בראָדער קריסטיאַנסען — דאַרפן זיך צופּאַסן צום עמאָציאָנעלן כאַראַקטער פון דעם מאַטעריאַל". פאַראַן, לויט אים, אַפילו דער באַגריף: „סטיל פון מאַטעריאַל, סטיל פון טעכניק". „די אינערלעכע פאָרמען, די אינדיווידואַליזאַציע פון דער קעגנשטאַנדלעכער טעמע, דאַרפן זיך צופּאַסן צו דעם כאַראַקטער פון דער טעכניק".

נישט מערקבאַר איז די שייד־ליניע צווישן „שטאָף" און „מאַטעריאַל", זיי קאָאָרדינירן און לייזן זיך אויף אַן שפורן, אינעם אַקטיוון פּראָצעס פון קינסטלערישער רעאַליזאַציע. ערשט ווען דער קינסטלער ווערט אַ מיט־שותף צום שטאָף, צום מאַטעריאַל, וועלכע באַלעבן זיינע שעפערישע ליידנשאַפטן, פאַרכאַפּן זיינע געפילן און שטימונגען — אַנטשטייט די סטי־כיע, דער באַדאַרף צו געשטאַלטיקן, צילבאַוווּסט סובאָרדינירן און סעלעק־טירן די עלעמענטן. די בילדונג פון דער האַרמאָנישער פאַרהעלטעניש צווישן שטאָף און מאַטעריאַל זענען דער פאַרבאַדינג פאַר יעטוועדן אינ־האַלט, וואָס מיינט: דער מהות פון קינסטלערס דעפינירטע רעאַליטעטן. „דער שטאָף" — לויט העגעלן — איז דער אינערלעכער מאַטעריאַל, וועל־כער מוז זיין דורכגעדרונגען מיט גייסטיקער ענערגיע". דער שטאָף, דער מאַטעריאַל — שטאַרבן אָפּ, דעמאַטעריאַליזירן זיך און פאַרוואַנדלען כמות אין איכות, פאַרוואַנדלען אומבאַשטימטע סטיכיע אין שעפערישער סטרוק־טור. ערשט דאַן רייפט אויס אין קינסטלער די צענטראַלע אידייע און די פאַרטראַכטע קאָנצעפּציע פון ווערק.

אונטערן באַגריף „אינהאַלט", וואָס איז אַ זייער קאָנקרעטער באַגריף, פאַרשטייען מיר: סוזשעט, פּאָענטע, האַנדלונג, אַקציע, די מאָלערישע אָדער מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציע, דיכטערישע שאַפונג אאַז"וו.

דורך דער באַהעפטונג מיטן רוח החיים, וועלכער נעסטעט אינעם אינהאַלט־פּאַטאָס, איז דער מחבר „געצוווּנגען" צו פאָלגן זייער פאַרלאַנג,

דעם מוז און שטייגן צו דער העכסטער פאַזע אינעם שעפערישן פּראָצעס — צו דער „פאָרעם" אין איר פולער גראַציע.

דער קונסט־טעאָרעטיקער קראָקע זעט דעם פּראָצעס אין פיר פאַזן: 1. איינדרוק (איבערלעבונג), 2. אויסדרוק, אָדער עסטעטישער סינטעז, 3. דער געַנוס און פאַרגעניגן, דאָס אַנטציקן זיך מיט שיינקייט (עסטעטישער שיינקייט), 4. איבערזעצן דעם עסטעטישן פאַקט אויף פיזישע דערשיינונגען.

העגעל האַלט, אַז אינהאַלט מיינט: „אידייע, מעטאַפיזישער אמת אַלס עיקרדיקער באַשטאַנד פון שיינעם". הערבערט ווידער זעט אין אינהאַלט אַן „עמאָציאָנעל־אינטעלעקטועלן גורם, וועלכער בלייבט אויסער דער ראָם פון שיין". וויפל ווידערשפּרוכן עס זאָלן נישט טיילן די פאַרשיידנסטע פאָרמולירונגען — איז צו זען, אַז אינהאַלט איז דער שיר־השירים, וועלכער באַפליגלט די טורעם־שפּיצן פון מאַיעסטעטישן גאָטיק, דאָס איז דער פליסטער פון תּפילה־קלאַנגען פון אַ ניגון, דאָס זענען די אימאַזשן פון פאָעטישן צויבער. אינהאַלט מיינט געבן אַן אויסדרוק דעם שפּראַכלעכן אומרו, די צעשטורעמטע געמיטער פון די העלדן אין ראָמאַן און אין דער דראַמע. אינהאַלט איז — אַקטיווע אַריינמישונג אינעם קידער־ווידער פו־נעם מענטשלעכן בבל־טורעם.

די עצם־אָרגאַניזאַציע פון פאָרמירן, סעלעקטירן, האַרמאָניזירן, קאָמ־פּאָנירן — פירט צו סטרוקטור, סקעלעט — צו פאָרעם.

שילער מיינט, אַז „פאָרעם" איז „די קראַפט אונטער וועלכער עס שטייט די מאָראַליש־גייסטיקע ענערגיע. אָדער ווי עס פאַסט אויף הערבערט: „פאָרעם איז עפּעס, וואָס דרינגט נישט אַריין און באַלעבט נישט, נאָר באַ־צירט און באַקליידט דעם אינהאַלט". קראָקע זעט אין פאָרעם „די אינטוי־טיווע־פּסיכישע אָנלאָדונג".

פון אַלע מיינונגען איז צו זען, אַז אינהאַלט און פאָרעם זענען איין פּראָצעס וועלכער פאַרמאָגט געוויס זיין באַשטימטע פאָרמולע, וועלכע קומט צום אויסדרוק אין דער קולטור־עוואָלוציע דורך די צייט־סטילן — צייט־געזעצן.

קינסטלערישע ווערטן פאַרמאָגן סטאַביליטעט, דויער, זיי זענען אָבער נישט סטאַטיש. די עצם קריטעריעס וועגן די ווערטן טוישן זיך אין דער קולטור־עוואָלוציע.

די קאָאָרדינאַציע פון אינהאַלט און פאָרעם איז געוויס נישט קיין מעכאַ־

ניש־סכעמאַטישע, ווו עס זענען צו מערקן אײנצל־פּאַזן. דעריבער האָט קײן זין נישט צו שטעלן די פראַגע וואָס פריִער: דער „אינהאַלט" אָדער די „פאָרעם", דער „וואָס" אָדער דער „ווי אַזוי". לויט די נעאָ־קאַנטיאַנער איז דער פּראָצעס קעגנזײטיק אומענדלעך, ווײל אינעם פּראָצעס איז אַלץ אין אַ באַשטימטער פאַזע „פאָרעם" און אײנצײטיק פון אַ צווײטן שטאַנד־פּונקט „אינהאַלט".

די פּאָרטראַכטע דורכן קינסטלער קאָנסטרוקציע איז אַ לאַנג־דויערנ־דיקער קריסטאַליזאַציע־פּראָצעס, אפשר אַן ענלעכער צו דעם קריסטאַלי־זאַציע־פּראָצעס פון מינעראַלן, ווו פון שטויבעלעך בילדן זיך אויס די קריס־טאַל־פאָרמען אין זײער סטרוקטור־פאַרשיידנקייט.

דער פאַרבן־ניואַנס, יעדע רעאַקציע אויף קלאַנג און פערטל־טאָן, די וויבראַציעס פון ריטם, דער ווידערקול פון אַ ניגון, העלן אין די טיפן פון קינסטלערס אָרגאַנישער עמפינדלעכקייט, אינעם מהות פון זײן גײסט. אַזוי אַרום קריסטאַליזירט זיך אויס די אַנאַטאָמיע פון ווערק. גערעכט איז דער קונסט־היסטאָריקער ווילהעלם הויסענשטײן פעסטשטעלנדיק, אַז „די פאָ־רעם איז אין גרונט אַן אויסדרוק פון דער סובסטאַנץ, וועלכע געהערט צו דער עסענץ פונעם לעבן אַלײן".

דער מאָטיוו פון אינהאַלט, די אידײע, דינט ווי אַ פונקציע אין דער צוועקמעסיקײט פון אויסגעבילדעטער פאָרעם. פון דער הנחה איז אָנצו־נעמען די דעפיניציע, אַז „פאָרעם" איז דער עצם „אינהאַלט" פון ווערק. די פאָרעם דעצידירט, באַשטימט דעם גורל פון ווערק.

די קריסטאַליזאַציע פון פאָרמען און סטילן איז דורכויס דיאַלעקטיש געבונדן מיטן כאַראַקטער פון דער תּקופה. מיט אַנדערע ווערטער: די שפּראַך פון קינסטלער — איז די שפּראַך פון דער צײט. די דערקענטעניש פון וועלט, סביבה און מענטש, קומט פאָר אײנצײַטיק ביי אַלע פונעם זעלבן דור, אַ דאַנק וועלכן עס בילדן זיך די קינסטלערישע שרײבערישע שולעס און ריכטונגען. דער אינהאַלט־מאָטיוו און די סטרוקטור פון ווערק בינדט און טײלט פונאַנדער אײנע און די זעלבע צוועקמעסיקע פונקציע, וועלכע צײכנט אויס די תּקופה. די תּקופה אַנטפּלעקט זיך אין און דורך דער פאָרעם.

די דאָזיקע אידענטישקייט פון אַנטפּלעקן און רעאַגירן פירט טײל מאָל צו באַשטימטע מיספאַרשטענדענישן. פאַראַן דערשײנונגען, ווען צוויי אָדער

מערער שרייבערס, אָדער קינסטלערס, שאַפן איינצײַטיק זייערע ווערק, וועלכע זענען צו זיך ענלעך אין מאָטיוו, אינהאַלט, אין דער קאָמפּאָזיציע, ביז אידענטיש בויען דעם זאַץ, אָדער דעפינירן דעם געדאַנק. נישט זעלטן האָט דאָס אַרויסגערופן פאַרדאַכטן ביז סקאַנדאַלן און באַשולדיקן איינע די צווייטע אין קאָפּיזם און פּלאַגיאַט. וועלן מיר געוויס נישט רעדן וועגן ווירקלעכן פּלאַגיאַט, נאָר וועגן דעם אומשולדיקן פּלאַגיאַט, וועלכער איז נאָר אַ פּועל־יוצא פון דעם דאָזיקן פּראָצעס. פאַרלאַנגט זיך דעריבער גרויסע פאָרזיכטיקייט ביים אויספאָרשן אַזעלכע פאַלן.

ריטם און צייט אין דער שאַפונג

דער באַגריף געאָרדנטער, געשטאַלטיקטער, קינסטלערישער אינהאַלט מיינט אָן ספק — די עוואָלוציע און קריסטאַליזאַציע פון פאָרעם. דער אינהאַלט, סיוזשעט אָדער האַנדלונג, אָן אונטערשייד צי דאָס איז סתם אַ געשעעניש, אָדער אָן איבערלעבונג איז — אינהאַלט וואָס פאַרמאָגט סטרוקטור. דער פּראָצעס אין וועלכן עס געשטאַלטיקט זיך האַנדלונג, קאָנפליקט — סיי אינערלעך־סאָציאַלער, סיי אינערלעך־פּסיכאָלאָגישער — פאַרמאָגט זיינע סטאַבילע פאַרהעלטענישן צו צייט און ריטם.

בעת מיר זאָגן צייט, האָבן מיר אין זינען נישט נאָר דעם עמאָציאָנעל־אינטעלעקטועלן זין פון אָט דעם וואָרט, נאָר אויך דעם פיזיש־מאַטעמאַטישן, ווי אויך דעם טראַנסצענדענטאַלן באַגריף. וואָרעם די עצם פאַרהעלטעניש צווישן אינהאַלט און פאָרעם זענען די פאַרהעלטענישן צווישן ריטם און צייט.

עס איז נישט אַזוי וויכטיק די געטרייקייט פון דער שאַפונג צו די צייט־אומשטענדן, כראָנאָלאָגישן סדר, אָדער צום אמת פון אַ היסטאָרישער סיטואַציע. די שאַפונג איז אויך נישט מחייב די סאָציאַלע לאָגיק אין דער פאָענטע. אָבער בלייבן געטריי אין קינסטלערישן זין מיינט די שייכות צו דער ריטמישער סטרוקטור פונעם שטאָף. יעדער סיוזשעט צי האַנדלונג זענען אַ רעזולטאַט פון די געשטאַלטונגען אין די צייט־פּראָפּאָרצן. די פּראָ־

פאַרצן זענען גלאָבאַל אָבער אויך אָרטיק ווי אַ ברוכטייל פון אַ סעקונדע אין אַ מיקראָ־איבערלעבונג.

וואָרעם יעדע תקופה פאַרמאָגט איר ריטם, וועלכער איז משפיע אויף דער אַנטוויקלונג פון דעם כּלל ווי פון דעם יחיד, באַווירקט די סטילן אין דער קונסט, באַווירקט די ריטמישע און פּסיכאָ־ריטמישע סטרוקטור אינעם קינסטלער. און די זאַכן זענען באַקאַנט.

פאַראַנען ראָמאַנען, נאָוועלן, דערציילונגען, וועלכע פאַרמאָגן אַפּריאָרי זייער צייט־כאַראַקטער. די מחברים באַצייכענען פון פאָרויס זייערע ווערק מיט באַגריפן פון צייט, ווי למשל: „די 12טע נאַכט" — פון שעקספּיר; „24 שעה אינעם לעבן פון אַ פרוי" — פון צווייג; „טאָג און נאַכט" — אַנסקי; „איין טאָג אינעם לעבן פון איוואַן דעניסעוויטש" — סאָלזשעניצין; „דער 8טער טאָג" — כלאָסקאָ; „3 טעג און אַ קינד" — פון א. ב. יהושע; „אַ פערטל נאָך חצות" — עמוס אטינגר א"אַ. פאַראַן שאַפונגען, וועלכע טראָגן פאָרויס זייער צייט, ווי למשל: „1905", „1914", „נאָוועמבער", „ערב פרילינג", א"אַ. איז דאָס צייט ווי תקופה, צייט ווי נאַטור־פּעריאָדן, צייט — פּסיכאָלאָגישער הינטערגרונט. וואָרעם צייט סובלימירט זיך אין סימבאָלן, צייט באַשטימט, ווען אַפילו טיילווייז, די אַטמאָספער פון ראָמאַן אָדער דראַמע.

און נישט בלויז דאָס. אויסער די ראַמען פון צייט און ריטם איז נישט מעגלעך דער באַגריף קאָמפּאָזיציע. וואָרעם האַרמאָניע און דיסאָנאַנס, אידיליע און שטורעם, גלייכגעוויכט און איבעררוישונג — זענען נישט עפּעס אַנדערש ווי די קינסטלערישע אַנווענדונג פון צייט־ און ריטם־פּראָפּאָרצן.

אין אַלע אַנדערע ווערק, וועלכע פאַרמאָגן נישט קיין פאָרמעלע צייט־באַצייכענונגען פאַלן אַרונטער די זעלבע געזעצן. דאָס האָט אויך אַ שייכות צו אַלע שולעס און זשאַנערן אין דער שאַפונג, צי דאָס איז דער רעאַליס־טישער ראָמאַן, צי די סוררעאַליסטישע דערציילונג. דאָס איז אויך מחייב סיי די ווערק, וועלכע טראַקטירן צייט כראָנאָלאָגיש־געטריי, און סיי יענע, וועלכע קאָמבינירן, באַשטימען דעם אָדער יענעם פּלאַן אינעם סדר פון די עלעמענטן: פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט און צוקונפט.

קיינער שטייט נישט מיטן כראָנאָמעטער אין האַנט און קאָנטראָלירט די סעקונדע־פּינקטלעכקייט פון אַן איבערלעבונג, אָדער האַנדלונג אין די

ראַמען פון צייט־וואַרשיינלעכקייטן. דאָס פילן און איבערלעבן פון איין איינציקע מינוט, קען מען שילדערן אין אייניקע הונדערט זייטן און פאַר־קערט, אַ גאַנצע עפּאָכע אַריינפּאַסן אין אַ קורצער נאָוועלע אאַז״וו. תּקופה, יאָר, מינוט — בלייבן אין אַ פּראָפּאָרץ־פאַרהעלטעניש צו זיך אויסער פיזיש־מאַטעמאַטישע צייט־באַגריפן.

ס׳איז דאָס רעכט פונעם מחבר אַרויסצורוקן באַשטימטע אַקצענטן אין אַ סדר, וואָס זאָלן בילדן די דיספּראָפּאָרציע צו די צייט־כּללים אין זיין שאַפונג. אַ מחבר וואָס שילדערט למשל די לעצטע מינוטן פון אַ פאַר־אורטיילטן צום טויט פאַר דער עקזעקוציע, מוז זיין שילדערונג נישט בלייבן אין וועלכער עס איז רעאַלער צייט־פּראָפּאָרץ צו די געשילדערטע שטעלן אין זיין בוך. די דאָזיקע „מינוט״ קען בלייבן אין אַ דיספּראָפּאָרץ צו יענע געשילדערטע לאַנגע טעג און נעכט פונעם פאַראורטיילטן. ווייל נישט דאָס איז דער עיקר. די סצענע בעת אַטעלאָ דערשטיקט דעסדעמאָנאַן געדויערט פיזיש בלויז געציילטע סעקונדן. אָבער די פיזישע צייט דאַרף פאַרוואַנדלט ווערן, איבערגעזעצט ווערן אויף עמאָציאָנעל־פּסיכאָלאָגישע צייטמאָסן.

די פאָרעם־פּערפעקציע און די איינהייטן פון דער ריטמישער סטרוק־טור באַשטימען דעם ווערט און די מדרגה פון דער יצירה, דעם כּוח פון קינסטלערישן אמת, די ווירטואָזקייט פון דער שאַפונג.

גלייך ווי אין דער מוזיק זענען מעגלעך טאַקטן אָן מעלאָדיעס, ס׳איז אָבער נישט מעגלעך מעלאָדיע אָן טאַקט, אַזוי איז אויך נישט צו באַגרייפן קינסטלערישן אינהאַלט אָן פאָרעם־סטרוקטור. און ווייל סיפּור־המעשׂה פאַרמאָגט נישט קיין סטרוקטור — איז עס נישט קיין שאַפונג.

דער זאַצבוי, די קאָמבינירונג פון וואָרט, קלאַנג־ניואַנס, די גרויס פונעם קאַפּיטל, דויער פונעם דראַמאַטישן אַקט, די דיאַלאָגן, מאָנאָלאָגן, די פאַרהעלטעניש צווישן גערעדטן וואָרט און פּאַטאָס פון שווייגן, די שטי־מונג־רעאַקציע, דינאַמיק און קאָנפליקט, אַטמאָספער, קאָלאָריט, טאָן — אַלץ וואָס באַשטימט די קריסטאַליזאַציע אין דער שעפערישער שלימות — איז אין דער פאַרהעלטעניש פון שטאָף צו ריטם.

ריטם איז נישט נאָר אינעווייניק אינעם טאַקט, אינעם קלאַנג, באַוועג און קאָלירן־גאַמע, נאָר אויך אין דער רעאַקציע, עמפּינדלעכקייט און אינעם אויפנעמען דערשיינונגען, רעפלעקסן, אינעם שפּירן און פילן. קענען מיר, דעריבער, קומען צו אַן אויספיר, אַז: ריטם און צייט באַווירקן די סטרוק־

טור פון יעדער פּאַרעס. דיאַלעקטיש זיך אויסדריקן — הייסט: פּאַרעס איז די סטרוקטור פון צייט.

ביי דאָסטאָיעווסקין, מער ווי ביי וועמען ס׳איז, פילט מען אַזוי בולט און מיט אַזאַ עמפינדלעכקייט יעדן ברוכטייל פון אַ סעקונדע און די אָנקומענדיקע עקספּלאָזיעס, פּסיכישע גלגולים, קריזיסן און איבערברוכן אין לויף פון דער האַנדלונג — ביי יעדן בילד באַזונדער. בעת מיר לייענען דאָסטאָיעווסקין דאַכט זיך אונדז, גלייך מיר וואָלטן דעם ריטם פון אונדזער אָטעם און האַרצקלאַפּן צוגעפּאַסט צום ריטם פון די פּאַרגעקומענע געשעענישן. באַזונדערס אין „פאַרברעכן און שטראָף״ און „די ברידער קאַראַמאַזאָוו״.

שלום אַש אין זיין „וואַרשע״ שילדערט די עקזעקוציע ביי דער ציטאַדעל, אויסגעפּירט איבערן יונגן רעוואָלוציאָנער הורוויטש, בעת אַ זונען־אונטערגאַנג צופוסנס פון דער ווייסל. איין סימבאָלישע צייט־אידענטישקייט פון אונטערגאַנג. מיר ווערן אַזוי שטאַרק באַאיינדרוקט פון דעם געשילדערטן, נישט נאָר צוליבן עמאָציאָנעלן געפיל־מאָמענט, נאָר צוליב דעם מייסטערהאַפטן צונויפוועבן פון ריטם — צייט, שטימונג און קאָליר־ניואַנסן.

זלמן שניאור שילדערט אין זיין „נח פּאַנדרע״ דעם מאָמענט ווען פּאַנדרע מיט זיין פערד און וואָגן ראַנגלען זיך אין וואַסער. עס דראָט זיי דערטרונקען צו ווערן. דער צייט־פּראָצעס אינעם געשילדערטן איז אַזוי קרעפּטיק, אַז מיר לעבן ממש פיזיש איבער די סעקונדן פון עווענטועלער קאַטאַסטראָפע. איז אין דעם דער כּוח פון טאַלאַנט. דער קינסטלערישער שטאָף, דער ריטם און די צייט אייניקן זיך אין איין סטרוקטור.

דער אַספּעקט פון צייט איז ווייט נישט קיין מעכאַנישער, וועלכער טיילט זיך אין נעכטן, היינט און מאָרגן. די צייט־אָפּשניטן באַגלייטן אומגעהויערע גרויסע כּוחות פון דינאַמישער אַנגעלאָדנקייט, אינעם גאַנג פון דער קולטור־אַנטוויקלונג. יעדער צייט־אַספּעקט פּאַרמאָגט זיינע סטימולן. דער ראָמאַן פּאַרמאָגט זיין שפּעערישע אינספּיראַציע אין אַלע צייטן, אָבער באַזונדערס אינעם עבר. די דראַמע נייטיקט זיך אומבאַדינגט אין דיסטאַנץ פון צייט. היסטאָרישע באַטראַכטונגען, רעמיניסצענצן און מעגלעכקייטן פון קאָנען אורטיילן די ליידנשאַפטן פון נאָסטאַלגיע, וועלכע שפּילן אַזאַ וויכטיקע ראָל אינעם דיכטערישן שאַפן — נערן זיך דער עיקר פונעם פאַרגאַנגענעם.

די קעגנוואַרט — איז דער גורם פון די צאַפּלדיקע רעאַקציעס און אויסברוכן פונעם מאָמענט, אַ דירעקטער שטויס פון דינאַמישע קרעפטן, פאַראַנענע אין דער סטיכיע פונעם שעפער.

די צייט־פּערספּעקטיוו אינספּירירט מחשבה, באַהעלט די וויזועל־עמאָציאָנעלע ווייטקייטן אינעם קינסטלערס דמיון, דערמעגלעכט אים אַרייג־צובליקן אין דער צוקונפט.

דערפאַר קען מען אַנאַליטיש באַטראַכטן און באַהאַנדלען די פאַרשי־דענע קונסט־פאָרמען, די זשאַנערן און די סטילן פון דאָזיקן אַספּעקט אַרויס, אַ זאַך וואָס קען באַשטעטיקן די הנחה וועגן צייט־ריטם פון אַ תּקופה.

ה

י. ל. פּרץ, ש. אַנסקי און ה. לייוויק אין דער דראַמע

דער סימבאָליזם אין דער דראַמע

דער סימבאָליזם, די אַלעגאָריע זענען געקומען צום אויסדרוק נאָך דעם ווי מען האָט זיך איבערגעזעטיקט מיט די אידעען פון דער פּאָזי־טיוויסטישער פילאָזאָפיע, מיד געוואָרן פון דעם שטרענגן נאַטוראַליזם אין אַלע זיינע וואַריאַנטן, ווי דער וויסנשאַפטלעך אָביעקטיווער מעטאָד, דער מאַטעריאַליזם און פּסיכאָלאָגיזם און שפּעטער דאָס זוכן די שלימות פון דיאַלעקטישן צוזאַמענהאַנג פון דערשיינונגען אין דער האַנדלונג, אין דראַמאַטישן געבוי פון סיוזשעט, אין זיין היסטאָרישער אידענטישקייט, ביזן זוכן לאָגיק אין דער ספּעציפישער אַטמאָספער און איינצל־קרעאַציע.

עס איז געקומען אַ רעאַקציע און אַ ווידערווילן, צו בלייבן ווייטער פאַרקנעכט צום נאַטוראַליזם, וועלכער איז פרעמד דער עצם נאַטור, ווייל ער דערלויבט נישט דערהייבן די שאַפונג צו די הייכן פון איראַציאָנעלן אַנטפּלעקן פון די עלעמענטן, באַהעפטן זיך מיט די לירישע, פּאָעטישע אייגנשאַפטן, פּאַראַנגע אין דער נאַטור און אין מענטש — די לעבנס־דראַמע.

עס זענען געקומען די סימבאָליסטן אין דער דראַמע, ווי מעטערלינג, קלאָודעל און אַנדערע, וואָס האָבן באַפרייט דעם סיוזשעט, די פאָרעם פון קאָנווענציאָנעלע העמונגען און אַרויסגעפירט די דראַמע למרחבים.

דער סימבאָליזם, די אַלעגאָריע, איז געקומען צום אויסדרוק אין די פאַרשיידנסטע וואַריאַנטן: אין דער רעליגיעזער מיסטעריע, אין דער קבלה, באַזונדערס דורך ראָמאַנטישן אַראָמאַט פון סוראַאַלע עלעמענטן, זייער ריט־מישער האַרמאָניע. דאָס מעטאַפיזישע האָט באַקומען זיין פולן תיקון. דער סימבאָליזם האָט שפּעטער אויך געהאַט זיין אויסדרוק אין די טענדענצן פון היסטאָרישן רעאַליזם, אין די רעוואָלוציאָנערע שטרעבונגען און נאַציאָנאַל באַפרייערישע אידעען. גענוג צו דערמאָנען אייניקע נעמען: קאַפקאַ און ווערפעל, אָדער וויספּיאַנסקי, פּרץ, לייוויק, אַנסקי א״אַ.

אין תּוך גענומען איז דער סימבאָליזם פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַשטימטן שטעמפּל, אַ שאַבלאָן, אַ מין פּסעוודאָנים פאַר אַנטפּלעקן רעאַלע דערשיינונגען און געשטאַלטן, אויסמיידנדיק דאָס דירעקטע און אוממיטל־באַרע, באַווייזנדיק דעם „נישט דאָס בין איך אויסן" און „נישט דער בין איך".

דער העלד אין דער סימבאָלישער דראַמע און דער שוישפּילער זענען באַלאַסטעט געוואָרן מיט אויפגאַבן. אַנשטאָט צו פּרעזענטירן זיך, זייערע אייגנשאַפטן און ליידנשאַפטן, באַדאַרפן זיי פּרעזענטירן געדאַנקען, אידעען, קאַטעגאָריעס און פּראָבלעמען; אַנשטאָט לעבעדיקע בלוט־ און פלייש־מענטשן, האָבן מיר באַקומען גאַנצע פילאָזאָפישע סיסטעמען, וועלכע רעדן אַרויס פון אַקטיאָר. זייער אָפט האָט זיך דער סימבאָל און אַלעגאָריע פּרע־זענטירט אין פייגל, חיות, געשפּענסטער, פאַנטאַסטישע געשטאַלטן אדג״ל.

דער סימבאָליזם איז געווען אָנגעלאָדן מיט פּאַטאָס פון הומאַניסטישן לעבנס־זין. צום אויסדרוק זענען געקומען נשמה־קאָנפליקט, מאָראַלישער געראַנגל, וואָס האָט געפירט צו מוסר־השכל פון יחידישער און סאָציאַלער דערהייבונג.

דער סימבאָליזם האָט דערגרייכט זיין קולמינאַציע אין דער שאַפונג. נאָך דעם איז געקומען צו אַ סטאַגנאַציע. נייע געדאַנקען, ניי־גייסט מעטאַ־מאָרפאָזן האָבן אָנגעהויבן אויפטויכן. נייע באַגריפן פון עסטעטישע ווערטן האָבן פאַרנומען דאָס אָרט פון קאָנווענציאָנעלן סימבאָליזם.

טייל מאָל פאַרגנבעט זיך אַ געדאַנק, אַז סימבאָליזם, אין זיין וועזן, איז פּרימיטיוו און אומבאַהאָלפן. צו וואָס דען דער פּסעוודאָנים, דער שיינ־באַר־ראָמאַנטישער שלייער? פאַרמאָגט דען דאָס דירעקטע, אוממיטלבאַרע, ווינציקער וויזועלע און עמאָציאָנעלע קראַפט? איז דען נישט מעגלעך אין

דער גלייכער ליניע, אין דער פּערפעקציע פון וואָרט, קלאַנג, באַוועגונג, דורכן שפּראַכלאָזן רמז, אַרויסצוהייבן די אינטעלעקטועלע לויטערקייט און אַטמאָספער פון באַהאַנדלטן און פאַרגעשטעלטן?

דאָס כאַראַקטער־אייגנאַרטיקע, דאָס טיפּישע אין יחיד און סיטואַציע פאַרמאָגן במילא סימבאָלישע פּאַראַלגעמיינערונג — דאָס דעדוקטיווע.

✶

קריטיקערס און ביבליאָגראַפן באַלייכטן איצט אויף ס'ניי די ליטעראַטור־ירושה — וועלכע שטראַלט ביז היינט און אויף דורות מיט דער קראַפט פון י. ל. פּרצעס שעפערישן פענאָמען.

מענדעלע איז דער מאָנער, די סאָציאַלע זאָרג און שאַרפע קריטיק איבער די פאַרהעלטענישן אינעם יידישן לעבן.

שלום־עליכם איז דאָס געמיט, דער הומאָר און ליבער שמייכל פון פאָלק.

י. ל. פּרץ איז די נשמה־יתרה, דער פּאַטאָס און טרוים פונעם פאָלק.

אין זיין שעפערישן מהות איז פּרץ געווען אַ סאָציאַל־עטיקער לויט זיין אידעען־וועלט, אַ מיסטיקער־ראָמאַנטיקער לויטן דיכטערישן געמיט. אין רויטער פאָדעם האָט זיך געצויגן פון זיין ראָמאַנטיק של מעלה און דער ראָמאַנטיק של מטה. צוויי פּאָלוסן — דער זעליש־עקזאַלטירטער מקובל און ערדיש־פאָלקסטימלעכער באַנציע. ווי זאָגט ש. ניגער אין שייכות צו פּרצן: „עס איז שווער צו דערקלערן וואָס ס'איז דער ראָמאַנטישער סטיל, אָבער עס איז לייכט צו זאָגן, וואָס ער איז נישט: ער איז נישט געבונדן, ער האָט נישט קיין פעסטע טראַדיציעס, ער ווייסט נישט פון קיין פאַרגליווערטע מוסטערן... ער איז פריי".

פּרצעס פרייער גייסט האָט דער עיקר אינספּירירט דאָס יחידיש־אינטימע, דעם „נאָך העכערן" ניגון, ווי די פּסיכאָלאָגיע פון כלל. דער דראַמאַטישער פּאַטאָס האָט דאָמינירט איבער סיפּור־המעשה, די דענקעריש קאַטעגאָריע איבער דערציילערישן לאַנגוויל, שטימונג איבער בילד.

„איך זוך קיין סיפּור־המעשה נישט — שרייבט פּרץ — איך לייען אויך נישט קיין נאַטור־באַשרייבונגען, זיי דערמאָנען דיר אין גאָרנישט, איך האָב אַזוי וויניק באַקאַנטשאַפט מיט דער נאַטור"... (ש. ניגער).

איז דעריבער דער צוועקמעסיקער מעדיום פּרצעס געוואָרן דער סימ־באָל אין זיין פולער דראַמאַטישער אַנלאַדונג, וואָס דרינגט פון זיין אידעען־מהות און איז צו גלייך געווען דער סימן מובהק פון זיין דור.

אַלע זיינע שעפערישע זשאַנגערן זענען אַן אָרגאַנישער צונויפגוס פון זעליש־אינטעלעקטועלער עקזאַלטאַציע, טרוימערישער וויזיע געהאַפטן מיט די דינסטע פעדים אויף דער קאַנווע פון די טיפסטע טיפענישן אין דער פאָלקס־לעגענדע, אין די אייגנאַרטן וועלכע וואָרצלען אין דער נשמה פון פאָלק.

פּרצעס פאַרלאַנג איז: געבן זיינע שאַפונגען אַ טעאַטראַלן תיקון ממש.

ערשט הייבן זיך אָן די גרויסע נישט פאַרויסגעזעענע שוועריקייטן — די ווידערשפּרוכן צווישן דראַמאַטישן שטאָף און דער סצענישער לייזונג. די אומדערמידלעכע פּרוון און כשלונות, רעזיגנאַציע און דאָס אָנהייבן פון דאָס ניי. פּרץ גיט פון זיך אַלץ: זיין פּערזענלעכע אַקטיווע באַטייליקונג אין דער שוואַרצער אַרבעט מיטן טעאַטער, די אומגעהייערע באַציִונג, ליבע און זאָרג, מיט וועלכע פּרץ איז געווען ליידנשאַפטלעך אַנגעלאַדן. „פּרץ האָט געהאַט פיל אַנטוישונגען — צו פיל איז פּרצעס צוגאַנג צו געשעע־נישן און פּראָבלעמען געווען געשטיצט אויף שטימונגען און דיכטערישע זעונגען, אַז דער דיכטער זאָל קענען אויסמיידן אַנטוישונגען ביים קאָנ־פראָנטירן זיינע וויזיע און טרוימען מיט דער ברוטאַלערווירקלעכקייט פון זיין צייט״ (י. טורקאָוו).

מיט וויפל שוועריקייטן האָט זיך פּרץ אָנגעטראָפן ביים גרינדן די פאַרשידנסטע געזעלשאַפטלעכע קאָמיטעטן פאַר שאַפן מאַטעריעלע הילף פאַרן יידישן טעאַטער. פּרץ האָט אַליין פיל געשריבן וועגן טעאַטער־פּראָ־בלעמען, ווי אויך רעצענזיעס איבער פאָרשטעלונגען, ער האָט פיל גע־פאָדערט פונעם אַקטיאָר, פונעם רעפּערטואַר, ער האָט געוואָלט זען אַ טעאַ־טער פון אַ מדרגה, וואָס זאָל דערהייבן זיך צו די אויפגאַבן, וואָס זאָל דינען דעם פאָלק. ער האָט געחלומט וועגן אַ גוטן נאַציאָנאַלן רעפּערטואַר, ווען נישט, איז נישטא קיין אומגליק צו שפּילן דראַמעס פון פרעמדער ליטעראַטור.

„דער קינסטלער — באַהויפּטעט פּרץ — מוז האָבן פּערספּעקטיוו פון צייט. דאָס וואָס איז פאַרגאַנגען אין לעבן קאָן אויפשטיין אין ליד; דאָס וואָס איז נאָך נישט געשען, קאָן ווערן געחלומט״... אאַז״וו.

פרץ האָט געזען אויב נישט דעם געבורט, איז דעם סאַמע אָנהייב פון טראַגישן מיספאַרשטענדעניש, וואָס באַגלייט דעם טעאַטער. נישט וועגן אַזאַ טעאַטער האָט געטרוימט דער מפונק און פאָלקס־אַריסטאָקראַט פּרץ.

פּרץ איז נישט בלויז דער דעה־זאָגער און אַרונטערדייסער פון שונד, נישט נאָר דער מעצענאַט און טעאַטער־עסקן, ער איז אויך דער וועקער און רופער צו אַ נייעם וועג אינעם טעאַטער, וואָס זאָל אָנשטיין דער קולטור פון פאָלק. פּרצעס היסטאָרישער פּאַטאָס, די אינטעלעקטועלע קאַטעגאָריעס — קענען גראָד היינט האָבן אַ תּיקון אינעם ניי־צייטיקן טעאַטער און רעזשיסעריש־טעאַטראַלע מעגלעכקייטן. „ביי נאַכט אויפן אַלטן מאַרק" וואַרט אויף דער באַנייטער נייצייטיקער רעזשי־קאָנצעפּציע.

✶

שווער צו זאָגן וועלכע סטימולן עס האָבן באַוויגן אַנסקין אין זיין שעפערישער אַרבעט: די קינסטלערישע קריטעריע אָדער די געזעלשאַפט־לעכע. ער האָט דורכגעמאַכט אַ קאָמפּליצירט לעבן, וואָס האָט באַקומען אַן אויסדרוק אין זיין שאַפן.

אין די אַכציקער יאָרן האָט אַנסקי אויף אַ צייט פאַרלאָזט די יידישע סביבה. ער איז געווען אַ לערער, שפּעטער — אַ פּשוטער אַרבעטער אין די זאַלץ־מינעס נעבן טולאַ. זיין פרייע צייט האָט ער אָפּגעגעבן אויף שטו־דירן די רוסישע ליטעראַטור און פאָלקלאָר. דערביי פיל ענערגיע גע־ווידמעט די פּויערים און גרובן־אַרבעטער.

אַזוי האָט אַנסקי געפונען דעם וועג צו דער סאָציאַליסטיש־רעוואָלו־ציאָנערער באַוועגונג און אַקטיוו זיך אין איר באַטייליקט סיי אין רוסלאַנד, סיי אין דער שווייץ, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, ווו ער האָט יאָרן־לאַנג געוווינט.

צו באַגרייפן אַנסקין דעם שרייבער איז נייטיק צו דערקענען אין אים דעם רעוואָלוציאָנער, בונטאַר און מענטשן־פריינד.

אַ באַזונדער וואָגיקע באַדייטונג האָט זיין פאָלקלאָר־פאָרשערישע אַר־בעט, די רייכע זאַמלונגען. נישט בלויז מיט יידישן פאָלקלאָר האָט ער זיך באַשעפטיקט, נאָר אויך מיט רוסישן און פראַנצויזישן, אין דער צייט ווען ער האָט געלעבט אין פּאַריז.

איך וועל זיך אָפּשטעלן אויף איינעם פון די זשאַנערן אין אַנסקיס שאַפונג, וואָס האָט אים באַזונדערס באַרימט געמאַכט אין דער ליטעראַטור: די דראַמאַטורגיע.

די אייגנאַרטיקייט, מיט וועלכער אַנסקיס דראַמעס האָבן זיך אויסגעצייכנט — איז געווען דער פאָלקסטימלעכער כאַראַקטער זייערער. אַנסקי האָט געפורעמט זיין דראַמאַטישן שטאָף אויף די מאָטיוון פון פאָלקיש־רעליגיעזע מעשׂיות און גלייבונגען, וועלכע האָבן צו יענער צייט טיף געוואָרצלט אין דער פאָלקס־פאַרשטעלונג, באַאומרויִקט די געפילן און נייגיר.

דער רעאַליסט־עטיקער, וועלכער איז געשטאַנען נאָענט ביי די קוואַלן פון פאָלקלאָר, האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז דער כּוח פון דראַמאַטישער (ווי יעטוועדע קינסטלערישע שאַפונג) איז דאָרט, ווו דער מאָטיוו נעסטעט אין דער ספּערע פון פאָלקס־אייגנאַרט, אין די ליידנשאַפטן, וואָס בילדן דעם צופּלוס און אָפּפלוס פון שעפערישע לעבנס־אימפולסן.

פאַראַן שאַפונגען (און גוטע שאַפונגען, געפורעמט אויף לעגענדע), וועלכע ווערן אָבער מיט דער צייט פאַרגעסן, שטאַרבן אָפּ צוזאַמען מיט דער לעגענדע. ביי אַנסקין — פאַרקערט. דורך זיינע דראַמעס האָט די פאָלקס־מעשׂה באַקומען אַ פולן תּיקון, דויערהאַפטע בירגעררעכט אין פאָלק. דאָס איז דערפאַר, ווייל אַנסקי איז — אויסנוצנדיק אין פולער מאָס די מיסטישע קאַנווע אַלס פאָן צו זיינע שאַפונגען — ווייט געווען פון צו זיין אַ מיסטיקער.

אַנסקי האָט, ווי פּרץ, געגרייכט צו פאָלקסטימלעכע געשיכטעס. פּרץ — דער רעאַליסט־ראָמאַנטיקער — האָט דאָס רעאַלע געבראַכט צום אויסדרוק דורך סימבאָלן און מיסטישע אימפּרעסיעס (ווי צו יענער צייט דער פוילישער שרייבער ווייספּיאַנסקי). אַנסקי — דער סאָציאַל־עטיקער און רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיקער, האָט איבערגעפורעמט, דערנענטערט, אויפגעלייזט דאָס מיסטישע, דאָס פאַנטאַסטיש־אַבסטראַקטע אין סאָציאַל־רעאַלן און מוסר־השׂכּלדיקן.

ער איז ווייט געווען פון משׂכּילישער מוסר־זאָגעריי. נישט געווען קיין פּאַסיווער עדות פון זיין צייט און דור. ער האָט גוט פאַרשטאַנען די פּראָצעסן פון סאָציאַל־דיפערענציאַציע אין פאָלק.

...אַז מ׳לייטערט אויס די זינד אין אַ שטאַרקן פייער, ווערט פון דער העכסטע טומאה די העכסטע קדושה („דבוק״). דער משולח האָט איבער־

דערציילט סענדערן, אַז — ווען אַ שויב איז דורכזיכטיק, זעט מען דורך איר די וועלט; אָבער אויב די שויב איז באַזילבערט — זעט מען נאָר זיך אַליין...

פיל גוטע דראַמאַטישע ווערק פאַרמאָגן אַ חסרון: זיי זענען נישט טעאַטראַל. אַנסקי האָט פאַרמאָגט טיפן חוש פאַר טעאַטראַלקייט. זיין „דבוק" האָט נישט געפאָדערט קיין באַזונדערע רעזשיסערישע איבעראַרבעטונגען, סיי אין דער סאָציאַלער קאָנצעפּציע ביי וואַכטאַנגאָוון אין „הבימה", סיי ביי דער פאָלקס־לעגענדאַרער קאָנצעפּציע פון דוד הערמאַן ביי דער „ווילנער טרופּע". ער האָט געוווּסט צו האַרמאָניזירן דעם דראַמאַטישן פאַקטאָר מיטן טעאַטראַל־שוישפּילערישן עלעמענט.

ער איז דער מייסטער פון געצוימטן דיאַלאָג, וואָס באַלעבט און באַוועגט די גאַנצע דראַמאַטישע האַנדלונג.

אַ שלל פון פאָלקס־פּאַטאָס איז פאַראַן אין זיינע דראַמען. גלייכצייטיק ברענגט ער צום אויסדרוק דאָס כאַראַקטערפולע און פּסיכאָלאָגיש־אייגנאַרטיקע פון יעדן העלד באַזונדער און דורך זיי לאָזט ער פאַנאַנדערשפּילן די קאָנטראַסטפולע ליידנשאַפטן, קאָנפראָנטירט אין זיי דאָס דערהויבענע און געפאַלענע, דאָס עכטע און צווייפלהאַפטע. דורך זיינע העלדן ברענגט אַנסקי צום אויסדרוק זיך און זיין אידעיִשע וועלט.

דורכן מויל פון לאהן פרעגט אַנסקי אין „דבוק" — „...ווי זשע קאָן פאַרלאָשן ווערן אויף אייביק אַ נישט־אויסגעברענטע ליכט פון לעבן?"

„ניין, אַ מענטשנס לעבן גייט נישט פאַרפאַלן. אַז עמעצער שטאַרבט פאַר דער צייט, קערט זיך זיין נשמה אום אויף דער וועלט, כּדי צו דערלעבן די איבעריקע יאָרן, צו פאַרענדיקן די נישט געטוענע מעשׂים, דורכפילן די נישט־איבערגעלעבטע ליידן און פריידן..."

אַזוי האָט אַנסקי פאַרשטאַנען, נישט פאַרויסזעענדיק, אַז מיליאָנען יונגע נישט־אויסגעלעבטע לעבנס וועלן פאַרלאָשן ווערן.

צוזאַמען מיט פּרצן און דינעזאָן רוט אַנסקי אונטער איין אהל אויפן גענשער בית־עולם אין וואַרשע. אַרום זיי — אויסגעלאָשן יידיש לעבן. זיי באַוואַכן אָבער דעם גייסט פון די נישט־אויסגעלעבטע לעבנס — עס ברענט דער נר־תמיד.

✶

זעלטן ווען אַ דיכטער, אַ שריפטשטעלער זאָל זיין אַזוי אָרגאַניש פאַר־בונדן מיט די מיטצייטלערס פון זיין דור, ווי עס איז ה. לייוויק. ער איז קיין מאָל נישט אין אַ זייט פון פאָלקס־לעבן און זיין געראַנגל. ער איז דער דיכטער פון פאָלקס־געוויסן, דער עמוד־האש פון זיין דור.

לייוויק האָט נישט נאָר שרייבעריש, שעפעריש זיך אויסגעווירקט, נאָר אין אַ גלייכער מאָס געווירקט מיט זיין פערזענלעכקייט און מיט זיין גייסטיקן אויטאָריטעט, וואָס האָט זייט פיל יאָרן משפיע געווען דאָס פאָלק, באַזונדערס די יוגנט.

שווער אָפּצוטיילן לייוויקן דעם דיכטער פון לייוויקן דעם דראַמאַטורג. ער איז דיכטער אין זיינע דראַמעס און דראַמאַטיקער אין דער דיכטונג.

אין אַלע זשאַנערן פון זיין שאַפן איז בולט דער בפירושער חותם פון זיין אידעען־וועלט, פון זיין גייסטיקער אייגנאַרט, וואָס איז געווען די אייגנ־אַרט פונעם פאָלק: דער גאולה־מאָטיוו, אמונה, געראַנגל און רעוואָלוציאָ־נערער אויפברויז — דאָמינירן אין אַלע זיינע שאַפונגען.

ער איז ווייט פון צו זיין אידעיִש אַבסטראַקט, צעפלאָסן, ראַטלאָז — זיין סימבאָליק איז דורכויס פון צוועקמעסיקן כאַראַקטער. ער האָט דיכ־טעריש און דענקעריש אויפגענומען און אָפּגעהיט די משיחישע אידעען פון דור, געזען אין זיי די פּראַכט פון ראָמאַנטישער דערהויבנקייט, פאַר־שטייענדיק דערביי, אַז די משיח־אידעע איז געשיכטלעך דער דערוויז צו אַקטיווער גאולה־שטרעבונג פונעם פאָלק. די מיסטיק און סימבאָליק זענען ביי לייוויקן די ר״ת פון אַקטיוויזם, רעאַגירונגען און פאָלקס־צאַרן...

נישט פאַראַן אין לייוויקס שאַפונגען קיין קדוש־השם־העלדן לשם אומ־קום, הערא‌יִק לשם הערא‌יִק, גלייך ווי זיין אמונה איז נישט קיין פּאַסיווע. ביי לייוויקן זענען די ליידן נישט פאַרבונדן מיט וואַרטן אויף דער השגחה. אַלע די עלעמענטן זענען געקניפּט און געבונדן מיט קאַמף, ווידערשטאַנד, רעוואָלוציאָנערער דינאַמיק.

זאָגט לייוויק אַליין: „פּאַסיוו איז נאָר דאָס, וואָס לעבט נישט, און אַפילו בנוגע דעם בין איך אויך נישט זיכער. איך בין נישט זיכער, צי דער טויט אַפילו איז נישט עפּעס אַזוינס, וואָס איז זייער אַקטיוו. איך בין נישט זיכער צי די שוואַכסטע, אַזוי גערופענע רעזיגנאַציע — איז צו מאָל נישט

דער אַקטיוויסטער, ענערגישסטער מרידה־אַקט, וואָס שפּילט זיך אָפּ אויף דער אַרענע פון פּסיכישע מאַניפעסטאַציעס.

ווען מען הייבט אויף די האַנט, זאָג איך: ענטפער אַנטקעגן מיט צוויי הענט, און אויב מען דאַרף — מיט צען הענט...״

אומעטום אין זיינע שאַפונגען: אין „גולם״, „קייטן״, „מהר״ם פון רוטנבערג״, „שאָפּ״, „שמאַטעס״, אָדער „חתונה אין פערנוואַלד״ קומען די טענדענצן צום אויסדרוק.

דער „גולם״ געהערט צו די בעסטע דראַמאַטישע ווערק, וועלכע אונדזער ליטעראַטור פאַרמאָגט. סיי צוליב דער חשיבות פון היסטאָריש־לעגענדאַרן מאָטיוו, צוליב דער פירנדיקער אידעע, סיי צוליב דער מייסטער־האַפטער דראַמאַטישער קאָנסטרוקציע.

פאַראַן אין „גולם״ צוויי דערשיינונגען: דער מהר״ל און דער גולם, וואָס דאַרפן ווערן באַטראַכט פאַר צוויי פונקציעס אין איין אָרגאַנישער אידעע. דער מהר״ל — ווי די עקזאַלטירטע גייסטיקייט, די אויפגעהייטערטע וואַכזאַמע, שטרענג אַקטיווע נאַטור, באַפליגלט מיט אַ מיסטישן גלויבן אין זיין שליחות אויסצולייזן דאָס פאָלק. די אידעע אַליין איז ווינציק צו זיין אַקטיוו ווירקזאַם, שאַפט דער מהר״ל דעם גולם — ווי די פיזיש־ביאָלאָגישע רויע קראַפט, ווי אַ טייל פון זיך. און ווען עס קומט אַ מאָמענט, ווען די גולם־געשטאַלט שפּרייזט אַריבער דעם תּחום פון זיין שליחות און איז מער נישט סובאָרדינירט זיין שעפער, דעם מהר״ל (די דערשיינונג איז אַן און פאַר זיך אַ גרויסע פּסיכאָלאָגישע און היסטאָרישע טאַטזאַך) — דאַן איז דער גייסט געצוווּנגען צו צוימען און אַפילו צעשטערן די פונאַנדערגעשפּילטע פיזישע עקזעקוטיווע קראַפט, וועלכע דראָט צו ווערן אַ פאַרניכטונגס־מאַשין לשם פאַרניכטונג און מיידט זיך מיט די עצם גאולה־צילן.

אין „מהר״ם פון רוטנבערג״ איז די אידעע וועגן הערויִק, די נאַציאָנאַלע און מענטשלעכע ווערדע, די קדוש־השם־פּראָבלעם — ענג געבונדן מיט דער צוועקמעסיקייט, מיט די רעאַלע אויסזיכטן פון דער לייזונג. זיין העלד קלייבט אויס די ליידן און די פּינצטערע גריבער פונעם דופס אויפן אָרט פון הכנעה. דעצידירט זיך אָבער צו אַקטיוון ווידערשטאַנד אַנשטאָט עקדת־יצחק.

לייוויקן זענען נישט פרעמד די קלאַסן־ווייען אין „שאָפּ״. ער הערט

זיך איין אינעם סאָציאַלן אומרו אינערהאַלב דער גזעזעלשאַפטס־אָרדענונג. נישט נאָר דער עבר אינטערעסירט אים — נאָר אויך דער היינט. אין אַמעריקע האָט ער דערשפּירט דעם ריטם פון דאָרטיקן לעבן און אין דער פולער מאָס באַנומען די פּראָבלעמאַטיק פון יידישן לעבן אין איר גאַמע פון סאָציאַלער דיפערענציאַציע, געזען דעם באָס און דעם אַרבעטער, די שטרייקן און די פאָדערונגען.

נישט פרעמד איז לייוויקן, דעם רעוואָלוציאָנער פון גייסט און געדאַנק, דער קייטן־געקלאַנג פון געקאָוועטע מענטשלעכע אידעען, די פּיַין פון יענע, וועלכע האָבן אויף הפקר געוואָרפן זייערע לעבנס. לייוויק האָט באַלויכטן אין „קייטן" דעם גורל פון אַ חורב געוואָרענער אידעע, דעם פונאַנדער־ריס פון אַ תקופה.

אָדער נעמט לייוויקס „חתונה אין פערנוואַלד". מיט אַ וואָסער אומ־געהייערער קראַפט שילדערט ער דעם גורל פון משפחות, צעשטערטע פון חורבן. דאָרט האָבן מיר אַ וועלט פון האַלב לעבן, האַלב טויט, ווו ס׳שפּילן זיך פונאַנדער דער יאָ־ און נישט־זיין, פון וועלן און קענען ווייטער לעבן אָדער נישט, פון אָפּשליסן דעם סוף אָדער אָנהייבן פון בראשית.

די געשטאַלט פון אליהו הנביא, — די פאַרקערפּערונג פון לעבנס־ווילן — רופט, מאָנט, טרייסט, לײַטערט און היילט. ער איבערצייגט, אַז דאָס רעשטל לעבן געהערט נישט דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר פאַרקערט. די אומ־געקומענע וועלן געפינען מנוחה, זייער תיקון־נשמות אינעם המשך, אינעם נײַ־ווידערגעבורט.

דער דיכטער האָט אַריינגעפירט די משיח־געשטאַלט, ווי איינע פון די פיל אומגעקומענע אין דאַכאַו. ער ווערט זיך, אויף ס׳נײַ געבוירן צו ווערן. „מיט וואָסער רעכט?" — פרעגט ער. אליהו הנביא איז גוזר אויף אים ווייטער צו ווירקן, דערפילן די מיסיע.

אין אַלע לייוויקס דראַמעס קומט צום אויסדרוק דער קאָנפליקט נישט נאָר אין דער האַנדלונג. דער קאָנפליקט איז פאַראַן אין יעדן העלד באַ־זונדער, אינעם דיאַלאָג מיט זיך אַליין, אינעם כאַאָס פון צעשטורעמטע מענטשלעכע ליידנשאַפטן.

לייוויק, דער נאַציאָנאַלער שרייבער, איז פאַרבונדן מיטן גייסטיקן אוניווערס. ער איז ייד ווייל ער איז מענטש. ער איז דער דיכטער פון קאַמף און גאולה, פון קיום־העם און אהבת־ישראל.

י. מ. ווייסענבערג

(די אינטויִטיווע עקספּלאָזיע)

י. מ. ווייסענבערג, דער יורש פון פּרצן און איינציַיטלער פון נאָמבערגן און אַשן, האָט פאַר זיך אויסגעקליבן אַ באַזונדערן וועג אין דער ליטעראַטור. נישט די מיסטישע ראָמאַנטיק פון פּרצן, נישט די עסטעטישע קדושה פון אַשן האָבן דאָמינירט אין זיין שאַפונג. ווייסענבערג האָט פון די ערשטע דערפילט אין רעאַלער פאָרעם דעם נייעם אָנזאָג, דעם נוסח פון דער צייט. מיט זיין אומגעהייערער קראַפט פון אינטויִטיוון פילן האָט ער באַמערקט, דערשפּירט און אַריינגעדרונגען אין נאָר וואָס אויסגעפּיקטן קערן פון סאָציאַלער דיפערענציאַציע, וועלכע איז פאַראַן אין יידישן לעבן. נישט נאָר בלויז די יידישע נויט איז אים געווען נאָענט און אייגן, נאָר אויך דער שטילער פאַרבאָרגענער פּראָטעסט, וואָס איז אַנטשטאַנען אין די דעמאָלט נאָך פאַרנעפּלטע שיכטן פון קלאַסן־קאַמף געפיל.

ביי פּרצן האָט „באָנטשע" געהאָרעוועט און געליטן פאַרבאָרגן, אַלע ליידן אָנגענומען באהבה, און אים האָט נאָך נישט דערוואַכט דער אינסטינקט פון פּרוון טראַכטן „פאַרוואָס?" ביי ווייסענבערגן הייבן די סטאָליערס, שוסטערס און שניידערס אָן פאַרשטיין די שפּראַך פון קלאַסן־קאַמף, ווי דעם ספּאָנטאַנעם אינסטינקט פון האַס, פון נקמה פאַרן אומרעכט צווישן באַלעבאָס און אַרבעטס־געבער.

אין זיין „שטעטל" און אין אַ ריי אַנדערע שאַפונגען איז פאַראַן אַ גאַלעריע סאָציאַל־ווירקנדיקע לעבנס, וועלכע צייכענען אין בולטע שטריכן די אָנהייב־סטאַדיע פון רעוואָלוציאָנערער דערוואַכונג, פון בונטאַרישקייט און אינערלעכן דראַנג צו ווידערשטאַנד.

דאָס ערשטע מאָל געביילטע פויסטן.

דאָס זענען די צייטן, ווען די אַרבעטער־יונגען און געזעלן זענען „אָנגעשטעקט" געוואָרן פון די ביאַליסטאָקער און וואַרשעווער שטרייקערס. זיי האָבן זיך געבונטעוועט און נאָך נישט געהאַט קיין געניטע פאַרשטעלונג וועגן די צילן, און געוויס נישט וועגן קיין פּראָגראַמען. פאַרגלוסט זיך די געזעלן־יונגען פאַרלייגן די הענט — ס'איז שטרייק. אין „שטעטל" טרעפן מיר זיך אָן מיט דעם ערשטן געגרינדעטן פאַראיין „אחדות", פאַר וועלכן די באַלעבאַטים ציטערן ווי פאַר פייער.

וויסענבערג האָט נישט ליב איינצוהילן די טומאה אין דער קדושה. ער ליידט נישט דעם פאַראוואָן פון אויסגעקליגלטער נאָבלקייט, וואָס פאַרשטעלט די רויע גראָבקייט. פאַרקערט, זיינע העלדן זענען ביז זייער לעצטן אָטעמצוג נישט מוחל, זיי קענען רויִק די נשמה נישט לאָזן ביז זיי קילן נישט זייער אָנגעצאָרנטן געמיט פאַרן אומרעכט. ר׳ מאָטקע „טוט אַ הייב די האַנט און וואַרפט דעם שטיין — נאַ, ר׳ פתחיה״. ר׳ מאָטקע קערט זיך אָוועק און שרייט אויס: „גאָט, אַז איך האָב שוין מיין חוב אָפּגעגעבן, קונסטו דיינעם שוין נעמען!...״

זיינע מענטשן פון אונטערן דעק, פון יידישער נויט, זענען נישט קיין וואולגאַרע, סאָציאַל־טראַציקע, נישט ביאָלאָגיש־זשעדנע, נאָר ביז גאָר צאַרט, איידל. דאָס וואָרט פון האָס און פראָטעסט געלייטערט אין זיבן טייכן פון יסורים. וויפל ווירדע און שטאָלץ עס איז אין די כאַראַקטערן פון זיינע העלדן. מיט זעלטענער געניטקייט אַנטבלויזט וויסענבערג דעם קליינלעכן עגאָיִזם פון נישטיקע מענטשעלעך, וואָס ווילן מיט פרומע בליקן צום הימל פאַרהוילן זייער גראָבע געלט־גיריקייט.

די רעאַליסטישע שילדערונג זיינע, דער פּערסאָנאַזש, די מיליע, אין וועלכער עס וויקלט זיך פונאַנדער דער געצוימטער סאָציאַלער גערעַנגל איז נישט נאָר אַ פּסיכאָלאָגיש־מענטשלעכער פּראָבלעם נאָר אויך די פונקציע אין וועלכער עס אַנטשטייט דער ערשטער קערן פון סאָציאַלן רעוואָלט. עס ציט זיך איין רויטער פאָדעם פון „יעקל סטאָליאַר״ ביז הירש לעקערט. עס הערן זיך די ערשטע טענער פון אָנזאָג אינעם אַנטשטיין פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

כאַראַקטעריסטיש פאַר י. מ. וויסענבערג איז, וואָס דער דראַמאַטישער עלעמענט אין זיינע שאַפונגען דרינגט נישט אַרויס פון פּסיכאָלאָגיזירן דעם אינדיווידואַליסטישן נשמה־ווירבל פון די געשטאַלטן, נאָר די אינדיווידועלע דראַמע דרינגט ווי אַ רעזולטאַט פונעם סאָציאַלן קאָנפליקט. ער זוכט נישט פאַר דער האַנדלונג קיין האַסטיקע שטייגערונגען פון פּסיכאָלאָגישן קאָנפליקט, ער רעפלעקטירט גיכער די פונקציע פון אינדיווידום אינעם פּלאָנטער פון סאָציאַלער דראַמאַטיק.

אין זיין פאָרעם פון שילדערן איז ער קאָנקרעט און געצוימט. נישטאָ קיין שמץ פון טענדענץ צו עפעקט, צו מליצהשער פונאַנדערגעשפּרייטקייט. אויך די עראָטישע עלעמענטן אין זיינע שאַפונגען זענען פריי פון ראַפי־

נירטער גראַציע. אין זיי איז מער פּרימיטיווע הילפלאָזיקייט ווי זינלעכקייט. זיינע אַרבעטער און בעלי־עגלה־יונגען לעבן אַזוי ערלעך און אויפריכטיק ווי זיי אַרבעטן, ווי זיי ליידן און האַסן אינערהאַלב די קעמפעריש־בונטאַרישע נשמות זייערע.

א. מ. פוקס

א. מ. פוקס געהערט צו די מייסטער־פּראָזאַיִקערס אין דער יידישער ליטעראַטור. אין זיינע שאַפונגען ווערן מיט דער גאַנצער העלקייט אַרויסגעהויבן שטיקער לעבן פון יידן אין לעצטן האַלבן יאָרהונדערט אין מיזרח־גאַליציע און אוקראַיִנע.

דאָס איז די תקופה און די שכנותדיקע סביבה, וועלכע עס שילדערן אין זייערע ווערק שלום־עליכם, אַש, נאָמבערג, וויסענבערג, בערגעלסאָן, אָפּאַטאָשו, שניאור, וואַרשאַווסקי און אַנדערע. א. מ. פוקס האָט זיך שרייבעריש אויסגעהאָדעוועט צווישן דאָזיקן דור און אין דער אויסגערעכנטער פּלעיאַדע שרייבערס. מיט זיינע שאַפונגען האָט ער אַריינגעטראָגן אין דאָזיקן אוצר זיין סטיל, זיין אייגנאַרט.

שלום אַש האָט אַריינגעבראַכט שילדערישע רחבות, אויפגעהויבן העכער די הימלען איבערן יידישן שטעטל. אַנגעבנדיק דער סביבה אַ העלן קאָלאָריט, אַרויסגעהויבן דעם ראָמאַנטישן געמיט ביי זיינע העלדן; ז. שניאור איז געווען דער מייסטער פון האַנדלונג, פון אָנגעבן סטיל דער דינאַמיק פון יידישן שטייגער לעבן; אָפּאַטאָשוס יידן האָבן דערשפּירט די פּרישקייט פון שכנותדיקער וואַלדלופט, דעם אַראָמאַט פון זשיוויצע און דופטן פון פריש־געשניטענעם היי; י. וויסענבערג האָט איינגעאָטעמט דעם ביטערן געמיט פון דער יידישער נויט.

א. מ. פוקס געהערט צו די זעלטענע שריפטשטעלערישע אייגנאַרטן אין דער יידישער ליטעראַטור, וועלכע פאַרמאָגט אַ ביז גאָר אָריגינעל־קרעפטיקע פאָרעם פון שילדערן בילד, מיליע און טיפּאַזש.

פוקס שטאַמט פון יעזיערנע (גאַליציע), אַ קליין שטעטל, אין וועלכן ער האָט געלעבט, געחלומט, באַקומען זיין לעבנס־אוניווערסיטעט. דאָרט

האָט ער אין זיך איינגעזאַפּט און איינגעהויכט די זאַפּטן און קלימאַט, דעם ניגון פון פיינטלעכן אַרום, דעם צער און קרעכץ פון יידישן פאָלקס־מענטש, דעם עם־הארץ, וועמענס כּוח, סבלנות און גבורה זענען שפּעטער געוואָרן דער רוח־החיים און כּוח־הדמיון פון זיינע העלדן.

די יוגנט־יאָרן פון זיין שעפערישן אָנהייב האָט פוקס פאַרבראַכט אין דער היימישער אַטמאָספער, צוזאַמען מיט זיינע ליטעראַרישע בני־דור, ווי: מלך ראַוויטש, גראָס־צימערמאַן, כמעלניצקי, אורי צבי גרינבערג א״א און אַ געניט אויג וועט דערקענען די נאָענטקייט. אָבער פוקס איז נישט נאָר דער דערציילער פון יענער פאַרבנרייכער מיליע אינעם יידישן פאָלקס־לעבן, נאָר איז פאַרבליבן איינער פון זיי, אין זיין פּשטות, לעבנס־נוסח און לעבנסאַרט. פוקס איז נישט אַ נאַטוראַליסט — זיין אימפּעטיקער שיל־דערישער טראַנס הייבט אים אויף העכער איבער נאַטור־טרייעם קאָפּיזם. זיין שאַפן איז אַ צונויפגוס פון קערנדיקער רעאַליסטישער וואָר מיט דיכ־טערישער פאַנטאַסטיק. יעדע שורה פון זיין שילדערישן קוואַל איז באַ־הויכט מיט אינטימער וואַרעמקייט און פאָלקישער נאַיִווקייט.

זיינע העלדן זענען האַרעפּאַשנע, וואָכעדיקע, שווער־פאַרהאָרעוועטע מענטשן, געטרייע און צאַרנדיק־צעבונטעוועטע געמיטער, וואָס ראַנגלען זיך פאַר יעדן ביסן ברויט.

זיינע יידן טרעפט מען ווי וועכטערס אין פרעמדע סעדער, אין שניט־צייט אויף די פעלדער; זיי נעכטיקן נישט ווו זיי טאָגן, זיי זענען פּוס־גייערס פון דאָרף צו דאָרף; זומער אין די רעגן־שטורעמס און ווינטער אין די שניי־זאַווערוכעס. דער שטעקן אין האַנט און קלעפּיקער פּרנסה־זאַק אויף די פּלייצעס. זיינע מענטשן זוכן צו פאַרדינען אויף אַ לעבל ברויט מיט אַ הייפּטל קרויט, אַ פּאָר גרייצערס אויף נישט צו פאַרשעמען דעם פּאָסנעם שבת־טיש. זיינע העלדן איז אויך נישט פרעמד דער צער פון דער שטומער היימישער בהמה, פאַרהאָרעוועטן פערד.

אין די דערציילונגען פון פוקסן איז אפשר נישט צו געפינען די ברייטע מאָלערישע לייוונט, אויך נישט די קאָמפּליצירטע אויפבינדונג. ביי אים איז דער סיוזשעט ווי צוגעפּאַסט צום געשילדערטן פּערסאָנאַזש און האַנד־לונג. אויך דער טיפּאַזש אין פוקס דערציילונגען, די פּסיכאָלאָגישע קאַנווע, איז נישט קיין רייכפאַרביקע. ער באַמיט זיך באַוווסטזיניק צו גענעראַליזירן דאָס בילד פון יידישן שטעטל אין איינציקע געשטאַלטן, וועלכע חזרן זיך

איבער. אַפּילו די זעלבע נעמען. לייבע איז דער הויפּט־העלד אין פיל פון זיינע שאַפונגען. דורך דער פּריזמע פון לייבעס לעבנס־שטייגער, זיין פילן און רעאַגירן, וואַקסן אויס די געשטאַלטן צו דער פּערסאָניפיקאַציע פון פאָלק־געזונטן חוש, מיט וועלכן ס׳האָבן געלעבט, געליטן און זיך געראַנגלט די ברייטע שיכטן אין גאַליציאַנער יידישן שטעטל. דער שוואַרצער לייבע וואַקסט אויס צו אַ פיזיש־מאָראַלישן ריז, וואָס פּערסאָניפיצירט דעם אויס־דויער און די פאָלקס־גבורה במשך דורות לעבן אין אַ פיינטלעכן אַרום.

נישט קיין שוואַכלינגען, פּחדנים, זענען זיי און נישט קיין שטרויענע העלדן. אָנגעלאָדן מיט צאָרן, פאַרהאַרטעוועטע פון שווערן יאָך, יסורים, וואַכן זייערע אינסטינקטן אויף יעדער מעגלעכער געפאַר מצד די גוייִשע שכנים. זיינע יידן זענען נישט גרייט צו פאַרשווייגן קיין עוולה. פאַר שענדן זיין טאָכטער האָט לייבע געדולדיק אָפּגעוואַרט ביז דער רוטענישער אָפּי־ציר וועט אַהיים גיין פון זיין הולאַנקע, בכדי צו נעמען נקמה. לייבע קאָן אָבער אויך גובר זיין די שנאה צום שייגעץ, וועלכער איז באַפאַלן זיין שטוב, און ווען יענער קרעכצט פון ווייטיק, אַ צאַנקנדיקער אויפן שלאַכטפעלד, ברענגט אים לייבע הילף, אויף זיינע אַקסלען שלעפּט ער אים צו טאַטע־מאַמע אין דאָרף אַריין.

אין רוב פון זיינע דערציילונגען טרעפט מען זעלטן זיינע העלדן אין דער היים, זיי וואַנדערן. פונאַנדערגעשפּילטע דמיונות וועגן רונדע לאַבנס ברויט באַגלייטן זיי אין פינצטערע אָסיענדיקע נעכט און ווייסע שניי־טעג.

מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיינע חושים און כוח פון אינטויִטיוון שפירן מאָלט פוקס נאַטור, מענטש, סביבה, וועלכע ער פילט מער, ווי ער ווייסט וועגן זיי... אַזוי מאָלט ער די היימישע סביבה, שטייגער־לעבן, ווי אויך די אוקראַיִנישע פּאַנאָראַמע, דעם מענטש, דעם הימל, די גרינע לאָנען, די קאָרן־פעלדער און רויטע מאָן־בליטן, די ריטשקע, עפּל־סעדער, זייער אַראָמאַט, די כאַטעס מיט שטרוי־געדעקטע דעכער, דעם צוויט אויף דיביימער, דעם היי־שניט. ער פאַרשטייט די שפּראַך פון ווינטן און שטורעם. ער פילט, ווען די קלויסטער־גלאָקן רופן צו תפילה און ווען — צו פאָ־גראָמען, ער הערט די שטים פון שטומען אומרו, דאָס געוויין פון אַ דער־שטיקטער טרער.

פוקס איז אַ קרעפטיקער קאָלאָריסט. זיין פאַלעטרע פאַרמאָגט אַ רייכן פאַרבן־אוצר. מיט טעכנישער געשיקטקייט וואַרפט ער אָן זיינע שווערע

פאַרבן־פלעקן, אַרויסבאַקומענדיק די פולע פלאַסטישקייט אינעם געשיל־
דערטן בילד. זיינע שילדערונגען אַסאָציאירן און סובלימירן זיך אָרגאַניש;
קאָלאָריט און אַראָמאַט, שטימונג און געמיט. פוקס הערשט נישט נאָר איבער
דער פאַרבן־גאַמע, ביי וועלכער עס זענען בולט די קאָנטורן צווישן איין
ניואַנס און צווייטן, נאָר אונטערשיידט און שפּירט אַרויס דעם ניואַנס פון
טאָן אין „שווערע נאַכט־פינצטערניש, ווו ס'איז איינגעזאַפּט פאַרצויגענער
שרעק־געוויין פונעם אויפגעוועקטן קינד אין וויגל". פוקס זעט נישט נאָר
„ווייסע פרילינג־בליונג אויף די זילבערן אָנגעפּרוירענעביימער". ער לאָזט
זיך טיפער אונטער דעק, ווו „די שמאָלע שטיינטרעפּ געשפּאָלטענע מיט
איינגעפּרעסענעם אַלטן שטויב, מיט אָפּגעטרעטענע טריט־גריבער, האָבן
זיך געדריידלט, ווי רינגען פון אַ שלאַנג, אַראָפּ, אַראָפּ, ווי אין דער פינצ־
טערניש פון אָפּגרונט". אַהינצו גרייכט ער — ווו „נשמה ווערט פאַרשניטן
מיט צער פון דער וועלט". פוקס שפּירט די גערוכן פון דומפּיקע סוטערי־
נעס, דעם זיסלעך איבלדיקן טעם פון גיפּס, דעם זויערן גערוך פון הונ־
גער־געקעכטס, אויסגעמישט מיט זשאַווער־טראַפּנס און שימל־גרין.

אין זיין שרייבערישן קאָלאָריט דאָמינירן: טונקל־זשאַווער־ברוין און
טונקל־רויט, געוועלקט גרין, גרוי און אוגער־געל. ס'איז אים אָבער נישט
פרעמד אויך דער היפּוך דערפון: די ליכטיק־באַהעלטע בלויקייט פון שניי,
דער זילבער־גלאַנץ אויף געפּרוירענע וואַסער־טראָפּנס.

ריכטיק שטרייכט אונטער י. באַשעוויס אין זיין אַריינפיר צו א. מ. פוקס'
בוך „די נאַכט און דער טאָג", אַז פוקס איז נישט קיין פּרימיטיווער שריי־
בער, נאָר אַ מאָדערניסט. ער האָט אַריינגעבראַכט אין יידיש די געדיכטע
מאַלעריי, דאָס אָנלייגן פאַרבן איינע אויף די אַנדערע..."

פוקס איז געטריי דעם עטנישן קלימאַט פון זיין יוגנט־היים, געטריי
דעם מהות פון די שוואַרצע לייבעס, דעם דורות־לאַנגן אָפּווער־געראַנגל.
פוקס איז געטריי זיך — זיין אייגענער עמאָציאָנעל־עסטעטישער וועלט:
— דמיון און רעאַליטעט, פּשטות און ראַפינירטער נאַיווקייט.

נישט לייכט קומט אָן איינצובייסן פוקס' שפּראַך־פאַרעם, זיין שווערן
סטיל, די פאַרשוועדערישע פאַקטור פון געדיכטן פאַרבן־פלעק. דער זאַצ־
בוי זיינער איז לאַנג־אָטעמדיק, אָרגאַניש פאַרבונדן מיטן בילד און גע־
שילדערטן געמיט, אין די דערציילונגען פון העל און טונקל — קומען אין
פולן קאָנטראַסט צום אויסדרוק די דאָזיקע אייגנשאַפטן אין זיין שאַפן.

פוקס איז דער גרויסער קאָלאָריסט און אויפנעמער פון אַראָמאַט. ער סובלימירט קאָלאָריט, גערוך און געמיט אין אַ באַשטימטער אַטמאָספער פון די געשילדערטע אָביעקטן.

זייער אָפט פאַרגלייכט מען א. מ. פוקסן מיט י. מ. ווייסענבערגן. אַזאַ אַנאַלאָגיע איז אין אַ באַשטימטן זין באַרעכטיקט. פאַראַן וועזנטלעכע ענ־לעכקייטן אינעם כאַראַקטער פוןביידנס שאַפן, אין זייער טיפּאַזש און סאָציאַלער מיליע.

ווייסענבערגן, ווי פוקסן, טרייבט דער אינטויטיווער און ספּאָנטאַנער קוואַל. בייביידן קומט צום אויסדרוק די סאָציאַלע עקספּלאָזיע ביי די „אונטערשטע" שיכטן אין פאָלק, די רעאַקציע אויף אומרעכט, ווי אויך דער עלעמענט פון נקמה.

דער אונטערשייד אָבער, וואָס ביי ווייסענבערגן דאָמינירט דער קלאַסן־צאָרן, געצילט נאָר אין דער אייגענער סביבה, בעת ביי פוקסן דערשיינען די לייבעס ווי די לעגיטימע בעלי־בתים פון יידישן פאָלקס־גורל; זייער געראַנגל איז גלייכצייטיק אויך מיט דער אויסערלעכער פיינטלעכער, גוייִ־שער וועלט, זיינע העלדן בילדן די דאַמבע און שוץ־מויער קעגן באַליידי־קונג, שענדונג און פּאָגראָם — נקמה פאַר דורות. ווייסענבערג שטעקט אָן מיט פּעסימיזם, זיינע העלדן זענען רעגרעסיוו, פאַרביטערט. ביי פוקסן איז די פאַרביטערטקייט געבונדן מיט געזונטן הומאָר. אומעטום רייסט זיך אַדורך פרייִדיקער אָפּטימיזם, טראָציקייט צום גורל.

פוקס איז איבער די קאָנווענציאָנעלע גרענעצן פון רעאַליסטישער שילדערונג. ביי אים איז וויכטיק, פאַר אַלעמען, די פאַרהעלטעניש צווישן מענטש, די אומשטענדן, זייער שייכות צו די טויטע קעגנשטאַנדן, וועלכע ער איז מחיה־מתים דורך זיין שילדערישן טאַלאַנט.

ש. בערלינסקי

ש. בערלינסקי איז נישט געווען דער איינציקער צווישן די יידישע שרייבערס, וועלכער האָט געהאַט די פּריווילעגיע צו קומען פון דער יידי־שער אָרעמקייט, פונעם פאַרוואָרפענעם קליינעם שטעטל. איך ווייס נישט,

צי איז עס אַ מעלה, אָדער אַ חסרון. ביי בערלינסקין איז עס געווען אַן אייגנשאַפט, די צווייטע נאַטור, אין דעם זין, וואָס ער האָט צוגעאייגנט און געטראָגן אין זיך די מיליע, דאָס צאַפּלדיקע, כאַראַקטערפולע — דעם געמיט פון זיין סביבה, פון זיין שטאָם. ער האָט שרייבעריש אויסגעטראָגן מיט אחריות דעם עול — די שווערע יאָרן ליידן, מינוטן פרייד פון זיינע העלדן. בערלינסקי האָט נישט געפּרוּווט זיך אָפּטרייסלען פון זיין היימישער אַרומיקייט, געבליבן טריי זיך אַליין, זיין שעפערישן אייגנאַרט.

אינעם אַריינפיר צו זיין בוך „אַ לעבן גייט אויף" דערציילט בערלינסקי וועגן זיין יחוס. „איך האָב זיך געהאָדעוועט צווישן פּרויען מיט הענט, אויפגעלאָפענע מיט בלאָזן פון כלאָרעק, עסנדיקע סאָדע, פון דרענגען און רייבן אויף סוקעוואַטע וואַש־ברעטלעך".

בערלינסקי, ווי אַ מאָל ווייסענבערג, האָט בחוש דערפילט, אַז זיין לייב און לעבן, יעדע נשמה־וויבראַציע, אָטעמצוג געהערט איר — דער פאָלקסקערנדיקער און בלוט־קרעפטיקער יידישער סביבה.

מיט טיפער אינטויִציע האָט בערלינסקי געשילדערט, דערציילט, באַזונגען און אַפּאָטעאָזירט זיין היים, דאָס חדר, דעם סאָד, די בליט און בוים, דעם פויגל און דאָס גרעזל.

דער מענטש, וואָס האָט אין זיך געטראָגן די ביטערניש פון זיין צײַט, די אַנטוישונגען און שטרויכלונגען פון זיין דור און פון זיין אייגענעם לעבן, וועלכער האָט רעאַגירט אַזוי אָפט מיט זיין שפּיזלדיק גאַליקן וויץ, ביטערן הומאָר, דער זעלבער בערלינסקי האָט מיט אַזאַ דורכדרינגלעכקייט און גראַציע, מיט אַ פּאַסטעל־מאָטן קאָלאָריט געצייכנט זיינע סקיצן און נאָוועלן, געשילדערט מיט עכטקייט די ניואַנסן פון מענטשלעכן פילן.

גראָד דער אָפּשפּאָטער און אָפּחוזקער פון זיך און פון צווייטע האָט אויסגעדריקט אין זיינע שאַפונגען אַזוי פיל פריידיקן אָפּטימיזם, האָפענונגען, אָפט קינדער־באַגערן און חלומות.

דער טרויער פון זיינע העלדן איז פון לירישן טראַגיזם און נקמה־אויסברוכן. קיינער פון זיי לעבט נישט לייכט, די האַרעפּאַשנעקייט האָבן זיי בירושה. דער צאָרן און פּראָטעסט איז ביי זיי מער אינעם פילן, ווי אין רעאַגירן.

און ווען דער מאַמעס געמיט האָט זיך שוין שטאַרק צעווייטיקט און זי קאָן מער נישט צוקוקן אירע קינדערס הונגער־ליידן, האָט — „די מאַמע

זיך געדרייט פון ווינקל צו ווינקל, געביסן די ליפּן און מיט אַ מאָל אַרויס־געפּלאַצט אין אַ געוויין: כ׳על אַוועק, ווו די אויגן וועלן מיך טראָגן, יאָך קען נישט צוזען ווי די קינדער גייען אויס״. — און בערלינסקי גיט צו: — „די קינדער זענען פון פאַרמאַטערטקייט, פון וואַרטן אויף עסן, ביס־לעכווייז איינגעשלאָפן״.

נאָכן חורבן זעט בערלינסקי זיינע מענטשן שטיין שעהען־לאַנג ביי די ברוך־טיילן פון צעלעכערטע חורבן־ווענט, אויף נאַקעטע פּאַרוויסטע פעלדער, ראַיען זיך און נישטערן מיט ליבשאַפט און האַרצקלאַפּן אין די מיסטקאַסטנס, זוכן און געפינען דאָרט שפּליטערס פון כּלים, שטיקער ספר־תורה־פּאַרמעט, אָפּגעריבענע שילדן פון יידישע געוועלבער — אַ פונק פון רייכן אַמאָל. יעדעס גרעזעלע, בליִענדיקביימל, יעדעס שטיקל ציגל און שפּליטער פון צעבראָכענעם אויסלייג־פּענצטער, יעדעס ביישטידל פון אַ טיר, ווו אַ מזוזה איז געהאַנגען, פאַרמאָגט זיין שפּראַך, פאַרמאָגט אין זיך דעם סוד פון פאַרגאַנגענהייט.

ערלעך־פאַרווונדערטע, ביטער־אַנטוישטע שטייען זיינע מענטשן, פרעגן מיט די בליקן — פאַר וואָס? נישט ווי קיין לונאַטיקערס דרייען זיי זיך אויף דער נאַוואָמיעיסקע און פּולנאַצנע, גאַסן פון וואַרשע און לאָדזש, פון קראָקע און לעמבערג.

בערלינסקיס פּסיכאָלאָגישער רעאַליזם איז פריי פון וווּלגאַרן גרילץ. מאַן און פרוי דערנענטערן און באַהעפטן זיך מיט דער פיינקייט פון וואַסער־ליליעס ביי דער שײַן פון לבנה־ליכט. „ער האָט זיך נענטער צוגעלייגט צו איר ווײַסן קערפּער, איינגעשמעקט זיך ווי אין אַ פעלד, ווען די זוימען הייבן אָן אויפגיין און געפילט האָט ער, ווי ער ווערט מיט איר צוריק באַהעפט, ווי מיט דער וועלט — וואָס דער שׂונא האָט געוואָלט אויסשנײַדן...״

אין בערלינסקין האָט אומרו געהערשט. אַ מין וואַכזאַמע אומזיכערקייט, ווי ס׳וואָלטן אים באַאומרויִקט געפילן פון חשד. דערפון זיין אָפטע פאַרזיכ־טיקייט און אומצוטרוי צום אַרום, אַפילו צו די נאָענטסטע. אפשר האָבן זיך אין אים געראַנגלט צוויי געפילן, נאָך מער, צוויי קאָמפּלעקסן: גלויבן און זיכערקייט אין זיך, אין זיין טאַלאַנט, און פון דער אַנדערער זייט האָט זיין געמיט פאַרשאַטנט אַ צווייפל: און טאָמער אפשר נישט?

אַזעלכן פלעגט מען אים טרעפן אויף טלאָמאַצקע 13. אַ קאָכעדיקן, אַ מאָל אַליין ביי אַ טישל, נישט זעלטן האָב איך אים געזען אויף לעשנע,

אין רעסטאָראַן „ציגאַנעריאַ" אַריינבליקן אין זיינע מאַנוסקריפּטן. אין 1939, ווען די מלחמה האָט אונדז פאַרטריבן פון וואַרשע, האָב איך אים געטראָפן אין גלות קאָוועל, אַ וויצלענדיקן זיך אין דער ריי נאָך אַ טעלער זופּ, שפּעטער, נאָך דער מלחמה, אין מינכען, מיט דער שארית הפליטה, ווו ס׳איז דערשינען זיינס „אַ דור פון בראשית".

כ׳האָב געשטוינט, טרעפנדיק בערלינסקין אין לאַנד, אין קאָפּע „מאור" אַ צעשטראַלטן, אַ צופרידענעם, ווי קיין מאָל. אַ געמיטלעכן, פול מיט אָפּטימיזם און גלויבן, ליבשאַפט צו דער נייער היים.

אין דעם זין האָט ער טאַקע געשאַפן זיינע ישראל־בילדער.

✶

ווען מיר זענען געשטאַנען ביי זיין אָפענעם קבר, און אַ ווייל שפּעטער דערזען פאַר זיך אַ בערגל ערד, האָבן זיך דערמאָנט בערלינסקיס שורות אין זיין „אַ לעבן גייט אויף" („דאָס ערשטע מאָל"):

„דאָס גרינס אַרום איז ווי טויטע צויטן געהאַנגען. אַ שוואַרצקייט איז מיר נאָכגעגאַנגען, וואָס האָט אויסגעמעקט דעם בלוי אין יעדן געוויקס. די ביימער מיט פרוכט — שטעקנס אַריינגעשטעקטע. איך האָב געוואָלט באַרויקן מיין אומרו און האָב מיך אַנידערגעלייגט הינטער אַ בוים, אָנגעלענט, דערשפּירט דעם גערוך פון דער ערד און בין אויפגעשפּרונגען, ווי פון אַ ביס, ס׳האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט ווי איך ליג אין איר באַגראָבן, מען טראָגט מיך אַוועק פון דאַנען און מען פאַרשיט מיך אין איר".

י. ראַפּאָפּאָרט

ווער עס האָט נענטער געקענט י. ראַפּאָפּאָרטן, אָבסערווירט זיינע רעאַגירונגען, נאָך יעדן איבערלייענען אַ בוך פּראָזע אָדער פּאָעזיע — דער נאָר האָט פאַרשטאַנען, אַז ביי אים איז איעדע שעפערישע דערשיינונג ממש אַ זעלישע איבערלעבונג.

אַ שלעכט אָנגעשריבן בוך — לויט זיין קריטישן באַנעמען — האָט

אים אַרויסגעפּירט פולשטענדיק פון גלייכגעוויכט. ער פלעגט אויך נישט קענען מוחל זיין אַ גוטן שרייבער אַ סטיליסטיש־שפּראַכלעכן בלויז.

דאָס גלייכן אין פאַרקערטן פאַל, אַ בוך האָט געקענט באַרויִקן זיין געמיט. מיט התלהבות האָט ער געלייענט יעדע עכט־קינסטלערישע אויפ־ריכטיקע שורה.

ווי אָפט פלעגט ער אין אונדזערע באַגעגענישן ביי אים אין שטוב — נאָך אין וואַרשע, רימען די סטיליסטישע מעלות, די שפּראַך פון זשיטלאָווסקיס פילאָזאָפישע עסייען.

נישט שטענדיק, נישט אין אַלע פאַלן, איז ראַפּאָפּאָרט געווען גע־רעכט אין זיינע טענות לגבי קאָלעגן־שרייבערס. ער איז אָבער שטענדיק געווען ערלעך צו זיינע איבערצייגונגען, צו זיינע אַרויסגערוקטע קינסט־לערישע פאָדערונגען.

אויב יידישע ליטעראַטור־קריטיק קען זיך רימען מיט קולטור־פיינ־פיליקייט, איז עס ראַפּאָפּאָרט. זאָרגפעלטיק פלעגט ער נאָכפאָלגן דאָס גע־שאַפענע וואָרט, ווי אַ גערטנער נאָך זיין בלומען־גאָרטן.

ראַפּאָפּאָרט איז נישט געגאַנגען דעם אויסגעטראָטענעם וועג פון סטאַנ־דאַרטע באַגריפן אין דער קריטיק, נישט אָפּגעהיט די קאַטעדראַל־אַקאַדע־מישע פּרינציפּן, דעם נוסח פון „זאַכלעכן" אַנאַליטיקער. אַ דאַנק זיין גע־דאַנקען־קלאָרקייט, שאַרפזין און עמאָציאָנעלן כּוח פון אויפנעמען, האָט ראַפּאָפּאָרט — אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן — איבערגעזעצט דעם בעלעטריסט, דעם דיכטער אין דער שפּראַך פון דענקערישער קאַטעגאָריע, און פאַרקערט — איבערגעזעצט דאָס אינטעלעקטועלע אויף דער שפּראַך פון דיכטעריש־עמאָציאָנעלן. ער האָט געזוכט די דיאַלעקטיש־אָרגאַנישע פאַרבינדונג ביי די פאַרשידנסטע זשאַנערן אין קינסטלערישן שאַפן, די פאַרבינדונג צווישן דער האָריזאָנטאַלער רחבות אין דער פּראָזע, מיט דער פונקציע פון שפּאָרעוודיקייט אין דער דיכטונג. דעריבער איז פאַר ראַפּאָ־פּאָרטן אַזוי אייגנאַרטיק זיין אופן טראַקטירן טעמאַטיק. ער איז אויף דער צווישנבריק פון עסיי און קריטיק, עמאָציע און געדאַנק.

האָבן אים באַצויבערט: טרומפּעלדאָר, מיט זיין טרוימערישער נשמה און ווי אַ סאָציאַל־נאַציאָנאַלער פאַרווירקלעכער; ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע — פילאָזאָף, עטיקער און דיכטער; וואַן־גאָך — אינטערעסירט אים ווי אַ סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע דערשיינונג; אחד העם — דער נאַציאָנאַלער

גייסט פון אַ תקופה; צי גאָר די דיכטעריש־זעליש עקזאַלטירטע חנה סענעש, וועלכע גייט אויף און פאַרשווינדט אין פלאַמען פון טראַגישן פאַלקס־גורל.

נישט ווינציק קעגנערס האָט ראַפּאַפּאָרט פאַרמאָגט, אין דער ערשטער ריי — צווישן שרייבערס אַליין. ער איז נישט געווען קיין „בעל טובה". פאַר זיין שפּיזיקער — אָן־פשרהדיקער פען האָט ער טייער באַצאָלט. אויסער זיין געניט אויג און גוטן ליטעראַרישן געשמאַק האָט אים אויסגעצייכנט געוויסנהאַפטיקייט און אחריות פאַרן וואָרט — קריטישע כירורגיע איז ביי אים געווען נישט נאָר אַ באַרוף, נאָר אַן אייגנשאַפט.

שווער געווען פאַר אים צו באַהאַלטן טאַלאַנטלאָזיקייט. באַהאַנדלענדיק אַ שאַפונג האָט ראַפּאַפּאָרט געגרייכט צום יסוד, צעדריבלט די עלעמענטן אינעם געשאַפענעם סקעלעט, אַנטפּלעקט דאָס אַנעמיש־ראַכיטישע, דאָס צווייפלהאַפטע, אָבער אויך — די שפע פון עכטן טאַלאַנט.

באַזונדערס עמפינדלעך איז ער געווען אויף שפּראַך, צוועקמעסיקייט און עקאָנאָמיע אין וואָרט. ער האָט געזוכט די האַרמאָניע צווישן אַרויסגעבראַכטער אידייע און דער פּסיכאָלאָגישער וואָרשיינלעכקייט.

„דאָס עכטע וואָרט — האַלט ער — איז טאַט". אויב עס איז דאָ אַ תהום צווישן געשריבענעם און געלעבטן לעבן איז עס נישט עכט, איז עס אַן לעבנסזאַפטן „...דער שרייבער דערנענטערט זיך צום הייליקסטן שורש פון זיין וואָרט־אינסטרומענט — ווען דאָס וואָרט איז גליידך צו טאַט"...

ראַפּאַפּאָרט דער פאַרליבטער אין וועלט־ליטעראַטור האָט זיך באַצויגן צו דער יידישער ליטעראַטור מיט די זעלבע מאָסן ווי צו דער אייראָפּעישער. אָבער ער האָט געוואָלט זען אין דער יידישער ליטעראַטור דעם אינספּיראַטאָר צו די גייסטיק־נאַציאָנאַלע אויפגאַבן אינעם היסטאָרישן גאַנג פון אונדזער פאָלק. „...פּרץ, ביאַליק און ברענער זענען געווען די לעצטע נאַציאָנאַלע דיכטערס און שרייבערס — שרייבט א. גאָלאָמב — ווייל אַלס נאַציאָנאַלע דיכטערס קאָנען באַטראַכט ווערן בלויז די, וועלכע פילן די אַקטיווע אחריות פאַר דער צוקונפט"...

פּאָלעמיזירנדיק מיט א. גאָלאָמבן שטעלט פעסט ראַפּאַפּאָרט — אַז „ליטעראַטור שפּיגלט נישט אָפּ דאָס לעבן פּאַסיוו, נאָר זי באַווירקט דאָס לעבן, פאָרמירט עס, אָבער דעם שטויס צו ווירקונג באַקומט די ליטעראַטור פון לעבן"... ער קומט דעריבער צום אויספיר, אַז „די יידישע ליטעראַטור דערפילט נישט איר אויפגאַבע לגבי דעם יידישן לעבן. קיין

איין גרונט־פּראָבלעם אין יידישן לעבן האָט נישט געפונען קיין געהעריקן אָפּקלאַנג אין דער ליטעראַטור״...

„די טויטקייט פון אונדזער ליטעראַטור איז אַ רעזולטאַט פון דעם מוראדיקן זינקען פון אונדזער וויטאַלער נאַציאָנאַלער קראַפט. אַ ליטעראַ־טור, וואָס וואַקסט אויס אויף אַן אויסגעטריקנטן באָדן איז אַנעמיש״...

אויסער ליטעראַטור־קריטיק, עסיי, תנ״ך־פאָרשונג, האָט ראַפּאַפּאָרטן אויך באַשעפטיקט די געזעלשאַפט, די אידייען־וועלט פון מענטש און ייד. זיין אימפולסיווע פּאָלעמישע נאַטור דערלויבט אים נישט צו בלייבן אין אַ זייט, ער האָט אויף אַלץ רעאַגירט בליציק און מיט ליידנשאַפט.

אין די נאָך־מלחמה־יאָרן האָט ראַפּאַפּאָרט דורכגעמאַכט אַ ראַשיקע געדאַנקען־מעטאַמאָרפאָזע.

פון טעריטאָריאַליזם, פרייזלאַנדיזם, פרייהייטלעכן סאָציאַליזם — צו ציו־ניזם. הגם ראַפּאַפּאָרט האָט זיינע לעצטע צוויי צענדליק יאָר געלעבט אויף אַ קולטור־שעפערישן אינדזל אין וויטן אויסטראַליע, אָפּגעריסן פון יעט־וועדן גרעסערן יידישן צענטער, איז ער דאָך געבליבן אין קאָנטאַקט מיט דעם שעפערישן וואָרט.

ס׳וואָלט געווען איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז דער גורל האָט צו ראַפּאָ־פּאָרטן צו אָפט געשמייכלט. זיין געמיט איז געווען דער גורל זיינער. תמיד פאַרביטערט און אַנטוישט, אָבער אין וועלכע אומשטענדן ער זאָל זיך האָבן געפונען, האָט ראַפּאַפּאָרט, דער פען־קעמפער, נישט אָפּגעטראָטן פון שלאַכטפעלד, אין קאַמף פאַר זיינע פּרינציפּן; פאַר דעם וועג, וואָס האָט אים אויסגעוויזן צו זיין דער ריכטיקער און אמתדיקער.

דב בער מאַלקין

אויב עס איז באַרעכטיקט דער באַגריף פּערזאָניפיקאַציע פון פּוילישן יידנטום, איז דב בער מאַלקין געווען איינער פון די, וואָס האָבן פּערזאָני־פיצירט די בעסטע און שענסטע אייגנשאַפטן פונעם וועלטלעכן ייד אין פּוילן. אין זיין מהות און וועזן איז מאַלקין געווען אַדורכגעדרונגען מיט יידישקייט לויט זיין דענקען און פילן, לויט זיין לעבנס־נוסח — זייענדיק

גלייכצייטיק אין פולער מאָס אַן אייראָפּעער, לויט זיין אינערלעכער און אויסערלעכער עלעגאַנץ און קולטור. ער האָט ווערדיק און מיט אחריות געטראָגן אויף זיך דעם חותם פון זיין דור.

מאַלקין, דער גלענצנדיקער אָראַטאָר און לעקטאָר, האָט פאַרמאָגט שיינגייַסט, געדאַנקען־גלאַנץ, ראַפינירטע פאָרעם פון וואָרט. זיינע לעקציעס האָבן פאַרמאָגט וואָג, האָבן געשפּרודלט מיט יידישן הומאָר. זיין שפּראַך איז געווען לויטער, לייכט, דורכגעפּעדעמט מיט שאַרפזין. אַ נאָבעלער טאָן, צאַרטע סקעפּטיק, באַטעמט מיט מתנגדישע פעפערלעך, האָבן באַגלייט זיין יעדן געדאַנק. אַן פאַטאָס און אַן רעטאָרישע הוויות — אַ רויִקער איז ער געשטאַנען און גערעדט — באַאייַנדרוקט די צוהערערס, זיי סוגערירט.

מאַלקין איז געווען אַ שרייבער, דער מחבר פון פילאָזאָפישן און סאָציאָלאָגישן עסיי, ער איז אָבער אויך געווען דער שרייבער שבעל־פּה, אָן מליצה, אָן סענטימענטאַלן צושמעלץ, האָט ער גערעדט דירעקט און געווען שטרענג־מעטאָדיש אין זיין קריטישן באַטראַכטן. זיינע לעקציעס האָבן געקאָנט הערן פּראָפעסאָרן און פּאָלקס־מענטשן.

ד. ב. מאַלקין פלעגט זוכן די אָרגאַנישע פאַרבינדונג צווישן מוח און האַרץ, געדאַנק און נשמה, צווישן אינטעלעקט און עמאָציע. ווי האָט ער דאָס זיך טרעפלעך אויסגעדריקט אויפן אָוונט פאַר גלאַנץ־לעיִעלעס: וואָס פאַר אַ זין וואָלט געהאַט קאָפּלאָזע האַרציקייט און נשמהלאָזער שׂכל?...

אייגן און אָריגינעל איז געווען זיין קאָנצעפּציע אינעם אַנאַליז פון י. ל. פּרצעס שאַפונגען. ער האָט געזען אין פּרצן דעם ראַציאָנאַליסט־ראָמאַנטיקער און אַזוי אים אַרויסגעבראַכט. וויפל שיינקייט און הויכע באַציִונג איז געווען אין זיין לעקציע וועגן היינען.

מאַלקין פלעגט נישט ליב האָבן די חסידישע התפּעלות, אין וועלכער פאָרעם דאָס זאָל נישט זיין. מיט וויפל רעזערוו פלעגט ער רעדן וועגן די יידישע שרייבערס וועלכע זענען געוואָרן גאָטזוכערס, נאָכן צווייטן וועלט־קריג. ווען עס האָט אים אויף אַ סימפּאָזיום איינער פון זיינע אָפּאָנענטן פּראָוואָצירט וועגן פראַגן פון אמונה — האָט ער אויסגערופן: „ווילט איר דאָך איך זאָל דעקלאַרירן מיין יאָ אָדער נישט גאָט־גלויביקייט — ווער איר דאָס ביי מיר נישט פועלן. גלייך ווי ס'האָט קיין זין נישט צו דעקלאַרירן עפנטלעך די ליבע צו אַ באַשטימטער פרוי. דאָס זענען אונדזערע אינטימע סודות".

ד. ב. מאַלקין איז געווען אַ ליטעראַטור־ און טעאַטער־קריטיקער; אין דער ערשטער ריי אָבער — פאַרליבט אין קונסט און טעאַטער, געדיכ־טעט קריטיק.

דער עסטעט און פיינשמעקער פון נאַטור, האָט באַוווסטזיניק־מעטאָ־דיש, ווי אויך ספּאָנטאַן־שאַרף רעאַגירט אויף ווילד־געוויקסן, וווּלגאַריטעט און קולטור־מאַנגל. זייער אָפט פלעגט ער אַרונטעררייסן פאַרשטעלונגען — העברעיִשע און אין יידיש. ער האָט געוויטיקט פאַרן קינסטלערישן ניוואָ פון יידישן טעאַטער אין ישׂראל. ער האָט געוואָלט זען דעם שוישפּי־לער, דאָס יידישע טעאַטער, ווי ווערדיקע יורשים פון דער אַזוי רומרייכער טראַדיציע פון דער יידישער קולטור.

נישט קיין העברעיִסט און נישט קיין יידישיסט איז ער געווען. ער האָט רעספּעקטירט און באַהערשט ביידע קולטור־שאַפנדיקע שפּראַכן און זייערע ליטעראַטורן; געזען אין זיי דעם קולטור־היסטאָרישן זיווג.

אויך פּערזענלעך, פּריוואַט, ביי זיך אין שטוב צי אין אַ קאַפע, האָט מען אין מאַלקינען געזען דעם פריינדלעך־שפּאַסיקן, דעם העפלעך־געזעל־שאַפטלעכן קולטור־מענטש. הילפסגרייט געווען תּמיד, אויב עס האָט אים איבערצייגט, אָנגערעגט. דאָס גאַנצע לעבן געזוכט דאָס סטילאַרטיקע אין דער קונסט און אין לעבן, דערביי אַליין געווען די פּערזאָניפיקאַציע פון סטילאַרטיקייט.

אברהם ליס

בדרך־כּלל איז זעלטן צו באַגעגענען שרייבערס, וועלכע זאָלן אויסער זייער שרייבערישער טעטיקייט האָבן אויך אַ זין פאַר קולטור־געזעלשאַפט־לעכער אַרבעט. ס'טרעפט אַפילו אַז שרייבערס שטרייכן אונטער מיט אַ באַזונדערער הנאה — אַ מין חנדל ביי זיי — אַז זיי זענען נישט „מסוגל״ צו „פּראַקטישע״ קולטור־לייסטונגען. געוווּנטשן איז לטובת דער קולטור און לטובת דעם שרייבער, אַז ביידע אייגנשאַפטן זאָלן אין געהעריקער פּראָפּאָרץ זיך מיטאַנאַנדער קאָאָרדינירן.

אברהם ליס געהערט גראָד צו דער קאַטעגאָריע שרייבערס, וועלכע לעבן זיך אויס אין דער שלימות פון דער דאָזיקער קאָאָרדינירטער טעטיקייט. א. ליס איז אַ ליטעראַטור־קריטיקער — אַן עסייִסט, אים באַשעפטיקן די שאַפונגען אין דער יידישער ליטעראַטור־וועלט, באַזונדערס די ישׂראל־שאַפונג, דער ישׂראל־שרייבער. דאָס האָט ליסן ניט געשטערט במשך פון יאָרן, זייט ער איז אין ארץ־ישׂראל, ווידמען פיל פון זיין צייט דעם עצם קאַמף פאַר רעכט אויף יידיש — אין יענע יאָרן ווען יידיש איז געווען פאַרפאָלגט. אָן ספק האָט די פּיאָנערישע אַרבעט פון יענער גרופּע יידיש־שרייבערס גאָר אַ סך בייגעשטייערט און האָט אויפגעבויט די לעגיטימע עקסיסטענץ פון יידיש אין ישׂראל היינט.

ליס איז אויסגעבונדן מיט די ליטעראַטורן, דער העברעיִשער און יידישער, אין זיין פון שרייבערישער טעטיקייט, סיי אין זיין פון פאַרמאָגן פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט די שעפערישע פאַקטאָרן אין ישׂראל.

דער קאָנטאַקט דעצידירט זייער אָפט אינעם אויסמיידן ניט־געוווּנטשענע מיספאַרשטענדענישן און די אַנטאַגאָניזמען צווישן די צוויי קולטורן. אברהם ליס איז, ווי באַוווּסט, אַ ביאַליסטאָקער, אַ מקורב צו די ליטוואַקעס, און איז ניט גרייט מקריב צו זיין קיין קוצו של יוד, אויב עס קען פאַרשווּעכן יידיש אָדער העברעיִש. די דאָזיקע קריטעריע איז פאַר אַ ריי שרייבערס געוואָרן אַ מין ריכטפּונקט אין זייער ווירקן אין דער ישׂראל־ווירקלעכקייט.

א. ליס איז אין זיין וועזן אַ מענטש פון לעבעדיק שרייבערישער אַקטיוויטעט. און ניט איין מאָל איז אים אויסגעקומען צו רעדאַגירן די ליטעראַטור־ביילאַגעס פון אַ ריי צייטונגען און צייטשריפטן, ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין אַרויסגעבן אַלמאַנאַכן און ליטעראַטור־זאַמלונגען.

עס איז געוויס גוט ווען אַ שרייבער זאָל אויסער באַהערשן די פּען, אויך פאַרמאָגן אָראַטאָרישע אייגנשאַפטן, און דאָס פאַרמאָגט ליס. ער טרעט אַרויס אין די פאַרשיידענע ישׂראלדיקע אוידיטאָריעס. די מעגלעכקייט פון קענען זיך באַנוצן מיט די שפּראַך־כּלים אין אַ קלאָרן, זויבערן לשון און אין אַ קולטורעלער פאָרעם האָט אויך פּאָפּולער געמאַכט זיינע ראַדיאָ־פּראָגראַמען, וואָס ער פירט זייט דעם אויפקום פון דער מדינה אין „קול־ישׂראל", די ליטעראַרישע אוידיציעס „שרייבער און ווערק", דעם פּראָגראַם „פאַר אַלע" און דעם פּראָגראַם פאַר די יידישע קיבוצים אין

אויסלאַנד „ישׂראל־פּאַנאָראַמע״, וועלכע פּאַרמאָגן צענדליקער טויזנטער צוהערערס אין לאַנד און אין די תּפוצות ישׂראל. ליס געהערט צו די פּיאָנערן פון די יידישע ראַדיאָ־אוידיציעס.

אַ שרייבער, וועלכער איז אינספּירירט פון דער גאַנצער פּראָבלעמאַטיק אין שייכות צו ליטעראַטור, קען נישט גיין אָן אַ זייט פון די יסודות־דיקע מקורות פון דער שפּראַך. דאָס האָט אויך זיכער ליסן אָנגערעגט צו דער טעטיקייט און צו דער אַרבעט פאַרן יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, פאַרן „ייִוואָ״. זייענדיק אויך פון די גרינדערס און פאַר אַלע יאָרן דער פאָרזיצער פון דער „געזעלשאַפט פריינד פון ייִוואָ״ אין ישׂראל. ער האָט אַ סך בייגעשטייערט צו דעם אָנזען פון „ייִוואָ״ אין לאַנד און צו באַקענען די ישׂראלדיקע קולטור־קרייזן מיט די אידעען און אויפגאַבן פון ייִוואָ. אין די אינטערעסן פון ייִוואָ־צענטער — אויף דער פאַרבעטונג פון „ייִוואָ״ אין ניו־יאָרק — האָט ער מיט עטלעכע יאָר צוריק באַזוכט די יידישע קהילות אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע. דאָס האָט אים נישט נאָר דערמעגלעכט זיך צו באַקענען פון דער נאָענט מיט דער פּראָבלעמאַטיק פון יידישן לעבן אין אַמעריקע, נאָר מיט זיינע צאָלרייכע רעפעראַטן און אויפטריטן האָט ער אויך באַקענט דער יידיש־געזעלשאַפט־לעכקייט אין אַמעריקע מיט די פּראָבלעמען — בעיקר מיט די גייסטיקע און קולטור־פּראָבלעמען — פון אונדזער לעבן און גאַנג אין ישׂראל.

אברהם ליס איז נישט בלויז דער טרוקענער פאַרצייכענער פון קרי־טישע סכעמעס, זיין עסיי איז אַדורכגעדרונגען מיט וואַרעמקייט, מיט אינ־טערעס און זאָרג פאַרן געדרוקטן וואָרט. ער פאַרמאָגט אַ דורכויס סאָציאַ־לע באַציִונג צו אַלץ וואָס ווערט געשאַפן אין ישׂראל, באַזונדערס אין דער שיינער ליטעראַטור.

א. ליס האָט זיך קיין מאָל נישט געשטעלט סעקטאַנטיש אויף איין צד פון שפּראַכן־וויכוח, ער לעבט מיטביידע ליטעראַטורן, מיט יידיש און העברעיִש. און דאָס איז צו זען אין זיינע עסייען.

אברהם ליס איז אויסגעבונדן מיטן קולטור־שעפערישן פּראָצעס אין לאַנד און מיט דער דאָזיקער פּראָבלעמאַטיק אין דער יידישער וועלט. פאַרשיידענע עלעמענטן אין זיין טעמאַטיק זענען אַ פּועל־יוצא פון דער אומצעטיילבאַרער פאַרבינדונג צווישן דער שיינער ליטעראַטור און אַנדערע קולטור־דערשיינונגען. זיינע עסייען דערמאָנען די תּקופה פון לאַנגן גע־

ראַנגל פון יידיש־לשון, ליטעראַטור און טעאַטער — פאַרן רעכט זיך איינ־צוגלידערן אין דער ישׂראל־ווירקלעכקייט.

ליס איז פאַרגינעריש־קאָלעגיאַל, ווייסט ווי באַנוצן זיך מיט זיין פען, פאַרהאַלטנדיק דערביי די מאָס פון קריטישער עלעגאַנץ.

ליס איז געווען צווישן די ערשטע וואָס האָט באַמערקט דאָס „ניט באַמערקטע". אין זיינע ליטעראַטור־קריטישע אָפּהאַנדלונגען האָט ער פיל אויפמערקזאַמקייט געווידמעט די שרייבערס נייע עולים, וועלכע האָבן נאָך לאַנגע וואָגלענישן, אין די יאָרן פון מלחמה, זיך געניייטיקט אין קאָלע־גיאַלער באַציִונג.

באַקענענדיק זיך נענטער מיט ליסן, האָט ער זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אויך פון אַ צווייטן אַספּעקט; זיין געניטע טעאַטער־קענטשאַפט און זיין פאַר שוישפּיל. אַ שאָד וואָס ער האָט דאָס געזעלשאַפטלעך ניט דיסקאָנטירט אין דער פולער מאָס לטובת דעם טעאַטער.

מיין רעדאַקטאָר
דניאל לייבל (אַלעקסאַנדער)

אַ הויכער, די אַקסלען לייכט געבויגן, געקוקט פון איבער די ברילן מיט אַ קורצזיכטיקער פאַרזיכטיקייט. ס'האָבן אַרויסגעבליקט העל־בלויע אויגן, אין וועלכע ס'איז געווען עפּעס פון פאַרטראַכטער צעטומלטקייט. אַזעלכן האָב איך צום ערשטן מאָל באַגעגנט אַלעקסאַנדערן אין רעדאַקציע „ניי־וועלט", אין 1951.

ער, דניאל לייבל, האָט פאַרמאָגט די אייגנשאַפט פון געווינען צוטרוי פון ערשטן אויגנבליק.

מ'איז גלייך אַריבער אויף דו; שפּעטער, ווען כ'האָב זיך געכאַפּט — פון דעסטוועגן אַן אונטערשיד פון אַ היפּש ביסל יאָרן — האָב איך געזאָגט „איר". אַלעקסאַנדער האָט עס גלייך באַמערקט: „ווי איך זע, מאַכסטו שוין פוילע גאַליציאַנער שטיק; קאָנסט מיר ווייטער זאָגן דו".

ער איז געווען אַן אמתער פאַרשטייער פון זיין גאַליציע — אין בעסטן זין פון דעם באַגריף. ער האָט געהערט צו יענער טייל פון גאַליציאַנער

אינטעליגענץ, וועלכע האָט זיך דערוויטערט פון דער קאָנווענציאָנעלער העפלעכקייט, ביי זיין איידעלן באַנעמען זיך. ער האָט אויף זיך געטראָגן אַלע שפורן פון די גוטע סאָציאַליסטישע טראַדיציעס פון די אַלט־עסטרייכער.

מערב־גאַליציע האָט אפשר נישט אַרויסגעגעבן דער פּאַרטיי אַזוי פיל דינאַמישע רעוואָלוציאָנערע קעמפּערס, ווי רוסלאַנד און קאָנגרעס־פּוילן. גאַליציע האָט גיכער פּאַרמאָגט דעם טיפּ פון אַ בוך־קנעלער און חוקר.

דניאל לייבל האָט אַרויסגעטראָגן פון דער דאָזיקער שול דאָס שענסטע. ער האָט ביי יעדער געלעגנהייט באַמיט זיך אָפּצוטרייסלען פונעם טיטו־לאַרן ביישמעלץ ביי דער גאַליציאַנער אינטעליגענץ; ער האָט שטענדיק אונטערגעשטראָכן זיין פּאַרטייִשע וואָכעדיקייט. געווען דער פּאַרטייער צייטונג־מענטש און פּובליציסט, דער מחבר פון רעזאָלוציעס, מאַניפעסטן, טעזן און פּראָקלאַמאַציעס פון פּאָליטיש־קעמפערישן כאַראַקטער.

ערשט ווען עמעצן איז געלונגען אים צו פּראָוואָצירן צו אַ געשפּרעך וועגן שפּראַך און סטיל — דאַן איז ער אַריין אין זיין אמתער סטיכיע און לאַנגזאַם, צערטלענדיק יעדעס אַרויסגעזאָגטע וואָרט, אָנגעהויבן צו שפּאַצירן אין זיין לאַבאָראַטאָריע פון לינגוויסטישע המצאות, באַוויזן זיין מיט־שמועסער די ווערטן פון שפּראַך־אוצר.

דער עיקר האָט מען באַדאַרפט זען לייבלען אַן איינגעשפּאַנטן אין דער רעדאַקציע־אַרבעט אין „ביי־וועלט" — זומער, נאָך אַ נאָרמאַלן אַר־בעט־טאָג אין רעדאַקציע „דבר". ער איז געזעסן איינגעבויגן, די ברילן פּאַררוקט אויפן פּאַרשוויצטן שטערן, געניטשערט אין מאַטעריאַל, געלייענט די אַרטיקלען געשריבענע מיט די משונהדיקסטע האַנטשריפטן, געשטראָכן, געמעקט, קאָרעגירט און זייער אָפט אין גאַנצן איבערגעשריבן דעם מאַ־טעריאַל.

אַ היפּשע פּאָר יאָר איז מיר אויסגעקומען אים צו זען ביי דער אַר־בעט, און אַ געוויסע צייט אַפילו צו פּאַרטרעטן אים, ווען ער איז געווען אין שפּיטאָל. דאָס איז געווען די ביטערסטע צייט אין „ביי־וועלט"; ווען יעדע טייל פון דער „פּאַראייניקטער פּאַרטיי" האָט געשיקט אַהין איר „באַגלויבטן רעדאַקטאָר". נישט איין מאָל איז אַלעקסאַנדערן אויסגעקומען אָראָפּצושלינגען די ביטערע פּילן פון די פּאַרטרויונגס־מענער, וועלכע האָבן פּאַרסמט די אַטמאָספער.

אַלעקסאַנדער האָט אויסגעמיטן פּאָלעמיק פון אַ באַשטימטן מין. נאָר

אויב ער האָט יאָ געענטפערט, איז ער געווען אַנגרייפעריש־בײַסיק, כאָטש אויף קיין האָר נישט אַריבער די ראַמען פון זשורנאַליסטישער עטיק.

ס׳רוב פון זיינע פובליקאַציעס האָבן פאַרמאָגט אַ וואַרעמען טאָן, עמאָציאָנעלע אַנלאָדונג און אידעיִשע אויפריכטיקייט. אין זיינס אַן אַרטיקל וועגן טאָג־טעגלעכע גרויע פּראָבלעמען האָט זיך אויך געפילט דער פּאָעט.

ווער נאָך ווי דניאל לייבל איז געווען אַזוי באַהאַוונט אין ליטעראַטור, וועלט־ליטעראַטור און יידישער, ביז אירע וואָרצל־טיפן.

אין מינוטן פון פרייער צייט, ווען די שפּאַנונג האָט נאָכגעלאָזן, פלעגט דניאל מאכן אַ שפּאַציר אין „ליטעראַרישן גאָרטן״, צו די קלאַסיקערס. פלעגט ציטירן זייערע שאַפונגען, ברענגען ביישפּילן, פאַרגלייכן. מיט רעספּעקט פלעגט ער רעדן וועגן דער דייטשער ליטעראַטור, פאַרליבט איז אָבער לייבל געווען אין דער פּוילישער ליטעראַטור און איר דיכטונג. ער פלעגט אויף אויסנווייניק געדענקען גאַנצע שטיקער פון וויספּיאַנסקי, גערימט טווימס שפּראַך־פיינקייטן און פיל גערעדט וועגן זשעראָמסקי. אָפט מאָל, ווען ער פלעגט מיך פאַנגען אויפן וועג אין דער ריכטונג צו זיין ווינונג — פלעגט ער זאָגן: „באַגלייט מיך אַ פּאָר שריט״... און דערביי געבעטן איך זאָל אים דערציילן ווי אַזוי דער גרויסער פּוילישער שוישפּילער אָסטערוואַ פלעגט שפּילן און לייענען וויספּיאַנסקין. זיין געזיכט פלעגט זיך צעשמייכלען פון הנאה.

באַזונדערס אויפגעלעבט איז ער אָבער געוואָרן, ווען ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן און טיילן זיך מיט זיינע מחשבות וועגן תּנ״ך־פאָרשונג, המצאות און וועגן די סתירות צווישן די פאַרשידנסטע חוקרים און אויסטייטשערס. אין אַ באַשיידענעם, קינדעריש־פאַרשעמטן טאָן פלעגט ער אַרויסזאָגן זיינע אייגענע סברות, פאָרשונגען און פעסטשטעלונגען וועגן די פאַרשידנסטע תּנ״ך־פּראָבלעמען און פילאָלאָגישע ניואַנסן בתּוך דעם טעקסט.

„נישט פאַראַן, פלעגט ער זאָגן, קיין שפּראַכן־פראַגע צווישן יידיש און העברעיִש. נאָר פאַר עמי־ארצים שטייט אַ וואַנט צווישן ביידע שפּראַכן און ביידע ליטעראַטורן״.

ער פלעגט אויך נישט פאַרטראָגן די קאַזיאָנע בעלי־רחמים, וועלכע קענען נעבעך נישט צוזען ווי די יידישע שפּראַך און יידישע שאַפונג ווערט גערודפט און פאַראורטיילט אויף אונטערגאַנג.

זיין אָפּטימיזם וואָס שייך יידיש איז געווען אַ קולטור־היסטאָרישער, אָן אַקאַדעמישער.

אַ האַרציקער חבר איז געווען אַלעקסאַנדער. זיין לאַנג־יאָריקן וועג אין דער פּאַרטיי האָבן באַגלייט די זכרונות פון גאַליציע. ער האָט ליב גע־האַט צו דערציילן עפּיזאָדן, צו שילדערן מענטשן פון יענער תקופה — אַ מאָל מיט פּיעטעט, אַ מאָל אין גוטמוטיק־שפּאַסיקער פאָרעם.

יוליאַן טוווים

אין דער פּוילישער ליטעראַטור, אין וועלכער גרויסע טאַלאַנטן זענען נישט קיין זעלטנהייט, האָט יוליאַן טוווים פאַרנומען איינעם פון די אָנ־געזעענסטע ערטער אַלס פּיאָנער פון דער מאָדערנער ריכטונג אין דער פּוילישער פּאָעזיע, אַלס וואָרט־מייסטער פון ערשטן ראַנג און פּרוכטבאַ־רער ליריקער און איבערזעצער.

די הויפּט־שטריכן פון טווימס אייגנאַרטיקייט זענען געווען, וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט נייקייט און עכטקייט אין דער פּוילישער ליריק, אָנגעהויבן פון „יאַרמאַרק רימוּוו" און „סאַקראַטעס טאַנטשאַנצי", ביז זיינע לעצטע שאַפונגען אין „קוויאַטי פּאָלסקע". אין דער ערשטער ריי אָבער האָט אים אויסגעצייכנט די כּישופדיקע שפּראַך אין דער שאַפונג. נישט אין סתּם שפּראַך־ווירטואָזיטעט האַנדלט עס זיך. שפּראַך, וואָרט, איז פאַר טוווי־מען געווען פיל מער ווי אַ מיטל אָדער אינסטרומענט, צו פאַרמירן דעם שטאָף און אַרויסברענגען דיכטערישע אמתן. דאָס וואָרט איז פאַר אים נישט געווען בלויז אַ ראַם צו אָרגאַניזירן און דיסציפּלינירן אין איר די קינסטלערישע סטיכיע.

אין טווימס שאַפונג פאַרמאָגט דער עלעמענט פון שפּראַך און וואָרט אַן אויטאָנאָמען ווערט. דאָס וואָרט הערט אויף צו זיין אַ מיטל, נאָר ווערט ביי אים אויך אַליין פאַר זיך תּוך, זין, אינהאַלט, בילד, אַטמאָספער, שטי־מונג.

אַזוי אַרום איז טווימס דיכטונג נישט נאָר מוזיקאַליש, נאָר בילדעט אויך אַ סינטעז צווישן מוזיק און דיכטונג. מיר איז אויסגעקומען צוצוזען

מיט וואָס פאַר אַ לייכטקייט רוסישע דיכטערס האָבן, נישט קענענדיק די פּוילישע שפּראַך, איבערגעזעצט טווימס דיכטונג, זיי האָבן קוים געוווסט זייער אינהאַלט — בלויז נאָכגייענדיק דער מוזיק.

טווים איז ווייט נישט געווען קיין דיכטער־אַבסטראַקציאָניסט און פאַר־מאַליסט. ער האָט נישט געזוכט צו דערטרינקען שטימונג און לײַדנשאַפט אין אַ רעגנבויגן פון פיינעם וואָרטשפּיל און ריטמישע וויבראַציעס. אין זיין דיכטונג איז טווים געווען אַ רעאַליסט, און נישט נאָר אַ טעמאַטיקער, נאָר אויך אַ פּראָבלעמאַטיקער, דורכויס סאָציאַל, באַהויכט מיט לעבנס־פילאָזאָפיע. טווים דער אַנטיפאַשיסט, קעמפער פאַר מענטשלעכן פרייען געדאַנק און גייסטיקער גלייכווערטיקייט, איז אָפט באַשפּיגן און באַליידיקט געוואָרן פון די פּוילישע אַנטיסעמיטן, אַפילו עפנטלעך געפּאַטשט געוואָרן דורך פּוילישע אָפּיצירן פאַר מכלומרשטן באַליידיקן דעם „האָנאָר" פון פּוילישן אָפּיציר אין איינעם פון זיינע לידער.

מענטשלעכע לײַדנשאַפטן, מענטשלעכע שוואַכקייטן און דערהויבונ־גען זענען געווען זיין סטיכיע. ווי אַן איידעלער ליריקער, שאַרפער סאַטי־ריקער — גיסט ער אַריבער פילפאַרביקע פּראָזאַישע לעבנס־אמתן אין צמצום פון אינטימער גראַציע פון זיין פערז.

טווים האָט נישט נאָר געשעפּט פון טיפן קוואַל פון דער פּוילישער שפּראַך, פון אַלע אירע דורות און שיכטן, נאָר אַליין מיטגעשאַפן זי, באַ־איינפלוסט און באַרייכערט כמעט מיט יעדן ליד זיינעם. ער איז געווען דער דיכטער פון שולקינד, און איינציַיטיק אויך פון ראַפינירטן אינטעלעקטואַל. זיינע קינדער־שאַפונגען האָבן באַגייסטערט אויך דערוואַקסענע און זקנים.

מיט גרויס קראַפט און העלער בילדערישקייט זינגט ער די שיינקייט פון זיין לאַנד, מיט שפּאָטישער גאַליקייט, סאַרקאַזם, גיפטיקער שפּיציקייט און שאַרפזין פיקט ער אין סאַמע „האַרץ" דער קליינלעכקייט און געמיינ־קייט אין דעם פיליסטערישן פּרצוף פון פּוילישן בירגערטום און רעאַק־ציאָנערער פּוילעניש. מיט רעכט איז ער באַצייכנט געוואָרן, ווי מיר האָבן אָפט געהערט — אַלס פּוילישער היינע.

אַ לאָדזשער ייד, פון אַ ליטווישער משפחה, וואָס האָט לכתחילה אָנגע־הויבן שרייבן רוסיש, איז ער יונגערהייט אַריין אין דער שעפערישער סביבה פון דער פּוילישער קולטור.

ווער עס האָט געקענט טווימען ווייסט, אַז ער האָט נישט נאָר נישט

פאַרשוויגן זיין יידישן שטאַם, נאָר מיט באַזונדערן פאַרגעניגן, אפשר צו־ליב טראַציקייט און להכעיס אונטערגעשטראָכן ביי פאַרשידענע געלעגנ־הייטן זיין יידישקייט און פלעגט זיך גרויסן דערמיט.

טיף האָט דעם דיכטער געטראָפן די יידישע קאַטאַסטראָפע, און דעם ווייטיק האָט ער זייער בולט געבראַכט צום אויסדרוק אין זיין באַרימטן בריוו „מיר פוילישע יידן", וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט זייענדיק אין אַמעריקע.

און אין אים איז די טראַגיק נאָך גרעסער, ווייל זיין נשמה איז, נאָך אַלעמען, דאָך צעצווייט. אי פוילישער דיכטער — אי זון פון יידישן פאָלק. בלייבט ער אין טראַגישן דיאַלאָג מיט זיך. נישט ער פאַרענטפערט זיך פאַר וואָס ער איז אַ פּאָליאַק און פאַר וואָס אַ ייד. „איך בין אויך אַ פּאָליאַק דערפאַר — זאָגט ער צווישן אַנדערן — ווייל איך האָס די פּויל־שע פאַשיסטן שטאַרקער ווי פאַשיסטן פון אַנדערע פעלקער".

„אַז מען וועט מיך — שרייבט ער — פרעגן פאַר וואָס אַ פּאָליאַק, פאַר וואָס אַ ייד, וועל איך ענטפערן: 'ווייל מיר געפעלט אַזוי' ".

אין דער צעריסנקייט און צעצווייטקייט פון זיין צעבלוטיקטן געמיט, ווערט ער אָנגעצונדן מיט שטאָלץ פון זיין פאָלק: „מיט געווער אין האַנט אויף באַריקאַדן, אויף חורבות פון די באָמבאַרדירטע הייזער — מיר, זעל־נער פון פרייהייט און ווערדע".

טוווים האָט פוילן ליב געהאַט מער ווי אַלץ: „נאָך מיין טויט זאָל נישט קיין אַנדערע ווי די פוילישע ערד איינשלינגען, אויסזויגן מיינע לעצטע זאַפטן".

דער זעלבער טוווים, אָבער, בעט זיך: „נעמט מיך, ברידער מיינע, אַריין אין דער ערן־געמיינשאַפט פון אומזיסט פאַרגאָסענעם בלוט, צו דער געמיינשאַפט, צו דעם טעמפּל ווייל איך איצט געהערן".

דעם אמת געזאָגט: טוווים איז געווען מיט יידן אַ ברודער אין דער נויט. זיין טיפסטע צוגעהעריקייט איז געווען — די צוגעהעריקייט צום פוילישן קולטורקרייז. ווי ער זאָגט אין איינעם פון זיינע שענסטע לידער: „מאַיאַ אויטשיזנאַ — פּאָלשטשיזנאַ" — מיין פאָטערלאַנד — די פוילישע שפּראַך". די דאָזיקע פאָרמולירונג איז פולשטענדיק אמת. קיין שום גאַנצער פּאָליאַק וואָלט אַזוי נישט געזאָגט: ער וואָלט געזאָגט: „מיין פאָטערלאַנד פוילן".

טווים האָט, הייסט עס, געשפּירט זיין אַנדערשקייט — זיין האַלבקייט, כאָטש די איינע העלפט האָט געסטייעט פאַר דער גאַנצקייט פון די „גאַנצע״ פּאַליאַקן. און ווייל ער האָט געוווּסט, אַז זיין יידישקייט איז בלויז ביאָלאָגיש־גורלדיק אָבער נישט פּאָזיטיוו־באַוווּסטזיניק האָט ער — אין קעגנזאַץ צו אַנדערע אַסימילירטע יידן — נישט געמיינט, אַז אַלע יידן דאַרפן זיין ווי ער, נאָר, לכל הפּחות, אין די לעצטע יאָרן, געהאַט פּאָזיטיווע סימפּאַטיעס פאַר דעם יידישן נאַציאָנאַלן אויפבויווערק אין ישׂראל און גענומען אויף זיך צו זיין דער פּאַרזיצער פון דער געזעלשאַפט „פריינד פון העברעיִשן אוניווערסיטעט״, אין וועלכן ער האָט געוויס געזען נישט בלויז סתּם אַן אינסטיטוציע פאַר וויסנשאַפט, נאָר דאָס קולטורווערק פון יידן, וואָס ווילן זיין יידן, וואָס פילן זיך און באַמיִען זיך צו זיין אַ פאָלק.

ווען מען דערמאָנט זיך ווי אַזוי עס פירן זיך אויף לגבי דער יידישער נאַציאָנאַלער באַפרייונגס־באַוועגונג אַ סך אַנדערע יידן, וואָס דערגייען צו די הויכע שפּיצן פון אַנדערע קולטורן — מוז מען זאָגן: טווים איז באמת געווען אַ בן־טובים.

לאָמיר אָפּשאַצן מענטשן און געשעענישן ווי זיי זענען געווען און נישט ווי זיי וואָלטן געדאַרפט זיין.

ו

חיים ווייצמאַן

ווער זענען עס די געשטאַלטן, וועלכע עס איז געגעבן געוואָרן די גע־שיכטלעכע זכיה, פּריווילעגיע און עול צו גלייך, צו רעפּרעזענטירן די אידע־אַלן און שטרעבונגען פון זייער פאָלק, סביבה און טייל מאָל פון דער גאַנ־צער מענטשהייט? ווער זענען עס די יעניקע, וועלכע זענען בכוח דורך זייער מאָראַלישער זעלבסט־דערהויבונג משפּיע צו זיין, מיטרייסן מיט זיך מאַסן, אַקטיוויזירן זייער פּאָטענציעלע קראַפט לטובת די אָדער אַנדערע צילן?

די געשיכטלעכע פּראָצעסן לויט דעם פאַרנעם פון זייער צייט־כאַראַק־טער, ווי אויך די מאָסשטאָבן פון יחיד, זענען אַזוי פאַרשידנאַרטיק, אַז עס איז שווער צו באַשטימען כּללים.

ס׳איז אָנצונעמען, אַז די פּאָזיטיווע פּערזענלעכקייט, וועלכע איז מיט לייַב און לעבן איינגעקלאַמערט אין די אינטערעסן פון איר פאָלק אָדער קלאַס, איז אָרגאַניש אַדורכגעדרונגען מיט דער אחריות פאַר די אויפגאַבן פון דור. די פּערזענלעכקייט, וועלכע איז בכוח צו דערהייבן זיך איבער דער צייט, פאַרמאָגט די אייגנשאַפט פון פאָרויסזען, די פעיִקייט צו ווירקן דירעקט, דעצידירט, געפינט אויך די קאָמוניקאַציע צו דער סביבה. אָן ספק געהערט חיים ווייצמאַן צו די דאָזיקע רעפּרעזענטאַנטן.

חיים ווייצמאַן, דער יידישער סטודענט פון קליינעם פּויליש־רוסישן שטעטל, איז אויסגעוואַקסן צו אַ באַרימטן וויסנשאַפטסמאַן, פּאָליטיקער און שטאַטסמאַן, איז געוואָרן דער מנהיג פון צעזייטן און צעשפּרייטן יידישן וועלטפאָלק.

ווייצמאַן האָט פאַרמאָגט די גרויסקייט פון אַ פאָלקסמענטש און די

פשטות פון אַן אינטעלעקטואַל. זיין צוגעבונדנקייט צום פאָלק, צו זיינע געשיכטלעכע ווייען און שיבת־ציון־טרוים, האָבן אין אים דערהויבן דעם זעלישן כּוח פון קענען זיין אַ שליח־ציבור, דער פאָנען־טרעגער, די פאָן אַליין.

פאַר אונדזער דור איז וויצמאַן נישט בלויז דער ערשטער פּרעזידענט פון מדינת ישׂראל, נאָר דער פּרעזידענט פון יידישן פאָלק.

געוויס האָט ער נישט רעפּרעזענטירט דעם געדאַנק פון אַלע טיילן אינעם יידישן פאָלק, אַפילו נישט די פּאָליטישע איינשטעלונגען פון דעם גאַנצן ציוניסטישן לאַגער. ער איז אָבער געווען די צענטראַלע פיגור, די אַקס, אַרום וועלכער די קעגנזאַצן אינעם געראַנגל האָבן זיך צוזאַמענגע־שטויסן און געקרייצט.

די געוואָגטקייט און קלוגשאַפט פון אַ פּאָליטיקער, די געצוימטקייט פון אַ דיפּלאָמאַט און דער גייסט פון אַ גרויסן הומאַניסט, האָבן אים דער־מעגלעכט אָנהאַלטן באַציִונגען און אַרויסווייזן פאַרשטענדעניש פאַר אַלע טיילן פונעם פאָלק.

אין לאַגער פון נאַציאָנאַלן אויפקום האָט וויצמאַן, דער הומאַניסט, ליבעראַלער פאַרשטייער פון זיין צייט, געווענדעט זיינע בליקן צום לאַגער פון חלוצים און אַרבעטס־מענטשן, צום לאַגער פון פאָרשריט, זעענדיק אין אים די דינאַמישע כּוחות, וואָס קאָנען פאַרווירקלעכן די באַפרייערישע פאָלקס־אידעאַלן.

וויצמאַן דער פּאָליטיקער איז נישט ווינציק פעלערן באַגאַנגען אין די פאַרשידנסטע צייטן פון זיין שעפערישן לעבן. קאָנפליקטן און צוזאַמענ־שטויסן זענען אַלע מאָל געווען אומפאַרמיידלעך אַרום דער טאַקטיק און פּאָליטיק פונעם ציוניזם.

נישט שטענדיק איז ער געשטאַנען אין צענטער פונעם געראַנגל. צייטנ־ווייז האָט ער זיך געפונען אויפן ראַנד פונעם שטורעם, אָבער קיין מאָל האָט ער זיך נישט געשטעלט אויסער דעם פּראָצעס און אַוודאי נישט קעגן אים, כאָטש ער האָט נישט איין מאָל געפרווט פאַרהאַלטן די רעוואָלוציאָ־נערע דינאַמיק, מחמת מורא פאַר אַוואַנטוריזם.

דער גרויסער וויכּוח מיט וויצמאַנען, אַפילו אין די קאַרדינאַלסטע פראַגן ווי מדינה, איז נישט געשטאַנען אויף דער פלאַך פון יאָ אָדער נישט מדינה, נאָר גיכער האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם ווי אַזוי און ווען.

נישט קיין צופעליקייט איז עס, וואָס אין די טראַגישסטע טעג פאַרן יידישן פאָלק, נאָכן חורבן און ערב גאולה, אויפן לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס, ווען וויצמאַן האָט מספיד געווען דאָס אומגעקומענע פאָלק, האָט ער פון דער טריבונע קאַטעגאָריש געפאָדערט די באַלדיקע אַנטשטייונג פון דער יידישער מדינה.

נישט קיין צופעליקייט איז געווען אין זיין קעגנערשאַפט צו זשאַבאָטינסקין און צו דעם רעוויזיאָניסטישן לאַגער. נישט בלויז פּאָליטיש־טאַקטישע ריכטליניעס האָבן זיי פונאַנדערגעטיילט. וויצמאַן האָט געזען אין זשאַבאָטינסקין און זיין לאַגער זיין אַנטיטעזע: רעאַקציאָנערע סטיכיע אין קעגנזאַץ צו פּראָגרעס און דעמאָקראַטיע.

וויצמאַן אַלס וויסנשאַפטסמאַן איז געווען אַ וועלט־בירגער. אַלס פּאָליטיקער האָט ער זיך געשטעלט אין דינסט פון זיין פאָלק, געשטאַנען מיט אים אין די טראַגישסטע מינוטן, נישט פאַרצווייפלט אין די טעג פון אומקום און גערానגל, נישט פאַרכליניעט זיך ביים אויפקום.

ווי אַ הומאַניסט און ליבעראַל פון אַלטן דור, האָט ער געשטעקט אין די בעסטע טראַדיציעס פונעם פאַריקן יאָרהונדערט.

ווי מאַסאַריק, ראַטענאַו, בענעש און רוזוועלט, די קרוינען פון דער בורזשואַזער ליבעראַלער תקופה, איז אויך ער געקומען אין דער סאַמע מיט פונעם איבערברוך אין דראַמאַטישן געראַנגל צווישן רעוואָלוציע און רעאַקציע.

צום סאָציאַליסטישן געדאַנק איז אויך ער נישט געקומען, הגם ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער איבערגאַנג צו אַזאַ אָדער אַנדערער סאָציאַליסטישער געשטאַלטונג פון דער וועלט איז נויטווענדיק און אומפאַרמיידלעך. ער האָט פאַרשטאַנען די דאָזיקע פּראָצעסן, און מיט סימפּאַטיע און פריינדשאַפט זיך באַצויגן צו יענע טיילן אין ישראל, וועלכע האָבן באַוווסטזיניק זייער גורל פאַרבונדן מיטן סאָציאַליסטיש־חלוצישן וועג.

ווי זיין גייסט, אַזוי אויך אין זיין געזיכט־אויסדרוק, האָט חיים וויצמאַן פאַרמאָגט שטריכן פון שטרענגקייט און פאָלקסטימלעך־יידישער גוטסקייט אין איינעם. די פאַרטרויערטע פריינדלעכע בליקן האָבן זאָרגפעליק באַטראַכט אַלץ און אַלעמען. טיפע רינצלען אין שטערן, האַרטע קנייטשן אין געזיכט, אין זיי פאַרבאָרגענע ווייען און טראַגיק פון זיין־אונדזער פאָלק — פון אונדזער יאָרהונדערט.

יעדע פערזענלעכקייט לאָזט זיך מעסטן נאָר מיט די מאָסשטאָבן פון דעם געגעבענעם דור. מיט ווייצמאַנען איז אַוועק אַ שווערע און דערהויבע־נע תּקופה אינעם יידישן לעבן און געראַנגל, אָבער זיין נאָמען בלייבט פאַראייביקט אין דער געשיכטע — דער ערשטער פּרעזידענט פון מדינת ישׂראל!

די מאַמע גאָלדע

טיפע רינצלען צעשניידן איר הויכן שטערן. פוןביידע זייטן שלייפן־ווינקלען פאַלן גראָדע פּאַסמעס, עטוואָס שוין געגרויטע האָר, האַרט אויף איר לענגלעך געזיכט. קנייטשן און קאָרבן זענען אָנזעעוודיק אינעם טונ־קעלן געזיכט אירן, ווי קאָרע אויף אַ שטאַם פון אַן אַלטן בוים. אין יעדן רינצל און קנייטש זענען פאַרבאָרגן איינגעקריצט די פּיין און פריידן פון אַ דור, פון דורות פאַרעקשנטן אויסדויער, נסיון און סבלנות פון אַ נישט לייכט אָבער דערפאַר — רייך לעבן.

אַזוי ווי פון אירע שטערן־רינצלען שטראַלט אויס מחשבה, שטראַלט אויס פון אירע לעבהאַפטע, טונקעלע, עטוואָס פאַרטרויערטע אויגן — יידישע חכמה, תּמימותדיקע מילדע מוטערלעכקייט. אין איר אויסגעאיידלטן און אויסגעבלייכטן געזיכט זענען די געזיכטער פון אַלע יידישע מאַמעס, ווי מיר האָבן זיי געקענט, זייער גוטמוטיקייט און צערטלעכקייט, זייער שטרענגקייט און רוגזה. אַ מאָל זענען אירע בליקן הייטערע, העלע און מונטערע און נישט זעלטן מידע, פאַרדאגהטע, אָנגעשטרענגטע פון אַרבעט, פון שלאָפלאָזע נעכט.

אינעם מאַיעסטעט פון איר זיקנה איז מערקבאַר בולט ענערגיע, שטאַנדהאַפטיקייט, אומדערמידלעכער ווילן, אַפילו ווען עס לאַסטעט אויף איר די אויסגעמאַטערטקייט.

פאָלקס־האַרעפאַשנע פרוי און דאַמע צו גלייך אין איין פּערזאָן, איז זי פול מיט אימפּולסן פון געזעלשאַפטלעכן אומרו, פון פּאַרטיי־מענטש, טריבון און שמועסער. צייטנווייז שטעלט זי זיך אין אַ זייט, בלייבט מיט זיך אין איר פאַרשלאָסענער פאַרשוויגנקייט.

זי האָט די אייגנשאַפט, אָדער טאַלאַנט, צו קענען פּאַראַייניקן קעגנזאַצן און ווידעראַנאַנדן צווישן די פאַרשידענע גרופּעס אין דער געזעלשאַפט און אין פאָלק. דאָס פאַרמינערט נישט פון איר צילבאַוווּסטער, שטאַנדהאַפטי־קער און אַנטשלאָסענער נאַטור. זי פאַרמאָגט דעם כּוח צו קענען באַאייַנ־פלוסן, איבערצייַגן אָן אויפצווינגען, אָדער אָנצוואַרפן איר מיינונג, איר פּאָליטישע קאָנצעפּציע. זי ווירקט מיט איר אויטאָריטעט גראָד, בכּבודיק און געוויסנהאַפט. דעריבער שעצן זי אויך אַלע די, וועלכע זענען נישט איינשטימיק מיט איר.

גאָלדע פאַרמאָגט דעם פולן באַוווּסטזיין פון אירע מעגלעכקייטן, נישט מיסברויכנדיק דערביי מיט אירע רעכט און קאָמפּעטענצן. זי ווייס וואָס זי וויל, פאַרשטייט אויסגעצייכנט ווען און וואָס און פון ווען צו פאָדערן, צו בעטן און צו קעמפן, ווען אייַנצוגיין אויף קאָמפּראָמיסן, מותּר צו זייַן און צוריקציִען זיך אָן שאָדן פאַר איר פּערזענלעכן כּבוד און פאַרן כּבוד פון פאָלק. זי ווייס ווען צו רעאַגירן דורך אַנגריף, ווען לאָזן הערן אַ מוטער־לעך שטראָף־וואָרט, אָדער טרייסט. זי ווייס אויך ווען צו פאַרשווייַגן.

אין איר שליחות איז זי דער פּערזענלעכער בייַשפּיל פון אחריות, קען זי זיך דערהויבן איבער פּערזענלעכע שוואַכקייטן, קאַפּריזן און אינטערעסן.

יידן האָבן ליב גאָלדען און נישט־יידן רעספּעקטירן און פאַרערן זי. איר אויטאָריטעט ווירקט אין לאַנד ווי אין דער גאַרער יידישער וועלט. זי געפינט אַ געמיינזאַמע שפּראַך מיט די פאַרשידנסטע טיילן אין פאָלק, מיט די כּוחות פון פאַרשריט און מיט רעליגיעזע גרופּעס.

שטאַטמענער, וועלט־פּאָליטיקערס, מיליטער־לייט הערן מיט נייגער זיך צו צו איר מיינונג און אַכטן זי. די יידישע מאַמע פאַרלירט זיך נישט אין די סאַלאָנען פון וואַשינגטאָן און לאָנדאָן, ווי אויך נישט בשעתו אין די ווענט פונעם קרעמל פון מאָסקווע, אָדער אין די קרייזן און אינסטאַנצן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער וועלט. אינעם קאַמף פאַר אירע פּאָליטישע ריכטליניעס שטייען איר ביי דער זכות פון פאָלק, פון זייַן היסטאָרישן גורל.

אויסגעהאָדעוועט אין אַן אַרבעטער־משפּחה, דערצויגן אין דער חלוצי־שער סביבה, אַליין געלעבט דאָס האַרטע לעבן פון קיבוץ און שטאָטישן אַרבעטער. איר חלום, איר וויזיע האָבן באַקומען אַ תּיקון אינעם פּערזענ־לעכן נסיון פון רעאַליזאַציע.

גאָלדע — די אַקטיוויסטין אין דער הסתדרות, דער שליח, דער מיניס־טער. זי האָט געהאַט דעם זכות צו זיין דער ערשטער אַמבאַסאַדאָר אין ראַטנפאַרבאַנד, און האָט מיט איר אָנוועזנהייט צעצונדן די האָפענונגען און שטרעבונגען פון סאָוויעטישן יידנטום, זייערע באַגערן ווידער זיך צו פאַר־אייניקן מיטן וועלטפאָלק. אַ צייט איז זי געווען די וואָרטזאָגערין אין דער פאַרטיי. און דאַן פרעמיער־מיניסטער. ווי אַ פרוי, וועלכע איז גאָר נישט ווינציק באַלאַסטעט מיט אַרבעט און אחריות, געפינט זי אויך שטענדיק צייט פאַר אַלעם — אפשר מער פאַרשטענדעניש ווי צייט. מען זעט זי אומעטום: אויף קאָנגרעסן, צוזאַמענפאָרן, קולטור־צוזאַמענטרעפן מיט וויסנשאַפטלערס און שוליוגנט. אומעטום טרעט זי אַרויס און באַגריסט. די אַרויסטריטן אירע זענען דורכגעטראַכטע, דורכגעדרונגען מיט נשמה און אימפּולס, דורכ־געוועבט מיט הומאָר, מיט שפּאַס. אַ קלוגער שמייכל באַגלייט איר פּאָלקס־גלייכווערטל, איר טרעפלעכן ביישפּיל. שׂכל, שנעלע אָריענטאַציע, פּאָלע־מישער טאַלאַנט, שלאַגפאַרטיקייט און טאַקט — דאָס זענען אירע מכשירים. איר זעלבסטזיכערקייט און אמונה, איר סאַטיספאַקציע פון איר אַרבעט און לייסטונגס־פעיִקייט גלייכן אויס דעם געבויגענעם רוקן אירן, מאַכן יינגער איר עלטער, פרישן אָפּ איר ענערגיע.

גאָלדע איז איינע פון די אינטערעסאַנטסטע פרויען־געשטאַלטן היינט־צו־טאָג בכלל, די זעלטן שיינע געשטאַלט אינעם יידישן לעבן פון אונדזער תקופה.

די מאַמע גאָלדע טראָגט ווירדיק די קרוין פון עול אין אונדזער מלכות פאָלק.

י. זרובבל

דער יחיד און די געזעלשאַפט באַאיינפלוסן און באַווירקן זיך אומ־אויפהערלעך קעגנזייטיק אין פּראָצעס פון סאָציאַלער אַנטוויקלונג און פּסיכאָלאָגישער געשטאַלטיקונג פון די אינדיווידועלע כאַראַקטער־אייגנ־אַרטן פון יחיד.

באַשטימטע אויסדרוקן פון די דאָזיקע פאָרמען זענען דער שפּיגל, דיאַלעקטישער חותם פון אַ תקופה.

דער יחיד ווערט באַווירקט פון די צייט־געזעצמעסיקייטן, און ביי געוויסע אָביעקטיווע און סוביעקטיווע אומשטענדן ווערט דער אינדיווידוום אַן אַקטיווער אויסדרוק פון מאַסן־פאַרלאַנג, הייבט אָן ווירקן און ווערט אַליין דער רעפּרעזענטאַנט פון זיין צייט, פאָלק, קלאַס, פּאָליטישער גרופּע.

די רעפּרעזענטאַטיווע פאַרבנרייכע פּערזענלעכקייטן מיט זייערע אייגנשאַפטן און אַטריבוטן מיט וועלכע זיי דיספּאָנירן, קענען ווי אַ געשיכטלעכע פונקציע זיך דערהייבן צו געזעלשאַפטלעכער קולמינאַציע.

נישט יעדער איז געבענטשט מיט פילפאַרביקער פאַרשיידנאַרטיקייט, מיטלען פון אַקטיוון אויסווירקן זיך, ווי עס פאַרמאָגט זרובבל אין זיין רייכן לעבנסגאַנג ביז היינט־צו־טאָג. אַקטיוו אין וואָרט, שריפט און טאַט, דורך געדאַנק, צעשטורעמטן עמאָציאָנעלן געמיט און קראַפט פון אויסערלעכן ווירקן האָט ער זיך אַנטפּלעקט. דאָס זענען די סימנים, וועלכע צייכענען די פּראָפיל־ליניע פון זרובבלען.

זיין גאַנצער וועזן איז פאַרבונדן מיט הלכה און פאַרווירקלעכונג, וואָס איז קאָנקרעט און דירעקט פאַרבונדן מיט דער פיבערהאַפטער תקופה אינעם יידישן לעבן פונעם לעצטן יאָרהונדערט — פאַרבונדן מיטן דראַמאַטישן גאַנג, טראַגישן גוראַנגל פון די יידישע פאָלקסמאַסן.

נישט דורך אינדיווידועלער אָפּגעשלאָסנקייט, קאַבינעטישער סעפּאַרירטקייט האָט זרובבל געווירקט, נאָר דורך אַקטיווער אַריינמישונג, איניציאַטיוו און אינספּיראַציע האָט ער זיך אַריינגעגאָסן אינעם פולברויזנדיקן לעבן און פּראָבלעמאַטיק, דורך שאַפן און אויסבילדן דעם קאָלעקטיוון פּאָליטישן אינסטרומענט פון יידישן אַרבעטער־קלאַס — די פּועלי־ציון פּאַרטיי, די מוטער־באַוועגונג פון יידישן סאָציאַליזם און פּראָלעטאַרישן ציוניזם.

זרובבל, צוזאַמען מיט באָראָכאָוון און פּאַר באָראָכאָוון, האָט אויפגענומען דעם רוף, דערהערט די שטים פון צוווייטיקטער צייט, נאַציאָנאַלן גורל, נישט פאַרזעענדיק דערביי דעם אינטערנאַציאָנאַלן קאַמף, די שליחות פון דער רעוואָלוציע, וועלכע זאָל געבן די מעגלעכקייט דער אויפריכטונג פון פעלקער־פרייהייט און בתוכם די אויפריכטונג פונעם יידישן פאָלק דורך זעלבסטבאַשטימונג.

צווישן די ערשטע האָט זרובבל פאַרשטאַנען, אַז נישט דורך אויפלייזונג און זעלבסט־אָפּלייקענונג, נישט דורך קולטור־אַסימילאַציע און פּאָליטישער אָפּהענגיקייט, נישט דורך שיין־רעדעריי און רעוואָלוציאָנערער פראַזעאָלאָ־

גיע וועט קומען די לייזונג, נאָר דורך שטרעבן צו פאַרווירקלעכן דעם באַ־גער דורך אַ היסטאָרישער נויטווענדיקייט, טעריטאָריאַלער קאָנצענטראַציע און שטאַטלעכע פאָרמען וואָס וועט איינציק אויפריכטן סיי דאָס פאָלק, סיי דעם קלאַס און דעם קאַמף פאַר סאָציאַליזם.

זרובבל געהערט צו די פּריווילעגירטע פון אַ פּלעיאַדע, וועלכע אַ דור האָט אָנפאַרטרויט זיין גורל, זיי האָבן באהבה מקבל געווען דעם אָנבאָט, די פאָדערונג פון דור.

ווען מען זאָגט זרובבל, שווימען גלייך אויף אין דמיון פּאַלטאַווע, און דאָס מיינט דעם געבורט פון יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, דאָס מיינט — צייט פון שוואַרצער מאה און רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, עמאַנ־ציפּאַציע־ און אַסימילאַציע־טענדענצן ביי יידן. עס וואַכן אויף דערינערונ־גען פון אַ פולבלוטיק יידיש לעבן אין רוסלאַנד, פוילן און ליטע.

אַ רייך לעבן — רייך אין רייפקייט און אַקטיוויטעט — האָט הינטער זיך זרובבל, ווי נישט פיל פון זיינע אייניצייטלערס. נישטאָ דאַכט זיך קיין קאָנטינענט ווו יידן לעבן, זרובבל זאָל דאָרט נישט האָבן געווען און גע־ווירקט, ווי אַן אָרגאַניזאַטאָר, פּראָפּאַגירער און מונטערער. דעריבער איז ער אַזוי פּאָפּולער ביי די ברייטע שיכטן פון פאָלק.

אָן מליצה קען מען זאָגן, נישטאָ קיין ייד, וואָס האָט נישט געהערט זיינע אַרויסטריטן. ווער געדענקט נישט די נאָענטע פאַרגאַנגענהייט אין פוילן, ווען יוגנט, פּאַרטיי, סתם יידן האָבן מיט אינטערעס געוואַרט, דער־וואַרט זיך אויף זרובבלס אַ באַזוך. חברים האָבן „געשלונגען" יעדעס וואָרט, קעגנערס האָבן זיך גערן איינגעהערט אין די „שעדלעכע" פּועלי־ציון־טעאָ־ריעס, וועלכע ער האָט געפּרעדיקט.

אַלוועלטלעכקייט פון יידן און יידישע פּראָבלעמען האָט ער נישט נאָר פאָרמולירט און געגעבן צו פאַרשטיין, נאָר מקיים געווען, ממש געוואַכט איבער די תּפוצות פון יידישער צעשפּרייטקייט, געלעבט, געדענקט, גע־וויטיקט מיט זייער לעבן און פּראָבלעמאַטיק.

זרובבל האָט זיך נישט באַגרענעצט צו זיין „געביט", וואָס וואָלט באַ־דייט אַרויפלייגן קייטן אויף דער אייגנטימלעכקייט פון זיין נאַטור. מיר קענען אים ווי דעם שרייבער, פיינעם סטיליסט, ליטעראַטור־פּאָפּולאַריזאַ־טאָר און קריטיקער, קונסט־מפונק, עסייאיסט און פּובליציסט.

ער דערשיינט ווי אַ פּאָליטישער פירער־אידעאָלאָג, שול־ און קולטור־

טוער. זרובבל האָט אַריינגעבראַכט דעם פּאָליטישן נערוו אין די באַגריפן פון קולטור און ליטעראַטור־פּראָבלעמען, ווי אַנטפּלעקט דאָס ליטעראַרישע, דאָס זעליש־עמאָציאָנעלע אין דער אידייען־פּאָליטישער וועלט. ער האָט באַהויכט קאַטעגאָריע מיט ליטעראַרישער אַנגעגליטקייט.

אין זיין פולער קראַפט פון אויפגעברויזטע רעוואָלוציאָנערע ליידנ־שאַפטן, האָט זיך זרובבל אַנטפּלעקט דורך און אין דער מייסטערהאַפטיקייט פון זיין וואָרט — דער אָראַטאָרישער קונסט.

אַ פאָלקס־טריבון, סאַלאָן־רעדנער, לעקטאָר און פּאָלעמיקער, באַגייס־טערט מאַסן, אָנגעצונדן זיי מיט אַן אינערלעכן פייער און טיפן גלויבן. אַ מייסטער פון איבערזעצן די שווערע הלכה אויף דער פשוטער שפּראַך פון פאָלקסמענטש און פאַרקערט, אין פּרעציז קאָנדענסירטער פאָרעם דעפי־נירט דאָס, וואָס איז אין טיפן פילן און טראַכטענישן פון פאָלק.

דער אַרכיטעקטאָנישער געבוי פון זיינער אַ רעדע באַצירט זרובבל מיט די פּערל פון וואָרט־אָרנאַמענטיק — פון קלאַנגען, ניואַנסן. עס גייט נישט פאַרלוירן קיין קלענסטער שאָטן פון טאָן אינעם אַרויסגעזאָגטן וואָרט.

זיין רעדנער־סטיל איז פריי פון אָנשטעלערישער אָראַטאָרישקייט און מליצות, דאָס וואָרט איז עכט, אָרגאַניש באַהאַפטן מיט זיין אידייען־וועלט און איבערצייגונג, פאַרבונדן מיט דער ליבע צו שפּראַך, קולטור בכלל און יידישער בפרט. הערנדיק זיינע אַרויסטריטן — הייבט מען אָן דערפילן די אמתע שיינקייט און רייכקייט פון יידישן לשון.

זיין פאָרעם איז פייערלעך, נישט איבערגעלאָדן מיט פּאַטאָס, נישט אויסגעהוילט פון הומאָר. דאָרט ווו נישט נאָר דער „טעזיס״, די טרוקענע סכעמע דעצידירט, נאָר דאָס אימפּראָוויזאַטאָרישע, סטיכישע, פרייע — דאָרט דערגרייכט זרובבל די הייכן פון ווירקן. גענוג נאָר צו דערמאָנען געציילטע אַרויסטריטן, וועלכע זענען פאַרבליבן אומפאַרגעסלעך. זיין אַרויס־טריט צום 25סטן יובילײ פון דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי אין פּוילן (וואַרשע, טעאַטער „נאָוואָשטשי״), אָדער נאָכן חורבן, זיינע אַרויסטריטן אין פּוילן און צווישן די שארית־הפליטה אין דייטשלאַנד.

מען קען זאָגן מיט דער פולער אחריות, אַז אויב עס איז געלונגען צו ברענגען די מערהייט פון שארית־הפליטה קיין ישׂראל, איז עס אין אַ גרוי־סער מאָס אַ דאַנק דעם דירעקטן קאָנטאַקט פון זרובבל מיט די מענטשן. ער האָט געקאָנט, מער ווי ווער עס איז, אויפהייטערן, צעטרייסלען אין זיי

די אַטראַפּירטע פּילבאַרקייט, פּאַרזייען דעם קערן פון ווידערגלויבן אין מענטש, צום לעבן. געוועקט די געפילן פון יידישקייט, צום באַוווסטזיין געבראַכט דאָס גורלדיק געמיינזאַמע, קאָלעקטיווע אחריות פון פאָלק, ער האָט צעשטערט אין זיי די גלייכגילטיקייט, געוועקט אומרו, געפאָדערט נאַציאָנאַלע וואַכזאַמקייט.

די פּועלי־ציון־באַוועגונג האָט דורכגעמאַכט פאַרשיידענע צייטן, סיי אין פּראָצעס פון געשטאַלטיקן זיך, סיי אין צייטן פון גרעאַנגל אַלס וויכ־טיקער פּאָליטישער פּאַקטאָר אינעם יידישן לעבן. ס'זענען פאָרגעקומען שפּאַלטונגען און פאַראייניקונגען, ירידות און אויפשטייגן, ווען די פּאַרטיי איז געווען קליין און שפּעטער אַ מאַסן־פּאַרטיי — אומעטום האָט זרובבל משפּיע געווען, געווען צווישן די, וועלכע האָבן דעצידירט.

האָבן חברים געלערנט ביי זרובבלען זיין פּרינציפּיעל און אויסגע־האַלטן, געלערנט פּאָליטישן געדולד, באַאיינפלוסט געוואָרן פון לעבנס־סטיל און נוסח ווי פון אַ פּאַרטיי־מאַן און אידעאָלאָג, געלערנט ביי אים דיסציפּלין פון טריישאַפט דער פּאַרטיי, קענען אונטעראָרדענען זיך אַ מערהייט, גע־לערנט אויך ווי צו רעוואָלטירן, גיין קעגן שטראָם, אַפילו בלייבן אַליין.

זיין השפּעה איז פאַרבונדן מיט זיינע זעלטענע אינדיווידועלע אייגנ־שאַפטן: עקשנות, אַרבעטזאַמקייט, אומדערמידלעכער אַרבעטס־ווילן. זרובבל איז שטרענג צו זיך, אָרגאַניזירט זיין אַרבעט, פאַרמאָגט גרינטלעכן חוש פאַר אָרדענונג און גענויקייט. צו דעם העלפט אים דער זעלטן גוטער עמאָ־ציאָנעלער זכרון. ער געדענקט גוט מענטשן, סיטואַציעס און געשפּרעכן.

1956

זאב אַבראַמאָוויטש

שרייבן וועגן פּערזענלעכקייטן, פאַרשטייערס פון אידעיִשע ריכטונגען מיינט אין אַ באַדייטנדיקער מאָס שטאַלצירן מיט מיטמענטשן, נאָענטע, אָדער ווייטערע חברים אין וועמענס סביבה עס איז אויסגעקומען צו ווירקן און אידעיִש זיך אויסלעבן. ווען מען צייכנט דעריבער אָפּ אַ דאַטע פון איינעם, וועמען מען פאַרערט און באַוווּנדערט, באַדייט עס נישט נאָר לויב

און אָנערקענונג פאַרן צוויטן, נאָר אויך אַ הנאה פון דער מעגלעכקייט צו קאָנען זאָגן הויך וואָס מען טראַכט וועגן יענעם.

מיט אַזאַ געפיל נעם איך זיך שרייבן די דאָזיקע שורות — אָנדייטן אייניקע שטריכן און אייגנשאַפטן ביי חבר זאב אַבראַמאָוויטש.

נישט איך געהער צו דער פלעיאַדע מיטאַרבעטערס פון אַבראַמאָוויטשעס רייכן לעבנסווערק, ווי אויך נישט זיין ראָוועסניק, נאָר אַ יינגערער חבר פון דער זעלבער באַוועגונג.

געוועזן אַ תקופה פון רעוואָלוציאָנערן אויפגאַנג אין אַמאָליקן רוסלאַנד — אַ צייט פון שאַרפע אידישע שטריטן, וועלכע האָבן געלייגט זייער חותם אויפן עטישן מהות פון פיל אָנפירנדיקע פערזענלעכקייטן — דער אינטעליגענץ פון די באַוועגונגען.

דער אידישער פולווערטיקער אינהאַלט האָט אויך געלייגט זיין חותם אויף דער אויסערלעכקייט, דער פיזיאָנאָמיע און האַלטונג פון יחיד. דער קען־צייכן פון רעוואָלוציע, די אָנגעשטרענגטקייט פון גייסטיקע שטרעבונגען האָבן אויסגעשטראַלט פון געזיכט ממש.

צו אַזעלכע פערזענלעכקייטן, וועמענס אויסערלעכקייט צייכנט בולט, אומצווייַדייטיק דעם אינדיווידועלן כאַראַקטער און זיין גייסטיקע וועלט — געהערט זאב אַבראַמאָוויטש.

עס איז אַ נחת־רוח צו געפינען זיך נאָענט פון אים, הערן אים שמועסן, אויפנעמען זיין געדאַנקענגאַנג, די הסברה צו זיינע וויסנשאַפטלעכע אויספירן. זיין געזיכט דערמאָנט די געזיכט־שטריכן פון אַלבערט איינשטיין, מאַקסים גאָרקי און לעאָן בלום. אין דער „דרייאייניקייט" איז פאַראַן שלימות פון גוטמוט, מילדע רוסיש־בריטהאַרציקע צעשמייכלטקייט אין זיינע בליקן, פאַראַן אין זיין געזיכט שלווה, פאַלקסטימלעכע נאַיִוויטעט און ערלעכקייט.

זיין גאַנץ לעבן איז אַבראַמאָוויטש געווען פאַרבונדן מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד און אוקראַינע — מיט די פועלי־ציון — געשטאַנען אין שפיץ, געדינט ווי אַ ביישפיל פאַר אַנדערע.

ער איז נישט דערשינען מיטן שטורעם פון רעוואָלוציאָנערע אימפולסן, אָן אָראַטאָרישער פאַטעטיק, נישט פאַראַדירט מיט די „צעפלאַטערטע פענער", נאָר אַ רויִקער געגאַנגען אונטער זיי.

נישט קיין שיינרעדער, וואָס ווירקט אויף מאַסן, איז זאב אַבראַמאָוויטש.

געלאַסן, עקזאַקט זאַכלעך, וויסנשאַפטלעך, געגוי, ווי אַן עקאָנאָמיסט און סאָציאָלאָג, מעסט ער און וועגט יעדן געדאַנק, יעדע אַרויסגעזאָגטע באַהויפּטונג. ווי אַ מאַרקסיסט און באָראָכאָוויסט, פאַרמאָגן זיינע פאָרמולירונגען וואָג, אַנאַליטישן זין, דיאַלעקטישע לאָגיק. אַבראַמאָוויטש איז אָבער ווייט נישט איינגעקלאַמערט אין קיין סכעמע, פאַרקנעכטעט צו דאָגמע — ער איז פריי און זעלבשטענדיק אין אורטייל.

טייל מאָל באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז אַבראַמאָוויטש איז טרוקן, אָן עמאָציאָנעלן פייער, פריי פון טענדענץ צו דראַמאַטיזירן געזעלשאַפטלעכע סיטואַציעס. ער ווירקט און איבערצייגט גראָד דורך זיין לאַבאָראַטאָרישן אופן פון מעטאָדיש־לאַנגזאַמען באַטראַכטן און טיילן זיך מיט אַנדערע, מיט זיינע מיינונגען, ספיקות און וואַקלונגען, סברות. ער איז דורכגעדרונגען מיט אומגעפעלשטן הומאַניזם, וואָס איז ביי אים מער אייגנשאַפט ווי פּראָגראַם. אַבראַמאָוויטש, דער טעאָרעטיקער און פאָרשער, האָט קיין מאָל נישט פאַרהאַקט די טיר פון זיין אַרבעטס־קאַבינעט פאַר דער דרויסנדיקייט. מיט דער גאַנצער אויפמערקזאַמקייט איז ער געווען געווענדעט צו דער גאַס, צו די רושטאָוואַניעס, ווו עס ברויזט לעבן און רעוואָלט. ער אַליין האָט פאַרבונדן זיין גורל מיטן חלוצישן דור ביי בנין־הארץ, אָרגאַניש פאַראייניקט די שופלע מיט דער פען.

אַ מענטש פון סטיל איז אַבראַמאָוויטש; לעבנס־פּרינציפּן זענען ביי אים אידענטיש צו לעבנס־אויפפירונג און זיטן־אַרט, וואָס גייט נישט שטענדיק און נישט ביי אַלעמען געפּאָרט. עס וועט נישט זיין קיין מליצה, צושרייבן אַבראַמאָוויטשן חברישקייט, איידלקייט, באַשיידנקייט און פאָלקס־פשטות.

אַבראַמאָוויטש האָט מיטגעאַרבעט ביי די פאַרשיידנסטע גלגולים אין זיין זיגזאַגישן אידייען־וועג בעת דער קריסטאַליזאַציע פון דער פועלי־ציון־באַוועגונג. אַ מאָל איז ער געגאַנגען מיט דער מינדערהייט, אַ מאָל מיטן רוב, זייער אָפט אין אָפּאָזיציע, קעגן אַלע. ווען ער איז געגאַנגען אַליין האָט ער אויך נישט פאַרבלאָנדזשעט אין וועג, נישט געבליבן אין סתירה צו די גרונט־פּרינציפּן פון דער אידייע.

אַבראַמאָוויטש איז געווען באַקאַנט מיט זיין קעגנערישער שטעלונג צו דער פּראַקטיק אין ראַטנפאַרבאַנד, אין זיין נאָך־רעוואָלוציאָנערן פּעריאָד, ער האָט נישט אַפּראָבירט דעם וועג פון סטאַלין־הערשאַפט. מער ווי אַנדע־

רע חברים איז אַבראַמאָוויטש געווען אויך באַקאַנט און באַפריינדעט מיט די אָנפירערס פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד.

בעת דער שפּאַלטונג פון דער פּאַראייניקטער פּאַרטיי צוריק מיט אײ־ניקע יאָר, איז אַבראַמאָוויטש געבליבן אויסער ביידע טיילן פון דער פּאַרטיי — גלייך ווייט, ווי נאָענט צו ביידע.

מיט זיינע טעאָרעטישע אַרבעטן און ווערק האָט אַבראַמאָוויטש נישט ווייניק ביַיגעטראָגן צו פאַרשטיין די פּראָבלעמאַטיק פון דער ישׂראל־ווירט־שאַפט, סיי אין די צייטן פון מאַנדאַט, ווי נאָך דער גרינדונג פון דער מדינה.

אַבראַמאָוויטש האָט מיט זיין גייסטיקער עלעגאַנץ באַשיינט די אַרבע־טער־באַוועגונג — די סאָציאַליסטישע באַוועגונג. מעגן מיר מיט אים שטאָלצירן, מעג זיך גרויסן אַ דור, וואָס האָט פאַרמאָגט אין זיין מיט אַזעלכע מענטשן ווי עס איז זאב אַבראַמאָוויטש.

1965

סטאַניסלאַוו דיבואַ

די געשיכטע פונעם פּוילישן סאָציאַליזם איז — לויט איר טראַדיציע — ענג פאַרבונדן מיט דער געשיכטע פונעם קאַמף פאַר פּוילנס אומאָפּ־הענגיקייט. אַ שיינע גאַלעריע געשטאַלטן פון דעם מין אין דער פּויליש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג וואָלט מען געקאָנט אויסרעכענען. צווישן זיי — באַרימטע סאָציאָלאָגן, שרייבערס, טעאָרעטיקערס, פּאָליטיקערס און מלוכה־מענער.

אָבער זעלטן האָט דער ציוניזם געפונען פאַרשטענדעניש אין די רייען פונעם פּוילישן סאָציאַליזם, וועלכע האָבן קאָנטינויִרט די אַסימילאַטאָרישע אָדער אינדיפערענטע טראַדיציעס לגבי דעם ציוניזם פון דער רוסישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. דערויף האָבן זיך צונויפגעלייגט פיל פאַקטאָרן אינעם פּאָליטישן קלימאַט פון יענער צייט. ווייל אויך די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג איז באַהערשט געווען פונעם אַנטיציוניזם ביזן דערשיינען פון פּועלי־ציון און בער באָראָכאָוו.

געציילטע בלויז פּוילישע סאָציאַליסטן האָבן זיך דערנענטערט צום

ציוניסטישן געדאַנק. צווישן די שענסטע פאַרשטייערס פונעם יונגן דור אין פוילישן סאָציאַליזם, וואָס איז נאָענט געווען צום ציוניסטישן געדאַנק, איז געווען סטאַניסלאַוו דיבואַ.

פאַר וועמען ס׳איז נישט פרעמד דער דאָזיקער נאָמען, ווער ס׳האָט געקענט זיין פאָליטישע אָריענטאַציע אין די רייען פון פ.פ.ס., ווער ס׳האָט געקענט זיין אויפריכטיקע אימפולסיווע נאַטור, זיין רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראַמענט — דער וועט מיט אַכטונג דערמאָנען דעם נאָמען פון פרייהייטס־קעמפער, וועלכער האָט אויך אַקטיוו מיטגעהאָלפן ביי די פאַרשידנסטע געלעגנהייטן דעם ציוניסטישן סאָציאַליזם.

דיבואַ איז געווען אַ מענטש פונעם לינקן פליגל אין דער פ.פ.ס. ער האָט באַנומען דעם ראַדיקאַליזירונג־פּראָצעס אינערהאַלב די פוילישע מאַסן. געזען ווי די אַלטע נאַציאָנאַלע פרייהייטס־טראַדיציעס ווערן צעטרעטצלט דורך דער רעכטער אָנפירונג פון דער פאַרטיי. פיל פון זיי זענען „אויסגעשטיגן פונעם טראַמוויי ביי דער סטאַציע אומאָפּהענגיקייט". דיבואַ האָט געזען די געפאַרן פון דרויסן און פון אינעווייניק; געפאַרן, וועלכע האָבן באַדראָט די זעלבשטענדיקייט פון פוילן.

קיין קאָמוניסט איז דיבואַ קיין מאָל נישט געווען; זיין זעלבשטענדיקער וועג און אויסקריסטאַליזירטער געדאַנק האָבן אים נישט דערלויבט זיך צו בינדן מיט אָנגעוואָרפענע סכעמעס און דאָגמעס פון קאָמוניסטישן לאַגער. האָט דעריבער דיבואַ געפונען זיין וועג אין לינקן פליגל פון דער פויליש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

מיט עקשנות און אידעאָלאָגישער שטאַנדהאַפטיקייט האָט ער באַקעמפט די טיילן אין פ.פ.ס. וועלכע ס׳האָבן רעפּרעזענטירט אַרטשישעווסקי, ניעדזשאַלקאָווסקי, זשולאַווסקי און אַנדערע.

זיין פערזאָן האָט נישט בלויז געצויגן אַ סך אויפמערקזאַמקייט אין די רייען פון זיין פאַרטיי, נאָר ער איז געוואָרן אַ סינאָנים פון אַלע ראַדיקאַלע קעמפערישע טיילן צווישן דער פוילישער אינטעליגענץ.

ווער ס׳האָט אים געקענט פערזענלעך, ווייסט ווי שטאַרק ער האָט געוויטיקט און רעאַגירט אויף יעטוועדער פאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער דערשיינונג. דיבואַ איז נישט געווען דער קאַבינעט־מענטש. ער איז נישט בלויז געווען דער רעדאַקטאָר פון ראַדיקאַלן „דזשיענניק פּאָפּולאַרני", נאָר אַ מענטש פון פּראַקטישער אַרבעט. הגם ער איז געווען אַ מיטגליד אין די

אַנפּירנדיקע אינסטאַנצן פון פּ.פּ.ס., האָבן די רעכטע פירערס פון דער פּאַרטיי זיך צו אים באַצויגן מיט רעזערוו, מיט פּחד פאַר זיין ראַדיקאַלן וועג. ביי אַלעמען האָט ער זיך אָבער אויסגעצייכנט מיט דיסציפּלין; קיין מאָל נישט געפירט קיין דעסטרוקטיוון פראַקציאָנעלן קאַמף אין דער פּאַר־טיי; ער האָט געזוכט בלויז דעם לעגיטימען וועג צו דער יוגנט, געגרייכט צו די ברייטסטע קרייזן פון די פאַרגעשריטענע טיילן פונעם פאָלק.

איך האָב סטאַניסלאַוו דיבוא באַקענט אין דער צייט פונעם „דזשיענניק פּאָפּולאַרני"; שפּעטער זיך אָפט געטראָפן ביי געמיינזאַמע חברים. זיין פּערזאָן האָט אויף מיר געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק. זיינע פלאַמיקע אויגן, אומרויִקע באַוועגונגען, זיין שפּראַך־אימפּעט.

כ'דערמאָן זיך אָן אָוונט ביי זיינער אַ חברטע גענאָוועפאַ; דיבואַ איז אַריין אַ צעקאָכטער, נערוועז. אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם מאַנטל און שאַל; געשפּרייזט איבערן צימער אַהין און אַהער און מיט פאַרדרוס איבערגע־חזרט די פראַזע: „דער אַלטער", „דער אַלטער... ער שרעקט אַלעמען מיט זשידאָ־קאָמונאַ". דאָס האָט ער געמיינט אַרטשישעווסקין, וועלכער האָט — ווי דיבואַ האָט איבערגעגעבן — זיך קעגנגעשטעלט יעטוועדער קאַנדידאַ־טור פון יידן אין דער אָנפירונג פון פּ.פּ.ס. ערשט ווען גענאָוועפאַ האָט אַוועקגעשטעלט אַ פלעשל שנאַפּס, האָט זיך דיבואַ באַרויִקט. אונטערן איינ־פלוס פון אַלקאָהאָל האָט ער ווידער באַקומען הומאָר און אָנגעהויבן צו שיטן מיט פּאָליטישע וויצן.

מיט אויפרעגונג האָט ער גערעדט וועגן דער דאַן דערשינענער בראָ־שור פון י. מ. באָרסקי (אויך פון פּ.פּ.ס.) „די אַנדערשקייט פון יידן", אין וועלכער באָרסקי האָט זיך באַמיט טיילוויז אַרויסצוגעפינען די וואָרצלען פון אַנטיסעמיטיזם אין די רייען פון פּוילישע אַרבעטער. „מיט אַזעלכע טעאָריעס" — האָט ער זיך אויסגעדריקט — „האָדעווען זיי אַליין אויס דעם סאָציאַליסטישן אַנטיסעמיטיזם".

מיט אַ זעלטענער באַגייסטערונג פלעגט ער רעדן וועגן די חלוצים און די קיבוצים נאָך זיינעם אַ באַזוך אין ארץ־ישׂראל. זיין ענטוזיאַזם האָט גע־מאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט וועלן מיך איבערצייגן אין דער ריכטי־קייט פון ציוניזם. צום סוף האָט ער זיך צעלאַכט. „נישט איך דאַרף איך דאָך איבערצייגן, נאָר מיין חבר זאַרעמבאַ".

אויף דער פראַגע, צי איז ער פון פראַנצויזישער אָפּשטאַמונג, האָט ער

נאָך אַ רגע טראַכטן געענטפערט: „ס׳קאָן זיין; אויף וויפל עס קיטלט זיך דער יחוס פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, איז עס ריכטיק״.

די ציַיטונג „דזשיענניק פּאָפּולאַרני״, וועלכע איז ווירקלעך געווען זייער פּאָפּולער, האָט צום סוף אַרויסגעפירט די פּאָליציי פון געדולד. אין אַ מיטן העלן טאָג האָט מען באַזעצט די רעדאַקציע אויף נאָווי־שוויאַט, אַדורכגעפירט אַ גרינטלעכע רעוויזיע — אַפילו די טאָפּעטן פון די ווענט געריסן. אַלע וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען, אַרעסטירט — אויסער דיבואַ. דער פאַקט האָט אים שטאַרק געקרענקט: „אַזעלכע נידערטרעכטיקע נפשות, די סאַנאַציע, באַדיי פריי לאָזן, אַבי מיך צו קאָמפּראָמיטירן״.

צום לעצטן מאָל האָב איך אים געטראָפן אין יאָר 1939 נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה, בעת מענטשן האָבן פאַרלאָזן וואַרשע. כ׳האָב אים געטראָפן אין קאָוועל. ער האָט געאיילט אין דער קאָמענדאַנטור און האָט מיר קורץ געזאָגט: „נישט דאָ איז פאַר מיר דער פּלאַץ. איך גיי צוריק טאָן מיינע פליכטן״. מער האָב איך אים נישט געזען.

סטאַניסלאַוו דיבואַ — אָדער ווי מען פלעגט אים היימיש רופן: „סטאַשעק״ — האָט זיך צוריק אומגעקערט קיין וואַרשע דאָרט צו דערפילן זיינע פליכטן, ווי אַ פרייהייטס־קעמפער און דאָרט אומגעקומען — ווי מען האָט איבערגעגעבן — ביי דער פאַרטיידיקונג פון וואַרשע.

יוסף ראָזען

מיר לעבן אין צייטן פון לויז־געוואָרענע מאָראַלישע באַגריפן. געוויסן און אמת פאַרנעמען נישט דעם אויבן־אָן. אַפילו יחידים מיט די דאָזיקע אייגנשאַפטן, און אַזעלכע זענען פאַראַן, זענען אָפּט געצוווּנגען, קעגן זייערע איבערציַיגונגען, זיך צוצופּאַסן צום אַרום.

באַזונדערס פאַרזיכטיק מוז מען באַהאַנדלען די מעלות און חסרונות פונעם יחיד, אין אַ צייט, ווען ס׳קומט פאַר אַן איבערוועַרטונג פון די ווערטן.

ווען מען באַטראַכט דאָס לעבן פון אחריותפולע מענטשן, זייערע לייסטונגען פאַר דער געזעלשאַפט, קומט צום אויסדרוק אין סך־הכל פון זייערע פּאָזיטיווע אייגנשאַפטן דאָס שטרעבן צום אמת און געוויסנהאַפטיקייט.

ווען מיר באַהאַנדלען די פּערזענלעכקייט פון יוסף ראַזען, מוז מען גלייך באַמערקן, אַז אין קעגנזאַץ צו פיל אַנדערע איז ביי אים געווען נישט אַ באַגלייט־דערשיינונג, נאָר די הויפּט־אייגנשאַפט.

יוסף האָט פאַרמאָגט אַ סך מעלות, סיי אַלס געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער טוער און פאַרשטייער פון דער באַוועגונג, סיי אַלס פען־מענטש און אָראַטאָר, מעלות אָן וועלכע ס'איז נישט מעגלעך צו רעפּרעזענטירן דעם כּלל.

דאָס וויכטיקסטע איז, וואָס יוסף ראַזען, ווי די גאַנצע פּלעיאַדע חברים זיינע אין יידישן סאָציאַליסטישן לאַגער, זענען געקומען צו זייער שם־טוב נישט פון הינטערן ביוראָ־טיש און פאַרנומענער „פּאָזיציע" און „שטעלונג", נאָר געטראָגן אויף פליגלען פון טרוימערישע אידעען און גייסטיקער דערהויבונג.

ער וואָלט נישט געווען קיין חידוש אינעם לעבן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און ביי פּועלי־ציון, ווען נישט דער הויפּט־שטריך, וואָס מאַכט אים אייגנאַרטיק און כאַראַקטערפול גאַנץ — זיין פּערזענלעכער און פּאָליטישער געוויסן.

אַנדערש איז נישט מעגלעך צו באַנעמען זיין לעבנסוועג, זיינע שטרויכלונגען און דערפאָלגן, די שטורמישע קאָנפליקטן מיט דער סביבה און צום סוף דאָס שטעלן זיך אין אַ זייט פון דעם ברייטן פאָרום.

נאָר פון דעם אַספּעקט דרינגט די ברויזנדיקע געשטאַלט פון יוסף ראַזען. דער גאַנצער לעבנס־ציקל זיינער איז אַ לאָגישע קאָנסעקווענץ פון זיין קרישטאָל־ריינעם כאַראַקטער.

ביי אַנדערע איז אמת, ריינקייט — אָפּט מאָל אַ קרעדאָ, אַ לאָזונג, אַ ווונטש, ביי יוספן איז „אמת, נאָר אמת, דער גאַנצער אמת" געווען די אייגנשאַפט פון זיין נאַטור. די דאָזיקע שבועה האָט ער געגעבן דעם לעבן, דער באַוועגונג און געהאַלטן זי ביזן סוף.

ביי יוספן הייבט זיך אָן דער קאָנפליקט און קאַמף נישט דאָרט, ווו עס הייבט זיך אָן די מיינונגס־פאַרשיידנהייט אין עצם פון פּראָבלעם, נאָר דאָרט, ווו עס הייבט זיך אָן דער קאָמפּראָמיס, די שוואַכקייט, דאָס אויסמיידן און פאַרבייגיין דעם אמת פון קריסטאַליזירטן געדאַנק.

דאָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין גאַנצער פּאַרטייאישער און פּובליציסטישער טעטיקייט. זיין אופן שרייבן, רעדן און פּאָלעמיזירן

איז געווען אין דער ערשטער ריי — קאָנפראָנטירן דעם אמת מיטן שקר, אויפריכטיקייט מיט היפּאָקריזיע, דאָס לאָגישע מיטן אַבסורד. ווער נאָך ווי ער האָט געקאָנט אַזוי אויסטאָן נאַקעט און צעדריבלען פאַלשקייט פון האַנד־לונגען און דערשיינונגען!

אויפברויז און פּראָטעסט, צאָרן פון אַ תּלמיד־חכם איז געווען אַן אינסטרומענט, וועלכן ער האָט מיט גרויס געניטקייט און נישט זעלטן אָנ־געווענדט קעגן יענע, אין וועמענס פּאָליטישער געוויסנלאָזיקייט עס איז שוין נישט געווען קיין ספק.

נישט צופעליק און נישט אומזיסט האָט יוסף געהאַט אַזוי פיל אָנער־קענונג פון די מאַסן, ליבע פון חברים. ווער געדענקט נישט זיינע אַרויס־טריטן איבער די שטעט און שטעטלעך פונעם פאַרשניטענעם יידישן פּוילן, דעם גרויסן אינטערעס פאַר זיינע מייסטערישע אַרטיקלען אין „אַרבעטער־צייטונג” און „פרייע יוגנט”!

אים האָבן נישט געפעלט קיין קעגנערס. אָבער אַלע האָבן זיך צו אים באַצויגן מיט אַכטונג, רעספּעקטירט זיין קראַפטפולע אויפריכטיקייט.

יוסף איז נישט געווען בלויז אַ טעאָרעטיקער, דיאַלעקטיקער, הגם אויף טעאָריע האָט ער אַלע מאָל געלייגט גרויס געוויכט. ער איז אָבער געווען צו אימפּולסיוו־דינאַמיש, עמאָציאָנעל און עמפּינדלעך אין זיין רעאַגירונג אויף געשעענישן, ער זאָל סטאַנדאַרטיזירן און קאָנאָניזירן פאָרמולעס און באַגריפן.

דעם גליַענדיקן פּאָלעמיקער, וואָס האָט זיך נישט אונטערגעגעבן קיין מאָל ביזן נצחון פון זיין געדאַנק, האָט נישט געפעלט קיין הומאָר. גלייך האָט מען אין זיין געזיכט, אין זיינע קלוגע אויגן דערזען מילדקייט, גוט־קייט, טיפע צופרידנקייט פון דאַזיקן נצחון. דאָס איז ביי אים געווען די בריק צווישן איין געראַנגל און דעם צווייטן.

צו באַשיידן און אינטעלעקטועל־נאָבל איז געווען ראַזען, ער זאָל זיך יאָגן צו שניידן די פּרוכטן פון זיינע נצחונות. ווען זיין געדאַנק האָט געזיגט, איז זיין הויפּט־אויפגאַבע געווען געענדיקט.

ווען ער האָט זיך געשטעלט מן־הצד איז עס אויך נאָר געווען אַ פאָרעם פון ריקזיכטלאָזן קאַמף קעגן דערשיינונגען אין דער פּאַרטיי, אין וועלכער ער האָט פריַער ווי אַנדערע דערזען פאַרקריפּלונגען. ער האָט געוואָלט זען די באַוועגונג אַ שטאַנדהאַפטיקע, קעמפערישע פאַר אירע ציוניסטיש־

סאָציאַליסטישע פּרינציפּן, נישט פאַרטראָגן קיין שוואַכקייט, נאָכגיביקייט, קאַפּיטולאַנטישקייט. דערפאַר האָט קיינער נישט אַזוי בולט ווי ער אויפגעדעקט די כּוונות פון די סנה־ליקווידאַטאָרן.

ער האָט געליטן, שמערצלעך איבערגעלעבט אַלץ אין דער באַוועגונג און אין שייכות צו דער באַוועגונג.

יוסף ראָזען, דער מענטש פון אמתן הומאַניזם און טיף מענטשלעכע ליידנשאַפטן — גלייך ווי ער האָט געקענט האַסן דאָס שלעכטס, דאָס בייז, האָט ער אין נאָך אַ גרעסערער מאָס געליבט דאָס גוטע, דאָס ערלעכע, וואָס איז אים נאָענט און טייער געווען. ער האָט ליב געהאַט דאָס לאַנד, דאָס פאָלק, דאָס ווערק וואָס קומט אויף. עס האָט אים געפרייט יעדע דערגרייכונג פון דער מדינה, יעדע נייע קאָלאָניע, יעדעס צוגעקומענע הויז, יעדער ניי־צוגעקומענער עולה, יעדעס ניי־דערשינענע בוך און זשורנאַל.

ער האָט נישט פאַרנומען די פּאָזיציע, וועלכע ער האָט פאַרדינט, אָבער פון שאָטן־ווינקל האָט אַרויסגעשטראַלט זיין פּערזענלעכקייט.

ווען עמעצן פון אונדז איז שווער געוואָרן אויפן האַרצן, ענג דער אָטעם, איז ער אַוועק זיך אויסרעדן מיט יוספן.

ער איז געבליבן געטריי זיך — דעם געוויסן — און איז פריי פאַרבערענט געוואָרן אין גלי פון אייגענעם נשמה־פייער.

ווען עמעצער פון אונדז וועט זיך ווען עס איז געפינען אין געראַנגל צווישן גלייכן ערלעכן וועג און קאָמפּראָמיס, ווען ער וועט שטיין פאַר אַ מכשול, זאָל ער זיך דערמאָנען — יוסף.

1954

איוואַן מאַקוד

אין די דערמאָנונגען פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט שווימען אויף עפּיזאָדן, געשעענישן און פערזאָנען אויך פון דער פרעמד. ווילט זיך זיי דערמאָנען, בפרט ווען דאָס האָט אַ שייכות צו פּאָזיטיווע באַציִונגען לגבי אונדז, ייִדן.

צווישן אַזעלכע פּאָזיטיווע פערזענלעכקייטן — ווי אַ יוצא דופן ביים אוקראַיִנישן פאָלק — איז ווערט צו דערמאָנען דעם ד״ר איוואַן מאַקוד,

דעם געוועזענעם פירער פון דער „ראַדיקאַל־סאָציאַליסטישער" אוקראַיִני־שער פּאַרטיי אין גאַליציע און וואָלין. מאַקוך איז געווען אַ לאַנג־יאָריקער סענאַטאָר אין פּוילישן סענאַט, באַרימט דורך זיינע זייער מוטיקע אַרויס־טריטן דאָרט.

דער ראַדיקאַליזם פון ד״ר מאַקוך איז נישט באַשטאַנען בלויז פון זיין צוגעהעריקייט צו דער „ראַדיקאַלער" פּאַרטיי. זיין נישט־געפּעלשטער הומאַניזם, דאָס געפיל פאַר יושר און רעכט, און זין פאַר מענטשן־פריינד־שאַפט — דאָס איז געווען די אייגנטלעכע נאַטור זיינע.

אַליין איז ער געווען אַ זון פון פויערים. נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט דערגרייכט צו אַ וויכטיקער פּאָליטישער פּאָזיציע, איז מאַקוך אַלץ געבליבן געטריי דער אייגנטלעכער, נישט געפּעלשטער פאָלק־פּשטות, אין זיין האַנדלען, אויפפירן זיך אין באַצוג צו מענטשן. אויך זיין שפּראַך, די אויסדרוק־פאָרעם, האָט אַנטשפּראָכן זיין וועזן. זייער אָפט פלעגט ער זיך באַנוצן — אין די אַרויסטריטן, ווי אין די פּריוואַטע געשפּרעכן — מיט נישט געצוימטע פאָלקס־באַצייכענונגען, וועלכע האָבן פאַרמאָגט דעם חן פון פויעריש־נאַיִווער זאַפטיקייט און פולבלוט. ווי אַ יוריסט האָט ער דערביי נישט איין מאָל אָפּערירט מיט זייער קאָנדענסירטע און פּאָליטיש־טרעפלעכע דעפיניציעס ביים אַרויסרוקן זיינע פאָדערונגען אינעם סענאַט.

ד״ר איוואַן מאַקוך איז געווען אַ שלאַנקער, גראָדער, דעם קאָפּ גע־האַלטן אין דער הויך און געקוקט פאַר זיך אַ פאַרטראַכטער. אין זיין גע־זיכט איז געווען עפּעס פון טאַראַס שעווטשענקאָ און מאַקסים גאָרקי: אַ הויכער, גערינצלטער שטערן, לאַנגע וואַנסן, שווערע אויגן־דעקלעך האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט איבער זיינע פאַרטרוימטע בלויע אויגן.

מאַקוך איז געווען אַ פריינד פון יידן און באַפריינדעט מיט יידן. זיין פאַרגעניגן איז ממש געווען אין דער פרייער צײַט אַוועקצוזעצן זיך אין מיטן מאַרק פון שטעטל, אויף אַ טרעפּל פון אַ יידיש געוועלבל, אַרום אים — אַ הייפל יידן, מיט וועלכע ער האָט זיך אַדורכגעשמועסט, ווי אַן אייגע־נער מיט אייגענע.

זיין יידן־פריינדשאַפט איז געווען מער פון פערזענלעכער נאַטור, ווי פון פּאָליטישן פּראָגראַם; ס׳האָט אָפט געשטאָכן די אויגן פון זיין סביבה...

זיין אַדוואָקאַטישע פּראַקטיק האָט ער אויסגעפירט אין זיין סטאַביל וווינאָרט אין קרייז־שטעטל טאָלמיטש.

דער פּאַקטישער לייטער פון זיין קאַנצעלאַריע איז געווען דער ייִד האַרטנשטיין. ס׳איז אַ סך צו דערציילן וועגן אַפּטע קוריאָזן מיט זיין אַדוואָקאַטישער פּראַקטיק. ער האָט, למשל, פאַרטיידיקט אין געריכט זיינעם אַ קליענט, אַ פּויער; האָט ער אין מיטן דער געריכט־פאַרהאַנדלונג זיך געקאַנט ווענדן צום פּויער און אים זאָגן: „זעסט דאָך, פּויער, אַז דער ייִד איז פאַרט געדעכט״.

אין די צייטן פון זעלבשטענדיקן אוקראַיִנע („סאַמאָסטינאַ־אוקראַיִנאַ״) — נאָכן ערשטן וועלטקריג — האָט מאַקוך פאַרנומען דעם פּאָסטן פון אינערן־מיניסטער. האָט ער נישט איין מאָל אָפּגעראַטעוועט די ייִדן פון פּאָגראָמען (הגם דאָס האָט זיך זעלטן איינגעגעבן). עס איז געווען אַ פאַל ווען אין זיין אַנוועזנהייט, אין טאַלמיטש, האָבן זיך אין אַ יאַריד־טאָג געזאַמלט די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער מיט העק און זעק, מיטן ציל צו מאָרדן און רויבן ייִדן פון שטעטל. דער המון האָט זיך געזאַמלט ביים הויז פון מאַקוכן און געוואַרט אויף אַ סיגנאַל. ווען אַלע האָבן זיך שוין פאַרזאַמלט, איז מאַקוך אַרויס אויפן באַלקאָן און זיך געוואַנדן צום המון מיט געציילטע ווערטער: „יאַ ציאָהאַ נע כאַטשיו״ („איך וויל דאָס נישט״); ער האָט באַפוילן דער פּאָליציי צו היטן די אָרדענונג, ביז אַלע וועלן זיך רויִק צוריקקערן אין זייערע דערפער.

איין מאָל איז מאַקוך גאָר אַריין אין אַזאַ גרימצאָרן, אַז ער האָט אין מיטן מאַרק אויסגעשריגן צו די פּויערים, וועלכע האָבן ראַבירט די שטעטלעס פון אָרעמע ייִדן: „פון אונדזער זעלבשטענדיקייט וועט גאָרנישט אַרויסקומען, אויב איר, נאַרישע פּויערים מיינט, אַז דער אידעאַל פון אונדזערע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען איז געווען כאַפּן עפּל ביי די ייִדישע פאַרקויפערס״.

שפּעטער, ווען די ייִדישע וועלט האָט געפייערט די דערעפענונג פון דער אוניווערסיטעט אין ירושלים, האָט מאַקוך באַגריסט אין דער גרויסער שול די ייִדן צו דעם טאָג, אין וועלכן זיי האָבן זוכה געווען צו האָבן אַן אייגענעם העברעיִשן אוניווערסיטעט.

אַ מאָל, אין אַ שמועס מיט מיר, האָט ער זיך באַרימט: „ווייַז מיר נאָך איין מיניסטעריום אין דער וועלט, ווו אויף דער טיר צום מיניסטערס קאַבינעט זאָלן זיין די אויפשריפטן אין צוויי שפּראַכן — אין אוקראַיִניש און אין ייִדיש״. מיט פאַרדרוס און צער פלעגט ער רעדן וועגן די פאַר־

געקומענע פּאַגראָמען אין גאַליציע. מען האָט זיי אַפילו אויך אים צוגע־שריבן. הגם ער האָט אַלץ געטאָן, כּדי צו צוימען די צעווילדעוועטע אינסטינקטן פונעם המון.

בעת וואַלן צו די פּוילישע פּאַרלאַמענט־קאַמערן האָט זיין פּאַרטיי גע־שלאָסן אַן אָפּמאַך מיט יצחק גרינבוימען וועגן שאַפן אַ געמיינזאַמען טעכ־נישן בלאָק צו די וואַלן. שפּעטער האָבן די אוקראַיִנישע נאַציאָנאַליסטן אויף אַ פאַרזאַמלונג געשטערט מאַקוכן בעת זיינס אַן אַרויסטריט, שרייענ־דיק: — דאָס האָסטו זיך פּאַרבונדן מיט די „איציקס״ ביי די וואַלן...

נישט פיל פון צווישן די אוקראַיִנער קאָן מען צושרייבן יידן־פריינד־לעכע אייגנשאַפטן נאָך דעם אַלעמען, וואָס די צייט האָט באַוויזן. וואָלט דעריבער אפשר געווען נישט ריכטיק, נישט צו דערמאָנען איינעם, וואָס האָט זיך פאַרשריבן מיט גאָר אַן אַנדער בלעטל אין דער טרויעריקער געשיכטע פון אוקראַיִניש־יידישע באַציִונגען.

זאָל אָבער אויך אַרויסגעהויבן ווערן די לעכערלעכקייט פון די פּראָ־פאַרציעס: צווישן צוויי פעלקער, וואָס האָבן דורות צוזאַמען געלעבט און נישט איין מאָל צוזאַמען געליטן — זאָל מען קאָנען אויפציילן בלויז איינצל־נע צדיקים בסדום...

צווישן די לעצטע דער ערשטער

פּאַראַן חברים־אָנפירערס, וואָס צייכענען זיך אויס מיט זייער רעפּרע־זענטאַטיווער אויסערלעכקייט, קראַפט פון ווירקן, רעטאָרישע און שריפט־שטעלערישע אייגנשאַפטן אאַז״וו. זיי ווירקן צוזאַמען מיט דעם קאָלעקטיוו, אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס. זיי פאַרשווינדן אָבער נישט, ווען זיי קומט אויס צו בלייבן אָפּגעזונדערט, אַליין. אויך אין זייער אַליינקייט פאַרלירט נישט דעם יחידס ווירקונג פון איר קראַפט.

פּאַראַן אויך יחידים־פירערס, וואָס פאַרנעמען פּאָזיציעס, לייגן זייער שטעמפּל אויפן גאַנג פון דער אַרבעט אין דער פּאַרטיי, נישט פאַרמאָגנדיק אַליין, אויפן ערשטן אויגנבליק, דעם ספּעציעלן צויבער פון דער נאַטור. זיי מוזן זיין תּמיד מיט די מאַסן. זיי ווירקן נישט, ווי אָפּגעזונדערטע יחי־דים, מחוץ און אָן דעם קאָלעקטיוו.

חבר מוליע האָט געהערט גיכער צום צווייטן טיפּ.

פון דער שמאָל־ביינערדיקער, נידעריק־וווקסיקער געשטאַלט האָט אויסגעשטראַלט פּערזענלעכקייט. אין זיין געזיכט איז געווען זאָרג, ענער־גיע און רוגזה צו גלייך.

נישט קיין אָראַטאָר, דאָך האָט מען מיט אויפמערקזאַמקייט זיך צוגע־הערט צו די מיינונגען, וואָס מוליע האָט אַרויסגעזאָגט מיט פולער איבער־לייגטקייט, וואָג, לאָגיק און אחריות. אין זיינע אַרויסטרעטונגען איז אפשר געווען מער כוח פון דעציזיע, ווי קראַפט פון איבערצייגונג.

מוליע איז שטענדיק געווען אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס אין דער פּאַרטיי, אויפן פּאָליטישן, ווי אויפן פּראָפעסיאָנעלן פראָנט, און דאָס — נישט אויף די פּאָזיציעס פון רעפּרעזענטירן, נאָר אויף די פּאָזיציעס פון אַרבעט.

מער ווי ערגעץ־ווו, איז ער געווען אין די רייען: אין איינעם מיט די חברים; ווען עס איז נייטיק געווען, אין שווערע מאָמענטן פאַר דער באַ־וועגונג, האָט זיך מוליע געשטעלט אין אַריערגאַרד, דאָרט ווו מען באַ־דאַרף וואַכן, אַכטונג געבן, אָפּשליסן, האָבן די אָרגאַניזאַציאָנעלע השגחה, נישט לאָזן אָפּשטיין די הינטערשטעליקע רייען אין דער מחנה.

ריכטיק האָט ח׳ ערעם באַמערקט: „...וואָלטן אין דער פּאַרטיי געווען טיטולן, וואָלט מען באַדאַרפט איבערפראַזירן די באַצייכענונג „לאָרד החותם״ אין פּאַרטייִשן זין. דאָס איז געווען מוליע ביי פּועלי־ציון, אינעם פּאַרבאַנד־ביוראָ און וועלט־פּאַרבאַנד פּועלי־ציון״.

אַלע אָרגאַניזאַציאָנעלע פעדעם אינערהאַלב דער באַוועגונג, אַלע לאַסטן אין דער פּאַרטיי אין די צייטן פון אויפשטייג און ירידה, זיינען יאָרצענדליקער האָט מוליע אויסגעטראָגן. וועגן דעם אַלעם האָט דערציילט און עדות געזאָגט זיין געזיכט־אויסדרוק, די געבויגענע פּלייצע, אויף וועלכער עס האָט ממש געלאַסטעט דער טאָג־טעגלעכער יאָך פון דער באַוועגונג.

מוליע איז אָנגעגאַנגען פאַר אַ שטרענגן, פּרינציפּיעלן מענטש; אָפּט אַפילו אַ בייזער, אָבער נישט קיין שלעכטער. ער האָט פון פּאַרטיי־חברים פיל געפאָדערט, מאַקסימום אָנשטרענגונג און איבערגעגעבנקייט. אַליין איז ער געווען אַן אַקטיווע נאַטור, וואָס האָט זיין פּערזענלעך לעבן אונטער־געאָרדנט, בעסער געזאָגט, פּאַראייניהייטלעכט מיט דער פּאַרטיי.

צו קלוג איז געווען מוליע, בכדי צו פאָדערן פון אַנדערע דאָס, וואָס

ער אַליין האָט געקענט געבן. ער איז נישט געווען קיין פאַנאַטיקער, פאַר־שטאַנען מענטשלעכע שוואַכקייטן און געוווּסט, וואָס ער קען פון דעם אַדער צווייטן חבר דערוואַרטן.

באַזונדערס האָט מוליע פיינט געהאַט פוילקייט, פאַרטרוימטע צע־פלאָסנקייט, באַהעמישע נאַכלאָזיקייט; נישט געקענט זיך רעכענען מיט דער היפער־עמפינדלעכקייט פון אַ טייל חברים. פון דאַנען — די אָפטע מיספאַרשטענדענישן.

ווען מען האָט זיך שוין גוט געהאַט „אָפּגעשראָקן" פאַר זיין גרימצאָרן, האָט זיין געזיכט מיט אַ מאָל זיך באַרויִקט און די גוטמוטיקע מילדע בליקן האָבן צוריקגעשטעלט די „גלייכגעוויכט" ביים חבר.

דאָס מיינט נישט, אַז מוליען איז פרעמד געווען די אויסערפאַרטייִשע וועלט. פאַרקערט, ער האָט פאַרמאָגט אַ ברייטן האָריזאָנט פון פאַראינטערע־סירונג מיט אַלע פראַגן און דערשיינונגען אינעם מענטשלעך־שעפערישן גייסט, וואָס איז אין ווען פון יעדן סאָציאַליסט. אַ סך פאַרשטענדעניש האָט מוליע געהאַט פאַר ליטעראַטור און טעאַטער. אויסער דעם „פאַרטייִשן דינסט", האָט מען אים געקאָנט טרעפן פאַרטיפט אין שיינער ליטעראַטור פון די יידישע און נישט יידישע קלאַסיקערס. ער האָט שטענדיק אין גע־שפרעכן אויסגעדריקט אָריגינעלע און קריטיש־טרעפלעכע באַמערקונגען וועגן ליטעראַטור. ער האָט פיל געפאָדערט פון דער פאַרטיי־פּובליציסטיק, זעלבסטקאָנטראָל איבערן אַרויסגעזאָגטן וואָרט.

ריקזיכטלאָז איז מוליע געווען אין אַן עפנטלעכן וויכוח, אויף חברים־פאַרזאַמלונגען. נישט מקנא צו זיין איז געווען דעם יעניקן, וואָס זיינע אַרויסטרעטונגען זענען נישט געפעלן מוליען. מוליע איז געווען אימפּולסיוו, געמאַכט צווישנרופן און שאַרפע באַמערקונגען (אויב ער האָט אַליין נישט געפירט דעם פאַרזיץ).

כ׳בין זיך מודה ומתוודה, איך האָב געהערט צו יענע, וועלכע האָבן קיין איבעריק מזל צו מוליען נישט געהאַט. כ׳געדענק נישט קיין אַרויס־געזאָגטע מיינונג, וועלכע זאָל נישט געווען אַרויספירן מוליען פון גלייכ־געוויכט.

מיך האָט עס געצאַרנט און פאַרדראָסן, ס׳איז שווער געווען צו פאַר־טראָגן די דאָזיקע באַציִונג. נישט אַזוי אין די מיינונגס־אונטערשיידן מיט חברים, ווי גיכער אין נוסח און אין טראַקטירן פּראָבלעמען ביי געוויסע

חברים, וועלכע מוליע האָט נישט פאַרטראָגן. ער האָט ליב געהאַט קאָנ־קרעטקייט, פשטות, קלאָרקייט.

ווי איבערראַשט און „אַנטוישט" צום גוטן איז מען געווען, ווען טראָץ אַלע „פיינטלעכע" אַקטן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז „הינטער די אויגן" האָט ח' מוליע פּאָזיטיוו און מיט פאַרשטענדעניש אַרויסגעזאָגט זיך וועגן דעם אָדער יענעם חבר.

מוליע האָט געהאַט באַציִונג, אָבער אָן סענטימענט, געלייסטעט אַלע יאָרן געזעלשאַפטלעכע הילף, נאָר נישט געווען קיין „בעל־טובה".

די חברים, וואָס האָבן אין די מלחמה־יאָרן געלעבט אין די וויטע מקומות פונעם ראַטן־פאַרבאַנד, וועלן נישט פאַרגעסן די הילף, וועלכע די פּאַרטיי האָט אונדז געשיקט (שפּייז און קליידונג).

ס'האָט אונדז געקרעפטיקט אויך מאָראַליש, געגעבן כּוח צו אויסדויער, וויסנדיק אַז מען איז נישט פאַרלאָזט אין דער איינזאַמקייט, אַז עמעצער טראַכט, זאָרגט ערגעץ־ווו פאַר דיר — די פּאַרטיי.

אויף די פּעקלעך איז געווען דער נאָמען פון אַרויסשיקער — שמואל עדעלמאַן.

נישט קיין צופאַל, נאָר אַ זכות, אַ חוב, וועלכן מוליע האָט אויף זיך גענומען. געזוכט אויף אַלע וועגן און אופנים קאָנטאַקט מיט חברים.

ווער נאָך ווי מוליע האָט אַזוי אויפגעלייזט דאָס פּערזענלעכע אינעם געמיינשאַפטלעכן! זיין גאַנצער מהות איז געווען — פּאַרטיי.

גערעכט האָט ח' לייבל באַמערקט: „...מוליע איז געווען אַ „קאָנסער־וואַטיווער רעוואָלוציאָנער". נישט לייכט דערלאָזט צו רעוויזיעס פון איינ־שטעלונגען און פּרינציפּן, שטענדיק זיך געהאַלטן אין די ראַמען פון פּראַ־גראַמאַטישע־אידעאָלאָגישע דעפיניציעס. ער האָט אָבער פאַרשטאַנען די גרענעץ צווישן פּרינציפּ און טאַקטיק. אויב מען האָט באַדאַרפט, האָט ער געקענט זיין עלאַסטיש און מעסיק, גרייט צו ענדערונגען. ווי ער זאָל נישט געווען האָבן באַוואַכט דעם פּרינציפּ, איז ער אָבער נישט גרייט געווען צוליב אַ פאָרמולע מוותר זיין אויפן לעבנס־פאַקט און אויף אמתן, וועלכע ווייזן זיך אָפּט אַרויס שטאַרקער ווי די פאָרמולע.

פּינקטלעכקייט, געדאַנקען־סדר, פּאָליטישע פּעדאַנטקייט — זענען גע־ווען זיין אייגנטלעכע נאַטור. די געזעלשאַפטלעכע וואַכזאַמקייט האָט אים קיין מאָל נישט פאַרלאָזט, קיין מאָל נישט דערלויבט, עמעצער זאָל פאַר

אים טאָן זיין אַרבעט. אַליין פאַרווירקלעכט דאָס געפּלאַנטע, דאָס אין גע־
גערדאַנק אויסגעטרוימטע.

כ׳בין זיך משער: ווען ס׳וואָלט מעגלעך געווען אַדורכלויכטן, אַדורכ־
בליקן געדאַנקען און דעם אומרו אין מענטש, וואָלט מען געוויס פאַרצייכנט,
אַז דער לעצטער געדאַנק, מיט וועלכן עס איז געשטאָרבן מוליעס באַוווסט־
זיין, איז געווען זאָרג פאַר דער פאַרטיי.

ווי אַ כלל, זענען פאַראַן אַלטע און יונגע; ווען עס גייט אָבער אין
נאָענטע — פאַרשווינדן די באַגריפן אַלט און יונג, בפרט ווען עס גייט
אין געזעלשאַפטלעכע טוערס. דער אַקטיווער נאַטור איז אין עצם פרעמד
דער באַגריף אַלט.

אין אונדז וועט בלייבן: מונטערע בליקן פון אַ שטרענג געזיכט, מיט
וועלכע ס׳איז אַוועק פון אונדז דער 80־יאָריקער חבר — „צווישן די לעצטע
דער ערשטער" — ווי ס׳האָט געזאָגט זרובבל.

1955

פון זעלביקן מחבר:

אירענאַ אייכלער

(קריטישע סטודיע), וואַרשע, 1939

פּראָבלעמען פון קינסטלערישן שאַפן

פאַרלאַג „נייוועלט״, מינכען, 1948

אמנות ותיאטרון

הוצאת י. ל. פרץ, תל־אביב, 1958

דיוקן ומסכה

הוצאת מחברות לספרות, תל־אביב, 1965